STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00298

LITERARISHE ESEYEN

Samuel Lestchinsky

Permanent preservation of this book was made possible by
Esther Helfand
in honor of
the Gantse Mishpokha

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. לעשטשינסקי

ליטעראַרישע עסייען

פאַרלאַג „גרשוני"
ניו־יאָרק, 1938

Copyright 1938 by
S. LESTCHINSKY
NEW YORK, N. Y.

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS
19 - 27 West 21st Street
New York, N. Y.
255

אינהאַלט:

I

פאָלק און פאָלקסטימלאַכקייט

פאָרוואָרט ... 5
דאָס פאָלקס שאַפען ... 9
דאָס אינדיווידועלע שאַפען ... 15
דער געזעלשאַפטלאַכער און פאָלקס קאָלעקטיוו ... 21
פאָלקסטימלאַכקייט ... 29

II

וועהען און פּראָבלעמען פון אידישען שאַפען

ש. י. אבראמאָוויטש — מענדעלי מוכר ספרים ... 39
בעל מחשבות ... 46
דוד פרישמאַן ... 53
ה. ד. נאָמבערג ... 58
הלל צייטלין ... 63
י. ח. ברענער ... 69
מ. ז. פייערבערג ... 75
ש. צ. זעצער ... 82
ראובן בריינין ... 89
ל. שאַפּיראָ ... 98
ח. נ. ביאַליק ... 106
ש. טשערניכאָווסקי ... 112
אחד־העם ... 119

III

נאָהענט־פרעמדע און פרעמד־נאָהענטע

י. זאַנגוויל ... 131
היינריך היינע ... 136
יאקאָב וואַסערמאַן ... 150
לאָרד בייראַן ... 164
אלעקסאנדער סערגעיעוויטש פושקין ... 172
יאָזעף קאָנראד ... 184
אַנאַטאָל פראַנס ... 192
מאַרק טווין ... 204
ראמען ראלען ... 211
מאַקסים גאָרקי ... 220

פאָרוואָרט

דאָס פאָלגענדע בוך, „ליטעראַרישע עסייען", שטעלט מיט זיך פאָר, אין א געוויסען היגזיכט, אַ רעזומע, ניט קיין גאַנצען סך־הכל פון מיין ליטעראַרישען שאַפען ביז איצט.

איך וויל דאָ באַטירען, אַז איניגע עסייען פון דעם בוך זיינען פריער דערשינען אין דער „פרייע ארבייטער שטימע" און אין דעם „אידישען קעמפער".

דער גרעסטער טייל אָבער האָט דערזעהען די ליכט אויף די זייטען פון „דאָס וואָרט", ארויסגעגעבען צוריק מיט יאָהרען פון דעם חשוב'ן ש. צ. זעצער.

א היבשער טייל איז אויך דערשינען אויף די שפאַלטען פון דער פילאדעלפיער אידישע צייטונג, „די אידשע וועלט".

דאָס בוך ווידמע איך דער פארשעהנערונג פון דעם אידישען וואָרט און דער דערהויבונג פון אידישען גייסט.

דער פאָרפאַסער

I

פֿאָלק און פֿאָלקסטימלאַכקייט

דאָס פאָלקס שאַפען

דער כלל, דער קאָלעקטיוו איז, אזוי צו זאָגען, דער ערשטער קינסטלער פון לעבען.

אין דעם הינטערגרונד פון זיין נשמה הערשט דער עלעמענטאַרער פּראָצעס, דורך וועלכען עס ווערט געהאַלטען צוזאַמען און פאַרקנופּט דער מענשען־שטויב אין איין קאָמפּאַקטער מאַסע.

נייע שטראָמען מענשען־מאַטעריאַל, נייע און נייערע דורות געהן דורך דעם זעלביגען מעדיום, די זעלביגע סביבה און ווערען עטנאָגראַפיש צונויפגעגאָסען און פאַרשמאָלצען אינאיינעם.

אַזוי וואַקסט אויס אויף א לאַנגזאַמען עוואָליוציאָנערען שטייגער דער פאָלקס־קאָלעקטיוו פון דעם אורשפּרינגלאכען קיבוץ מענשען און אנטוויקעלט זיך אינערלאך אָרגאַניש, קריסטאַליזירט זיך און ווערט אן אַקטיוו שעפעריש וועזען. דורך אומקלאָרע נעבעלהאַפטע מיטהען הויבען אָן ארויסטרעטען לויטערע רעליגיעזע באַגריפען און עמאָציעס, דורך די גוזמא׳דיגע, היפּערבאָלישע פאַנטאַזיעס ערשיינען באַצויבערנדע פיגורען; עס שאַפט זיך ביים פאָלק נייע פאָרשטעלונגען און, ווי דורך א געניטער פאַרזיכטיגער האַנט, וועבען די פעדים פון דער געשיכטע מיט איידעלע אוזאָרען אויף זיין נשמה.

אין דעם אַלטעגלאכען לעבען פון דער כאַאָטישער ווירקלאכקייט, וואו עס ווערט צעוויעט און צוזייט אויף שטויב יעדער געדאַנק און געפיהל, איז ביים פאָלק דאָס טיפע אינערלאכעס שאַפען אונמערקבאַר, ניט קענטיג.

דער אימפּולס פון פאָלקס שאַפען נויטיגט זיך אין דער עפּישער רואיקייט, בכדי פון דעם מיש־מאַש פון לעבען זאָל זיך אָפּזעצען דאָס וויכטיגסטע און באַדייטענדסטע, די אויסגעלייטערטע דערפאַרונגען און די קלאָרע וויזיאָנען, געשטאַלטען און בילדער.

אין די טיפע תהומ׳ן פון פאָלקס אָרגאַניזם, וואו עס שטראָמען די שטילע קוואַלען פון שאַפען — דאָרט ווערט אלעס באַלויכטען

און איבערגעשמאָלצען און עס קלייבען זיך אָן רעזערוואוארען פון גייסטיגער שעפערישער ענערגיע.

און ווען דער געניוס פון פאָלק דערוואַכט אין זיין פולער רייפ־קייט, טרעט ארויס א באַשטימטקייט און אויסגעשפּראָכענע אייגענ־טימלאַכקייט אין דעם אויסדרוק פון פאָלקס שעפערישער אַקטיוויטעט, ווי אין זיין היסטאָרישען אדער רעאלען געגענווערטיגען זיין און ווירקען.

האָבענדיג זיך פאָרמירט אלס א גאַנצעס, ווייזט דער פסיכישער קאָלעקטיוו ארויס ריין נעגאַטיווע נייגונגען צוערשט, זיין עלעמענטארע זעלבסטדערהאַלטונג און ווידערשטאנד קראפט, אָבער פון דעם נעגא־טיוו וואקסט דערנאָך ארויס דאָס פאָזיטיווע אייגענטימלאכע גייסטיג שאַפען.

שוין אין דעם פּראָצעס פון פאראייניגונג און אין דער ריכטונג פון איינהייט, וואָס דער עלעמענטאַרער דראַנג ברענגט צו די לויזע און פאַנאַנדערגעלאָזענע מאַסען מענשען, צייגט און מאַניפעסטירט זיך דער שעפערישער דראַנג פון כלל.

אָבער, ווען עס שטעלט זיך איין דאָס אינערלאכע לעבען פון פאָלק, ווען עס ווערט וואָס מעהרער אינטענסיווער, ווען עס ווערען אויסגעברייטערט די האָריזאָנטען פון זיין קולטור, ווערט דאָס פאָלק דער אידעאָלאָג פון יחיד, פון דעם אויסגעשפּראָכענעם אינדיווידום.

עס ווערט אין דער אָדער אין אַן אַנדער פאָרם אין צענטער פון שאַפען פון פאָלק דער יחיד געשטעלט.

אויף אַן אייגענאַרטיגען אופן שאַפט דאָס פאָלק דורך זיין עפּאָס איבער די רעאַלע פערזאָן און גיט איהר צו אייגענשאפטען, וואָס זי האָט גאנץ אָפט אליין ניט פאַרמאָגט, רינגעלט זי ארום מיט אַן אָרעאָל פון פאַנטאַזיע און לעגענדע, מישט איבער די ווירקלאכקייט מיט דער פאַנטאַזיע און גיט אזוי ארום אַן אויסדרוק צו די פּאָטענ־ציעלע כחות, וואָס האָבען זיך אין איהם זעלבסט אַנגעקליבען.

אָדער, ווען דער פאָלקס געניוס איז הויך באַגאַבט, באַפרייט ער זיך אינגאַנצען פון דער ווירקלאכקייט און באַשאַפט גאָר אָריגינעלע פיגורען. צומאָל שטערענט אויס דאָס פאָלק זיין הימעל מיט א גאנצע פלעיאדע לויכטענדע שטערען אויף וויפיל עס ספּעקולירט אריין אין זיין צוקונפט אָדער עס טראָגט אין זיך אינטימע געפיהלען צו דער פאַרגאַנגענהייט.

אין ווייטערען עוואָלוציאָנס־גאַנג פון פאָלקס שאַפען קומט מען צו צו א מאָמענט, ווען דער פאָלקס־גייסט שטעלט זיך אָפּ אויף א באַזונדער פיגור צווישען די פון איהם אליין געשאַפענע אָדער איבער־געשאַפענע גרופען פון פערזאָנען און געשטאַלטען. אין דער דאָזיגער צענטראַלער פיגור פון א געליבטער, אויסדערוועהלטער פון פאָלק, פערזאָן געפינען מיר ניט נאָר אילוזיעס, נאָר אן אמת׳ע פאַרקערפּע־רונג פון די טענדענצען, וועלכע דאָמינירען די פאָלקס נשמה. דורך דער דאָזיגער פיגור ווערט עס איבערגעגעבען די גאַנצקייט און די אינערלאכע הארמאָניע, מיט וועלכען עס צייכענט זיך אויס דער כאַראַקטער פון פאָלקס שאפען; די אינערלאכע גאַנצקייט זיינע, וואָס ציינט, אז די פאָלקס נשמה איז ברייט און טיף גענוג אויף אויסצו־טראָגען דעם יחיד, ווי דער בוים טראָגט אויס די פרוכט, ביז וואַנען זי ווערט צייטיג און רייף צום אָפּפאַלען.

אַנאַלאָגישערווייזע איז, נאָכדעם ווי א געוויסע געשטאַלט איז אַרויסגעבראַכט געוואָרען דורך דעם פאָלקס גייסט, פאַרלירט ניט דער פסיכישער קאָלעקטיוו זיין גאַנצקייט און בלייבט אליין ביי זיינע אייגענ־שאַפטען צו פּראָדוצירען ווייטער נייערע און נייערע געשטאַלטען און פיגורען.

אפילו ווען געוויסע אָביעקטיווע פיגורען פון דער אויסערליכער וועלט ווערען אַסימילירט אין דעם פאָלקס גייסט שטערט עס ניט דער אינערלאכער הארמאָניע פון קאָלעקטיוון אָרגאַניזם, אויב נאָר ער איז רייף און פאָלקאָם אויסגעקריסטאַליזירט, ווייל דער יחיד, דער אינדיווידום, ווערט צעפאַלן, דעקאָמפּאזירט אין די קאָלעקטיווע עלעמענטען, פון וועלכע ער נעמט זיין אורשפּרינגלאכע אָפּשטאַמונג און ווערט גענצלאך פאַרשלונגען פון דעם קאָלעקטיוו.

דער פּראָצעס פון גייסטיגען שאַפען פון פאָלק אויף זיין העכסטער שטופע איז תמיד געווענדעט צום איינצעלנעם אינדיווידום אלס צענטער.

ווען אַזאַ פיגור ווערט אויסגעטיילט און פאָרמירט ביים פאָלק, ווערט דער גייסטיגער קאָלעקטיווער אָרגאַניזם צייטווייליג אויסגעשעפּט פון זיינע שעפערישע כחות און זיין טעטיגקייט טרעט אָפּ פון צענ־טער צו דער פעריפעריע און פאַרלירט זיך אין די כאַאָטישע צו־צושטרייאונגען פון טאָג־טעגלאכען לעבען, נסיונות און דערפאַהרונ־גען, זיין לעבענס ווייזהייט, זיין גלויבען און אָבערגלויבען.

אָבער דאָס איז נאָר דער ריטם און טעמפּ פון שאַפן, וואָס מוז יעדעס מאָל דורכמאַכן זיין הין־און־צוריקגאַנג, בכדי צו דעמאַנס־טרירען דעם לעבעדיגען פולס פון פאָלקס אָרגאַניזם, פון זיין וועזען און שאַפן. וואָרים, ווי נאָר דאָס פאָלק באַקומט צוריק די עפּישע רוהיגקייט און די גינסטיגע באַדינגונגען צום שאַפן, קריסטאַליזירט זיך ביי איהם ווידער אויס נייע בילדער־פיגורען אָדער וואַריאַנטען פון די פאָריגע.

באַזונדערס אין די וואַריאַנטען קאָן מען זעהען די אייגענאַרטיגע באַציהונג, וואָס דאָס פאָלק ווייזט ארויס צו זיין אייגענער גייסטיגער שעפערישקייט, ווי אזוי עס מאַכט פאַרשידענע עקספּערימענטען אדער קאָרעגירט טעות׳ן, בעסערט אויס אייניגע שטעלען, טראָגט אריין נייע ניואַנסען לויט אלע אטריבוטען פון אינדיווידועלער שאַפונגס־זוכעניש.

געוועהנליך, איידער דאָס פאָלק געהט איבער אין א שעפערישען צושטאַנד הויבט אָן ביסלעכוויז און לאַנגזאַם צו ברויזען דער איבער־פלוס פון גייסטיגער ענערגיע. אין דעם לויף פון פאַנטאַזיע און פאַרשטעלונג דערשפּירט זיך דער פּאַטאָס, וואָס דריקט זיך אויס אין שטייגענדע היפּערבאָלעס, אין פאַנטאַסטישע קאָלירען און פארבען, אין דער שטייגערונג פון דעם טעמפּאָ פון פאָלקס שאַפן, אין דער באַפרייאונג זיינער פון רוים און צייט.

און איבערפליסענדיג אלע צוימען און גרענעצען קומט צו דאָס פאָלקס שאַפן צום קלימאַקס, ווען דער פאָלקס גייסט אידענטיפיצירט זיך און לעזט זיך אויף אין יענע געניאלע פיגורען, וועלכע שטעלען מיט זיך פאָר די שפּיצבערג און די זיילען פון דער גאַנצער מענשהייט פאָר אַלע צייטען און אלע דורות.

אין די פיגורען פון משה, קריסטוס אדער אנדערע געניאלע רעליגיעז־קולטורעלע גייסטער און היסטאָרישע העלדען, אין דעם גאנצען פאָלקס עפּאָס געשאַפען איבער זיי, אין דער גאַנצער פאָלקס אַטמאָספערע, וואָס רינגעלט זיי ארום, האָבען מיר די דאָזיגע קאָלאָ־סאַלע ווערק פון קאָלעקטיוו, וועלכע באַלויכטען שטענדיג דער מענש־הייט דעם וועג אין דעם מדבר פון דער ווירקלאַכקייט.

די העכסט קאָנצענטרירטע פאָרם פון אן אינדיווידועלער פיגור, וועלכע דער איינצעלנער ריזען גייסט פון מענשלאַכען מין רעפּרע־זענטירט, האָט פאַרכאַפּט די שעפערישע טעטיגקייט פון גאַנצע פעלקער

אויף פילע דורות, און האָט זיך געטראָגען איבער זיי אָפט ווי א וואולקאַנישער אויסברוך. אויף דעם רעליגיעזן פּאָן, אין דער עטי־שער אַטמאָספּערע האָט דער אידישער עפּאָס דערגרייכט און דער־גרונטעוועט די העכסטע פּאָלקאָמענהייט פון דעם יחיד, קריגענדיג דאָ די עכטע שעפערישע מאָטיוון און סטימולען און פאַרקערפּע־רענדיג די העכסטע שטרעבונגען.

געטריבען, אזוי צו זאָגען, פון א קינסטלערישען דראַנג, האָט דאָס אידיש פאָלק אויסגעשטאַלטעט זיינע בעסטע דערפאַהרונגען און פאַרשטעלונגען אין אָביעקטיווען בילד.

זיכער איז עס קיין צופאַל ניט, וואָס מיט דעם העכסטען רעלי־גיעזן שוואונג איז פאַרבונדען דער שוואונג און שטייגונג פון פאָלקס עפּאָס.

וואָרים רעליגיע איז דאָך אין דער העכסטער אינסטאַנץ די העכסטע פאַרגייסטיגונג פון דעם אינדיווידום, דעם יחיד, וועלכער פאַרמאָגט דעם מאַגנעטישען כח צו צוציהען דעם געגענגעזעצטען פּאָליוס, דעם כלל, און זיך דורכברעכען דורך דער פּריזמע פון פאָלקס עפּאָס מיט די רעגענבוים קאָלירען און שעהנסטע ליכט־שטראַהלען.

אַזוי ווי דער יחיד־אינדיווידום איז לויט זיין אינערלאכער סטרוקטור, לויט דעם פאָלקס פאַרשטעלונג וועגען איהם, דער געגענ־זאַץ צום פאָלק, די אנטיטעטישע אָפּנייגונג פון קאָלעקטיוו — איז ער שטענדיג דער אָביעקט פון סינטעטישע באַלעבונגען און אויפ־לעבונגען פון פאָלק און אן אומאויסשעפּלאכער קוואַל פון שאַפען. און אין איבערפלוס פון רעליגיעזע געפיהלען ציינט זיך ביי יעדען פאָלק די העכסטע שטופע פון פּאָזיטיווען שאַפען. די אוצרות פון פאָלקס עפּאָס געבויט אויף רעליגיעז־עטישע יסודות, וועלכע מען געפינט אין דער ביבעל, צום ביישפּיל, זיינען אפשר די קלאַסישע מוסטערען פון אומשטערבלאכען פאָלקס שאַפען.

די פּאָעטישע רעליגיעזע קאָלעקטיווע מאָטיוון זיינען אוני־ווערסאַל און מוזען געפינען אן אָפּקלאַנג פון איין קאָלעקטיוו צום אַנדערען.

ניט מעהר, זיי, די דאָזיגע מאָטיוון, מוזען זיין לעבעדיגע מאָטי־ווען, וועלכע וואַקסען ארויס פון און באַהערשען דעם קאָלעקטיוו און זיין גייסט.

דער אידישער פאָלקס עפּאָס פון זיין אורשפּרונג אָן, וועלכער איז ליידער זייער װעניג אָדער כמעט גאָר ניט אויסגעפאָרשט און אויפ־געדעקט געוואָרען, קאָן צושטעלען אזעלכע בולט אויסגעשפּראָכענע כאַראַקטער־שטריכען, וועלכע וואָלטען ערשט איצטער געקאָנט פעסט־שטעלען די אייגענשאַפטען און דעם מהות פון פאָלק שאַפען בכלל.

דאָס אידיש אינדיווידועל־קאָלעקטיווער שאַפען איז, ווארשיינ־לאך, געוועזן די דאָזיגע אייגענטלאכע אידעאליזירונג און פאַרוואנדלונג אין בילדער פון דעם יחיד, וואָס האָט, ארויסרופענדיג די געשטאַלט פון פּרט, געהאָלפען נאָך מעהר דעם כלל צו געפינען זיך זעלבסט.

וואָס מעהר דער פאָלקס גייסט האָט זיך פאַרטיפט אין דעם אינדיווידועלען ריעז, אלץ מעהר האָט ער אליין זיך פארשטאַרקט און באַפעסטיגט, אלץ אויסגעשפּראָכענער איז געוואָרען זיין בלאַסער פנים, זיינע טענדענצען און נייגונגען. דאָס כאַראַקטעריסטישע פון אידישען פאָלקס־שאַפען, דאָס כאַראַקטעריסטישע פון אידישען פאָלקס־וועזען אלס שעפערישער אידענטיטעט איז דעם פאָלקס באַוואוסטזיין, אויב מ׳קאָן ריידען פון א קאָלעקטיווען באַוואוסטזיין, זיין אויסגעצייכענ־טער היסטאָרישער זכרון, זיינע וויטזיכטיגע בליקען אין דער צוקונפט, זיינע ברייטע האָריזאָנטען פון מענשלאכער קולטור. די סטימולען און מאָטיוון פון דעם דאָזיגען שאַפען זיינען, הויפטזעכלאך, קיינע מאָמענטאַנע שטימונגען אדער פארביילויפענדע געפיהלען, ווי עס טרעפט אָפט ביים איינצעלנעם קינסטלער.

זיי וואָרצלען אין די גרונט־יסודות פון זיין נשמה, אין די טיפע תהומ׳ן פון זיין וועזען; זיינען צענויפגעוואקסען מיט זיין גאנצען גייסטיגען מהות און טראָגען אומעטום אריין א שטראָם פון אינטענ־סיווען לעבען און שאַפען.

נאָר וואָס רייפער דער פאָלקס געניוס איז, וואָס באַגאַבטער און רייכער ער איז, אלץ מעהר געפינט מען מאָטיוון פון זיין פאַרגאַנגענ־הייט און פון זיין צוקונפט אין זיין שאַפען, אלץ ברייטער אלמענש־לאַך אוניווערסאַלער ווערען די דאָזיגע מאָטיוון, אלץ מעהר באַדיי־טונג האָט דער עפּאָס זעלבסט ניט נאָר פאר דעם קאָלעקטיוו, נאָר אויך פאר דעם איינצעלנעם, פאר דעם יחיד.

דאָס אינדיווידועלע שאַפן

„אין פאָלק איז אונזער גאַנצע רעטונג"...
(דאָסטאָיעווסקי)

דער פאָלקס־געניוס ברענגט אימער אריין א שטראָם פון לעבען אין יעדען צווייג פון שאפען. עס איז אָבער די איינצעלנע פיגור, דער יחיד, וואָס איז משכמו ומעלה גבוה מכל העם, דורך וועלכען עס קומט צום אויסדרוק דער גאַנצער כאַראַקטער פון פאָלקס־שאַפען, אָלע פארבאָרגענע כחות פון די טיפענישען פון זיין נשמה.

ער — דער יחיד — געפינט זיין פאַרקערפערונג אין דעם פאָלקס־שאַפען. ער ווערט דער אָביעקט פון דעם דאָזיגען שאפען און פאַר־נעמט ווידער דעם אויבען־אָן אלס אַן אויסדרוק פון די בעסטע פאַר־שטעלונגען פון דעם פאָלק גופא.

דער יחיד איז דער אָביעקט פון שאַפען פון פאָלק און דאָס פאָלק איז דער אָביעקט פון שאַפען פון יחיד.

דער פרט, דער איינצעלנער פון פאָלק, ווען ער טיילט זיך אָפּ אפילו פון פאָלק, שטעלט ער מיט זיך ניט פאַר דעם ווירקלאכען יחיד, און אינדיווידועלע אַמביציעס שאַפען נאָך ניט קיין אינדיווי־דועלען גייסט.

קודם כל מוז דער קאָלעקטיווער אָרגאַניזם פון פאָלק זיין רייף גענוג אויף צו אויסטיילען פון זיך דעם יחיד.

פעריאָדיש, נאָך יעדען ציקל פון שעפערישער טעטיגקייט, וואָס דאָס פאָלק פארענדיגט, וואַכט אויף דער אינדיווידועלער גייסט.

די פארברויכטע גייסטיגע ענערגיע פון קאָלעקטיוו געהט ניט לאיבוד, נאָר נעמט אָן א נייע פאַרוואַנדלונג, א נייע מעטאַמאָרפאָזע.

אין א קאָנצענטרירטער פאָרם געהט זי איבער צו דעם אייג־צעלנעם מענשען, וואָס דערשפירט אין זיך די שטרעבונג און דעם ווילען צו זעלבסטשטענדיגקייט און אומאָפּהענגיגקייט פון דעם כלל.

עס פאַלט אויס דעריבער אויף יעדען איינעם באַזונדער, וואָס פאַרמאָגט געניג גייסטיגע כחות, דורכצומאַכען זיין אייגענע ענט־וויקלונג אין דער מדרגה פון א זעלבסטשטענדיגען ענדציל פאַר זיך.

האָט דער איינצעלנער פאַרענדיגט פאַר זיך דעם דאָזיגען קרייז און איז ארויס מיט בולט אויסגעשפראָכענע אייגענשאַפטען און באַ־שטימטען בליק באַקומט ער דאַן — ערשט דאַן — די אינטענסיווע אינערלאַכע נייגונג צו זעלבסט־אויסדרוק.

אָהן אן איינגעבאָרענעם טאַלאַנט, דאָס הייסט, ביי א באַשרענק־טער מאָס גייסטיגער ענערגיע, וואָס דער יחיד פאַרמאָגט, ווערט דאָס ביסעל ענערגיע פאַרשוועגדעט אויף אויפבויען דעם אינדיווי־דועלען גייסט און עס בלייבען ניט קיין כחות פאַר אינדיווידועלער שעפערישער טעטיגקייט.

די מענשלאַכע טעטיגקייט, די גאַנצע גייסטיגע אַקטיוויטעט, לאָזט זיך נאָך דערוויל ניט, אָדער אפשר וועט זי זיך נאָך אויך ניט לאָזען ווייטער אינדיווידואַליזירען.

נאָר אויף דעם געביט פון קונסט איז אויסגעוואַקסען די שעפע־רישע אינדיווידועלע פערזאָן, וואָרים איבעראַל ווערט נאָך דער איינצעלנער מענש פאַרשלונגען אויך פון זיינע אייגענע, אפילו מאָנו־מענטאַלע ווערק.

די קונסט אליין גיט איהרע טרעגער, די וואָס פאַרמאָגען אין זיך די ריכטיגע און פאַסענדע טענדענצען אין זייער נאַטור, אין דעם גאַנצען אינערלאַכען וועזען זייערען, צו וואַקסען אָרגאַניש און זיך אויסקריסטאַליזירען אינדיווידועל, געפונען זייער זעלבסט־אויסדרוק.

דער חומר־היולי פון אַזאַ פערזאָן אונטער דער ווירקונג פון קונסט איז אין א דינאַמישען צושטאַנד און די קאָלעקטיווע גייסטיגע עלעמענטען אין איהם זוכען זעלבסט אויס זייער פראַפּאָרציאָנעלען געוויכט און זייער צוזאַמענהאַנג אין דער צוקונפטיגער צוזאַמענשטעל־לונג פון דער גאַנצער פערזאָן.

אָט דערפאַר געפינט ניט זיין אינדיווידועלען זעלבסט־אויסדרוק ניט דער געלעהרטער און ניט דער אָריגינעלער דענקער, וואָרים זייער אַקטיוויטעט איז איינזייטיג און שטראָמט ניט פון די טיפענישען פון זייער נשמה, שוין אָפּגערעדט פון דער פשוטער אינטעליגענץ, וועלכע האָט גאָר קיין שעפערישען טאַלאַנט.

וואָרים שאַפען אין אַן אינדיווידועלען גייסט מיינט ניט נאָר רעפּראָדוצירען, איבערשאַפען לויט דער אייגענער אַרט און וויזע, נאָר אויך דערשאַפען און באַשאַפען.

און צו אַזאַ העכערע שטופע דערהויבט זיך נאָר די קינסט־לערישע נאַטור, וועלכע באַזיצט אינערלאַכען אימפּולס צו שאַפען.

אמת, דער קינסטלער און דער דיכטער, צום ביישפּיל, באַנוצען זיך אויך מיט די פאַרשיידענסטע פרעמדע איינפלוסען, וועלכע ער זאַפּט אין זיך אריין ביז ער דערגרייכט זיין אויסגעשפּראָכענעם איך.

אָבער אָריגינעל און זעלבסט־באַדייטענד ווערט ער ערשט דאַן, ווען ער מאַכט דורך דעם לעצטען פאַזיס פון זיין אנטוויקלונג, ווען ער ברעכט דורך דער רעפלעקס און זעלבסט־אַנאַליז דורך זיין נשמה, ווען עס נעמען איהם ארום די שרעקלאַכע ספקות און שווידערלאַכע הרהורים, ווען ער ווערט אומרוהיג איבער דעם געפיהל פון אחריות וואָס לעגט זיך אויף איהם שווער, דאָס געפיהל פון אחריות פאַר זיין אינדיווידועלער פרייהייט און אומאָפּהענגיגקייט. אַט דאָ הויבען זיך אָן די ריכטיגע וועהען, די אמת׳ע חבלי־לידה פון שאַפען.

איבערוועלטיגט איהם די ליידענשאַפט צו זעלבסט־אויסדרוק, דאַרף דער פאַרשטעהער פון קונסט אויסשטעהן די גרויסע שמערצען און מאַטערנישען, צו דערגרונטעווען דאָס לעבען און זיך זעלבסט, באַמיט ער זיך אנטלויפען פון לעבען און פון זיך זעלבסט, איז ער געצוואונגען צו פירען אן אומאויפהערלאַכען אינערלאַכען קאַמף מיט זיך זעלבסט אָדער מיט זיינע אינטימע פאַרבינדונגען מיט דעם לעבען.

און אַט דענסטמאָל דערשפירט ער אויך די נויטווענדיגקייט זיך צו צושפּאַרען צו דעם גרויסען כלל, צו איבערשמעלצען זיין נשמה און זיך טובל זיין אין דעם גייסטיגען פאָלקס־קוואַל, נאָך וועלכען ער הויבט אָן דאָרשטען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט קונסט שטרעבט דער אינדיווידועלער מענשלאַכער גייסט צו באַפרייען זיך אליין פון זיין באַגרענצקייט, וואָרים זי, די קונסט, וויל איהם געבען די אָדלער־פליגלען צו פאַר־פליען אין די העכערע רעגיאָנען פון קאָסמאָס.

אָפּגעשלאָסען אָבער אין א געוויסען קרייז, כאָטש אין דעם קרייז פון זיינע בעסטע שטרעבונגען צו זעלבסט־אויסדרוק, פעלט איהם אויס דער צופלוס פון פרישע כחות, פון אן אָפּפרישענדען פאַטאָס

און קרעאַטיווער פאַנטאַזיע, פון פערמענטען פון קאָלעקטיווער דינאַ־מישער באַוועגלאכקייט און העכערער איינהייטס־טענדענצען.

קומט דאַן אַ גינסטיגער מאָמענט, וועלכער גרייט צו דעם קינסטלער פאַר א סינטעז פון זיין קונסט מיט׳ן פאָלק, מיט זיין פאָלקס אָפשטאַמונג, בכדי צו געפינען זיך זעלבסט און ער ווערט פאַרכאַפּט און באַהערשט פאַר א מאָמענט פון דער צויבער־מאַכט און כשוף־קראַפט פון דער פאָלקס־נשמה, איהרע לעגענדען, איהרע לעבענס־דערפארונגען, איהר שפיל און ערנסט.

נאָך דער דיפערענצירונג פון קינסטלערישען איך מוז אָנקומען, אלס רעאַקציע, דאָס ענדגילטיג סינטעטישעס שאַפען, וואָס מאַכט דעם קינסטלער אָריגינעל און זעלבסט באַדייטענד, ווען ער באַהעפט זיך מיט דער פאָלקס־נשמה, ווען ער מאכט דורך זיין אייגענעם סינ־טעז מיט דעם גרויסען קאָלעקטיוו און געהט פון דאָרט ארויס א גאַנצער און דערגענצטער.

אָט אין דעם פּראָצעס אליין קאָנצענטרירען זיך די שעפערישע כחות, דער קינסטלערישער בליק פיקסירט זיך און עס לויטערט זיך אויס דער נעבעל פון כאַאָס, וואָס ווערט פּראָדוצירט פון צופיל ליכט און שיין, פון צופיל וואַריאַציעס און וויבראַציעס און—דער קינסטלער איז ביכולת ארויפלעגען זיין אייגענעם שטעמפּעל אויף דעם ווייטע־רען גאַנג פון זיין שאַפען.

די קינסטלערישע טיפערע נאַטור, אין דעם גאַנג פון איהר אינערלאַכער אנטוויקלונג, פירט צו אזוי אַרום צום מאָמענט פון אַנטדעקונג פאר דעם דיכטער אין זיין גאַנצער גרויס פון דעם איינציגען גוואַלדיגען מיסטעריעזען, מחמת אומבאַוואוסטען און אומ־באַמערקבארען, כח, וואָס רודערט די מענשלאכע קולטור, דעם רואה ואינו נראה פון דער געשיכטע — אויך זיין ווייטערעס שאַפען ווערט רעוואָלוציאַניזירט, באַקומט דעם געהעריגען טעמפּ און אויסדרוק.

איז ביז די נייעסטע שטרעמונגען אין ליטעראַטור און קונסט זעהר זעלטען געלונגען דעם דיכטער און קינסטלער דאָס דאָזיגע פּראָבלעם צו לעזען.

דעריבער פיגורירט ניט דייטלאך די „שטום שווייגענדע נעמע־זידא" אפילו אין די קאָלאָסאלע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור, צום ביישפּיל, דאָרטען וואו עס וויקלען זיך פונאַנדער פאר אונז די פּראָכטפולע פּאַנאָראַמעס, בילדער גאַלערעען און גאנצע ענציקלאָ־

פעדים פון מענשלאכען לעבען, אין אזעלכע ווערק ווי „איליאַדאַ־און „אדיסעע״ ביז צו „מלחמה און שלום״.

נאָך דער ביבעל, איבערהויפּט, איז כמעט לחלוטין ביז היינטיגען טאָג ניטאָ קיין איינציג ווערק, פון וועלכען עס זאָל לעבען מיט עכט לעבען פון פאָלק, אלס גאַנצעס, קיין ענלאכע פאָרשטעלונג אדער רעפּראָדוקציע פון זיינע דראַמאַטישע טיפע אינערלאכע מאָמענטען, מיט וועלכע עס איז אזוי רייך די ביבעל.

אפילו די אזוי געקרוינטע „נאַציאָנאַלע״ פּאָעטען זיינען נאָך אויך ניט קיין אידעאלע סינטעטיקער פון פאָלקס געניוס.

דער אמת איז, אַז אין דער צייט ווען דער פאָלקס אָרגאַניזם קלייבט זיך אָן נייע דערפארונגען און האלט אין וועבען זיין אינער־לאך לעבען, קלייבט אין זיך אָן די פּאָטענציעלע כחות, וועלכע רייסען זיך ארויס פון צייט צו צייט מיט מעהר אדער ווייניגער אימפּעט, טראָגט זיך אויך דער דאָזיגער דיכטער ארום מיט זיין אייגען וועלטעל.

נאָר אין א מאָמענט פון אויפשטייגונג און דערהויבונג, פון אויפ־ברויזונג פון אינערלאכע שעפערישע כחות פון פאָלק, פון זיין באַ־וואוסטזיין און געוויסען, כאַפּט ער זיך צו צום רודער פון פאָלק און אידענטיפיצירט זיך — ניט ער סינטעזירט זיינע אייגענע גע־פילען און געדאנקען — מיט דעם כלל.

זעהר זעלטען און נאָר פאַר ערשט־קלאַסיגע געניאַלע נאַטורען שטעלט זיך די פּראָבלעם פון קונסט, אלס זייער אייגענע אינדיווי־דועלע פּראָבלעם פון שאַפען, ביז אין איהר גאַנצען שארפקייט און נאָך זעלטענער געהט פון דעם קריזיס ארויס דער דיכטער א באַניי־טער און באַרייכערטער, דער אמת׳ער גאָט־געזאַלבטער אָריגינעלער אינדיווידועלער שעפער.

עס איז גענוג צו דערמאָנען דעם גרויסען רוסישען שריפטשטע־לער דאָסטאָיעווסקי, זיין גאַנצע אינערלאכע רעליגיעזע אומרוהיג־קייט, זיינע פּאָעטיש־רעליגיעזע געדאַנקען, זיינע אָפּשלוסען און ראַנגלען זיך, זיין גלויבען אין השארת הנפש, אָדער ווי ער רופט עס, אומשטערבלאכקייט פון דער נשמה, בכדי בולט זיך פאָרצושטעלען דעם דאָזיגען טראַגישען פּראָצעס פון סינטעטישען שאַפען, בכדי צו זעהן ווי דער דאָזיגער פּראָצעס דערגרייכט אָפט אויך ניט זיין ציעל, צוליב דעם וואָס דער דיכטער אליין, לויט זיין אינערלאכען מהות

און דעם מעטאָד פון זיין זעלבסט־אויסדרוק, איז דער שטאַרקסטער געגנער און צושטערער פון אַזאַ סינטעז.

פאַר דעם דורכשניטלאכען קינסטלער איז נאָך דערווייל דאָ געגנוג שטאָף פאַר דער אויפבילדונג און אויפשטעלונג פון זיין אינדיווי־דועלען מהות, פאַר דער אנטוויקלונג פון זיין זעהבסטשטענדיגקייט און צופיל איז ער נאָך פאַרשיכורט פון זיין אייגען פריי זיין פון דעם קאָלעקטיוועןכלל. ער האָט נאָך געגנוג פּאַטאָס און דערפינדעריש־קייט צו ארויסברענגען נייערע און נייערע שטרעמונגען און שאַטי־רונגען אין דער ליטעראַטור און קונסט.

דעם פולען ברען און פייער פון דער פערזענלאכער אינדיווי־דואַליסטישער עמאַנציפּאַציאָן זעהען מיר ערשט איצט אין די נייע און נייעסטע סימבאָלישע און מיסטישע אָדער פאַרשידענע אַנדערע נעאָראָמאַנטישע שטרעמונגען און טענדענצען אין דער ליטעראַטור און קונסט.

זיי גלענצען און פאַרבלענדען אלעמען מיט זייער סטיל, רייצען און רעגען אויף מיט דער געשליפענקייט און דרינגענדער שאַרפקייט פון זייער שפּראַך און אויסדרוקס־מיטלען.

אָבער אויך זיי דערוואַרטעט, אויב עס איז נאָך ניט באַמערקבאַר, דער קראַך פון אויסשעפּונג, וועלכער זאָל זיי ברענגען פנים אל פנים מיט די עכטע פּראָבלעמען פון סינטעטישען שאַפען.

אַזעלכע ריזען־אינדיווידואַליסטישע גייסטער, ווי שעקספּיר, געטהע אָדער טאָלסטאָי אין דער וועלט־ליטעראַטור, האָבען זיך ניט באַפרידיגט מיט זייער אינדיווידועלער עמאַנציפּאַציאָן. זייער פּער־זענלאַכע אומאָפּהענגיגקייט פון דעם קאָלעקטיוועןכלל האָט ערשט פאַר זיי ארויסגעבראכט די אמת׳ע פּראָבלעמען פון שאַפען.

לעזענדיג די דאָזיגע פּראָבלעמען דורך סינטעטישע אינטימע פאַרבינדונגען מיט דעם גרויסען כלל, האָבען זיי ארויסגעבראכט און באַשאַנקען די מענשהייט מיט די רייכסטע געניאַלע ווערק זייערע.

אויך די מיסטישע עלעמענטען אין דער קונסט, די נייע און נייעסטע סימבאָלישע אַבסטראַגירטע בילדער און פיגורען, קענען אויפבליען און אויפלעבען, באַקומען הויט און פלייש, א דאַנק דעם עפּיש־קאָלעקטיווען שאַפען, ווי עס האָט, למשל, אפילו אונזער פּרץ באַוויזען.

◇

דער געזעלשאַפטלאַכער און פאָלקס קאָלעקטיוו

אַנאַליזירענדיג אונזערע באַאָבאַכטונגען פון דער אור־אַלטער עטנישער אָדער גרופען סביבה און באַטראַכטענדיג דאָרט די אַרט און וויַיזע פון דעם מענשלאַכען לעבען, קאָן מען ניט זעהן, אז פון דאַנען זאָל ארויסוואַקסען די מאָדערנע וועלטלאַכע געזעלשאַפט.

דער יחיד, דער איינצעלנער מענש, וועלכער איז די הויפט טרייב־קראַפט אין דער נייער מענשלאַכער גרופירונג, אין די נייע סאָציאַלע פאָרמען פון לעבען, איז פאַרשקלאַפט אָדער אינגאַנצען איינגעשלונגען אין דעם פרימיטיווען מענשען־קנויל.

קוים נעמט מען אָבער צו דעם אינדיווידועלען באַוואוסטזיין פון די באַזונדערע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט און זייער פרייען ווילען, בלייבט דאָך גאָר ניט פון דעם, וואָס עס כאַראַקטעריזירט הויפטזעכלאַך די נייע געזעלשאַפט.

איז אָבער הפנים דער מענשלאַכער גייסט פול מיט פאָטענציעלע מעגלאכקייטען דענסמאָל אפילו, ווען ער זעהט אויס צו זיין זעהר פשוט און איינפאַך.

אין דער אידישער פרייהייטס־געבורט פון פאָלק אין דעם אלטען פאַרשקלאַפטען אָריענט און אין דעם אינדיווידואליזם, די פרייהייט פאַר דעם יחיד, אויף וועלכען עס איז געבויט די גריכישע קולטור, וויַיזען זיך שוין די סמנים פון דער גאַנצער וויַיטערער מענשלאַכער אנטוויקלונג אין אלע עפּאָכען און אין אלע צייטען. די געזעלשאַפט, וועלכע איז באנייט געוואָרען מיט די גרויסע איבערקערענישען פון דער רעפאָרמאַציאָן און דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט ערשט גאָר די פולערע פרייהייט אי פאַר דעם יחיד, אי פאַר דעם כלל באקומען, האָט אין אָט די נייערע פאַזען פון אַנטוויקלונג יענע פאָ־טענציעלע מעגלאכקייט צו פאָלקאָמער און פולער רעאַליזירונג גע־בראכט.

א חוץ דעם וואָס נייע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט האָבען געפונען א מעגלאכקייט ארויסצושטופען זיך אויף דעם פאָדערגרונד

פון לעבען, א חוץ דעם וואָס עס איז אָפּגעשאָפּען געוואָרען געוויסע צוימען און ראַמען צווישען די גרופּען, — האָט זיך געשאַפען א נייע גרופּירונג, נייע פאַרבינדונגען און געגענזייטיגע ווירקונגען צווישען מענש און מענש.

נאָכדעם ווי דער מענשלאַכער גייסט האָט רעוואָלטירט געגען דעם גרויזאַמען מיטעלאַלטער, וועלכער האָט אַלעס אַטראָפירט דורך די פאַרגליווערטע און פאַרשטיינערטע דאָגמען פון רעליגיע, איז ער פרייער געוואָרען און דער שעפערישער שוואונג פון דעם יחיד האָט געשטיגען. די פּרינציפּען אבער, וואָס זיינען געלעגען אלס יסוד אונטער דער דאָזיגער גרויסער רעוואָלוציע, זיינען געווען ניט מעהר ווי א נאָר מעהר שאַרף אַרויסגעבראַכטע עוואָלוציאָנערע אנטוויקלונג פון אָט יענע צוויי מאָמענטען, וואָס איך האָב אויבען דערמאָנט.

און אין דער מאָדערנער צייט זעהען מיר, ווי דער אינדיווידואַ־ליזם טרעט אַרויס נאָך מיט מעהר קראַפט און אימפּעט, אז ער איז ביכולת אומשטירצען טויזענט־יעהריגע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען געלעגען ווי בערג אויף דער מענשהייט און האָבען זי געוואָרגען און געשטיקט. צורייסענדיג די קייטען, אין וועלכע ער איז געשמידט געווען, ווערט דער אינדיווידועלער גייסט באַפרייט צו פּאָזיטיווען קאָנסטרוקטיווען שאַפען.

און אַזוי ווערען צו דער זעלבער צייט אַרויסגעבראַכט די גרעסטע ערפינדונגען, עס ווערען געשאַפען נייע צווייגען פון וויסענשאַפט, נייע פאָרמען פון ליטעראַטור און קונסט. און אַלעס ווערט אויפגעבויט דורך יחידים זעלבסט. וואָס מעהר אבער עטאַפּען פון אנט־וויקלונג דער דאָזיגער פּראָצעס מאַכט דורך, אַלץ מעהר פירט ער ווידער צו קאָלעקטיווע געגענזייטיגע באַציאונגען צווישען יחידים. און עס איז אַזוי אַרום געקומען צו דעם, אז די געזעלשאַפט איז געוואָרען א ניוועלירונג און אויסגלייכונג פון יחידים, א פאַרקער־פערונג פון דער אינדיווידועלער שטרעבונג צו שאַפען אַן אַלגעמיינע נייע קאָלעקטיווע היים.

דער דאָזיגער נייער קאָלעקטיוו האָט שוין אָבער ניט, אָדער באַדאַרף ניט האָבען, קיינע שפּורען פון עטנישען אָדער גרופּען קאָלעקטיוו, קיינע צייכענס אפילו פון פאָלקס־אָרגאַניזם, וואָרים ער האָט ניט דעם איינהייטלאַכען געבוי, דאָס גאַנצקייט פון איין אויסגוס, ער איז נאָך זיין סטרוקטור עלאַסטיש, בויגיג.

די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט באַזיצען זעלבסטשטענדיגע אינדיווידועלע אַמביציעס, די פאַרבינדונגען צווישען זיי זיינען מעהרס־טענטייל פּריוויליגע און גאַר אָפט זעהר לויזע.

אַט אַזוי האָט די מאָדערנע געזעלשאַפט אויסגעוויזען צו זיין פון אָנפאַנג אָן א סיטנעז פון יחיד און כלל. אָבער אפילו אין איהרע רייפערע עלטער פּאַזען איז די געזעלשאַפט אין איהר מערהייט ניט שטענדיג אין א דינאַמישען צושטאַנד, וואָרים נאָך אויפרודערונג פאָלגט דאָך נאָך דער שטילשטאַנד און די פּאַסיווע רוה. די אַרויס־געבראַכטע ענערגיע ווערט אַזוי אַרום פאַרוואַנדעלט אין קולטור־אוצרות, וועלכע זאַמלען זיך אָן לאַנגזאַם אין דער שטיל ביי דעם נייעם קאָלעקטיוו — און ער אליין באַקומט טראַדיציאָנעלע שטריכען, סימנים פון אינערלאַכען אָרגאַנישען וואוקס.

דער שטילשטאַנד — וואָס איז אָפט רעאַקציאָנערע קאָנסערוואַ־טיזם — אין וועלכען די געזעלשאַפט געפינט זיך די מעהרסטע צייט, איז פאַרבונדען מיט דעם פּאַסיווען צושטאַנד פון איהרע דורכשניט־ליכע מיטגלידער, ביי וועמען די אינדיווידועלע אמביציעס שטאַרבען גיך אָפּ נאָך זייער געבורט — און לאָזען איבער נאָך זיך נאָכוועהע־נישען, וואָס פאַרטעמפּען אפילו דעם געזונטען פּאָלקס־חוש. אין אָט דעם סטאַטישען צושטאַנד נעמט די געזעלשאַפט אָן אָפט אַזעלכע פאָרמען, וועלכע זיינען שטיקענד און צוימענד פאַר דעם אויסגעש־שפּראָכענעם אינדיווידום און דערמאָנען דעם אוראַלטען עטנישען גרופּען־קאָלעקטיוו.

דאָס פיליסטערטום אָדער אַנדערע פאָרמען פון געזעלשאַפטלאַכען דעספּאָטיזם און טיראַניי זיינען פּראָדוקטען פון אָט דעם געזעל־שאַפטלאַכען קאָנסערוואַטיזם, וועלכער דריקט דעם אינדיווידועלען גייסט, באַרויבענדיג איהם פון זיין פרייהייט און זיין שוואונג.

דער סינטעז פון יחיד און כלל געהט איבער אין אַנטיטעז.

די געזעלשאַפט ווערט דער ציל־ברעט פאַר די אַטאַקעס פון די אומצופרידענע און ווידערשפּעניגע יחידים, וועלכע פירען אָדער צו רעפאָרמען, דאָס הייסט — אָדער צו פּעריאָדישער אויפרודערונג און ערוואַכונג פון דעם כלל, אָדער צו מאָמענטאַלע איבערקערענישען און איינצייטיגע באַלעבונג און באַלויכטונג פון קאָלעקטיוו.

אָבער אפילו נאָך די גרעסטע אויסברוכען קערט זיך אום צוריק דער אינדעפערענטיזם און פּאַסיוויטעט ביי דעם דורכשניטלאכען מיטגליד אין דער גרויסער מאַיאָריטעט פון דער געזעלשאפט.

דאָס רוב מיטגלידער פון די נייע סאָציאלע פאָרמען טראָגען אויף זיך שפורען פון אורשפּרינגלאכע עטנישע גרופּען אָדער זיינען עד היום נאָר פאָלקס־מענשען — און זייער פּאַסיוויטעט איז די פּאַסיוויטעט פון דעם יחיד אין דעם פאָלקס־אָרגאַניזם.

שלעכט איז אָבער דאָס, וואָס דער איצטיגער פאָלקס־מענש איז מעהר ניט פאַרבונדען אזוי ענג מיט דער פאָלקס־אָפּשטאַמונג. דער פאָלקס־חוש איז אין איהם אינגאַנצען אָפּגעטעמפּט נאָכדעם, ווי ער איז אינספּירירט געוואָרען פון אינדיווידועלען גייסט.

דער פועל־יוצא דערפון איז, דאָס די געזעלשאפט איז אויסגע־ליידיגט פון יענע לעבענס־קוואַלען, וועלכע שטראָמען פון אין גרויסער פאָלקס־נשמה און איז אָפּט א שלעכטער סורארגאט, ניט קיין פאָל־קאָמע קאָפּיע פון פאָלקס־קאָלעקטיוו.

וואָרים דער פאָלקס־קאָלעקטיוו איז געווען די איינהייט און צו־נויפשמעלצונג, דער אָרגאַנישער צוזאַמענוואוקס און היסטאָרישע פאַר־אייניגונג, וועלכע האָבען אויסגעקריסטאַליזירט די אלגעמיינע בעסטע פאַרשטעלונגען, אידעען און אידעאַלען פון דעם כלל. דער פאָלקס־קאָלעקטיוו, אלס לעבעדיגער אָרגאַניזם, האָט געמאכט צירקולירען זיינע לעבענס־זאַפטען דורך פאַרשידענע קאַנאַלען צו די פאַרבאָרגענסטע ווינקעלאך פון כלל און אין די מינדעסטע אברים זיינע און האָט אָנגעהאלטען אן אומאויפהערלאכע פאַרבינדונג מיט זיי.

אמת, צום אָנהויב איז דער יחיד שקלאַפיש אונטערגעוואָרפען געוואָרען צום כלל ביי דער עטנישער גרופּע, אָבער די עטנישע גרופּע, פאַרשטעלענדיג מיט זיך די עלעמענטאַרסטע צעלען פון פאָלקס־געבוי, איז נאָך קיין פאָלקס־אָרגאַניזם ניט געווען.

א לעבעדיגע אילוסטראַציע צו דעם האָבען מיר אין דער ביבעל פון דעם לאַנגען און לאַנגזאַמען אנטוויקלונגס־גאַנג פון פּאַטריאַר־כאַלען אבות און שבטים פעריאָד ביז צו דער צונויפגיסונג און פאַר־שמעלצונג פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק.

מיר האָבען געבראכט דעם ביישפּיל פון אידישען פאָלק, ווייל ניט יעדע עטניש־פאַרוואַנדטע שבטים גרופּע פון די פאַרשידענע

מענשלאכע ראַסען האָט דורכגעמאכט אויף א ריכטיגען און פּאַסיגען אופן דעם אנטוויקלונגס־גאַנג צום פאָלקס קאָלעקטיוו.

די גריכען, צום ביישפּיל, האָט געשטערט אין דעם דער אינ־דיווידואליזם, וועלכער האָט זעהר פריה ערוואַכט ביי זיי און האָט באשאָנקען די מענשהייט מיט אזעלכע רייכע קולטור־ווערטען, כאָטש ער האָט פאַרניכטעט אפשר דאָס פאָלק אליין.

אַנדערע זיינען, לויט זייער אינערלאכער סטרוקטור, לויט דער פּראָפּאָרציע פון די צוזאמענגעשטעלטע עלעמענטען, געווען פאַר׳משפט פון דער געשיכטע צו בלייבען אינגאנצען אָדער ביז א געוויסער צייט אין א נידעריגען צושטאַנד אזוי, אז זיי האָבען קיין באדייטענדע פאָלקס־קולטור ניט געשאַפען. היסטאָרישע ביישפּילען שטעלען מיט זיך פאַר די פעלקער פון גערמאַנישע און סלאַווישע ראַסען.

יעדענפאַלס, דער פּראָצעס פון פאָלקס־אַנטוויקלונג אין אַן איינ־הייטלאכער ריכטונג איז, ווי מיר האָבען באַהויפּטעט, קיינמאָל ניט געגאנגען פאַרלאָרען פאר דער גאַנצער מענשהייט.

וואָרים עס האָט שטענדיג געפירט צו פרייהייט און באפרייאונג פון פאָלקס־קאָלעקטיוו, געבענדיג איהם די מעגלאכקייט צו אויס־דריקען און פאַרקערפּערען דאָס שעהנסטע און בעסטע אין איהם.

אין דעם פּראָצעס פון אנטוויקלונג האָט דאָס פאָלק באַקומען זיינע אויסגעשפּראָכענע אייגענשאפטען און האָט פאַרנומען זיין ריכ־טיגע פּאָזיציע אין דעם היסטאָרישען הינטערגרונד אָדער פאָדער־גרונד.

אומבאַוואוסטזיניגערהייט, דאָס הייסט, אויסערלאך פאר דעם אנאליזירענדען און רעפלעקטירענדען אינדיווידום אָדער פאַר דער גרויסער וועלט פון פאַרשידענע אַנדערע פעלקער און נאַציאָנען, לעבט יעדעס פאָלק אַלס קאָלעקטיוו, נאָר מיט דעם איינציגען אינס־טינקטיווען ווילען צום לעבען. און גראדע מיט דעם אינסטינקטיווען ווילען טראָגען אויס די פעלקער די געשיכטע אויף זייערע פּלייצעס.

מיט דער צייט און פּערספּעקטיוו ווערען אינסטינקטען אויסגע־טייטשט אין טיפען זינען און באַלויכטען מיט שטראַהלען פון איי־ביגקייט און ווערען פאַרוואַנדעלט אין ריינע הומאַניטאַרע געזעצען און פּרינציפּען.

און אזוי איז געשעהען, דאָס פון זינט דער פרייהייטלאכער אינ־דיווידועלער גייסט האָט אָפּגערייניגט דעם וועג פאַר די ברייטעסטע

פאָלקס־שיכטען אויף דעם סאָציאַל־פּאָליטישען געביט, האָט ניט אויפגעהערט צו בליען דער קולט פון פאָלקס־קאָלעקטיוויזם און ברייג־גען פרוכט אויף דעם פאָליטיש־קולטורעלען אָדער סאָציאַלען געביט, ווי עס צייגט די אויפלעבונג פון דעם נאַציאָנאַליזם און דעם ראַציאָ־נאַליזם אין דעם ניינצענטען יאָהרהונדערט.

פון זינט אָן דער דייטשער געלעהרטער הערדער האָט אָפּגעראָמט אַ וועג דירעקט צום פאָלקס־עפּאָס, צום פאָלקלאָר, האָט דער דאָזיגער עפּאָס ניט אויפגעהערט צו באַשעפטיגען די גרעסטע דיכטער און פּאָעטען.

באַזונדער בולט טרעט ארויס דער סאָציאַל־קולטורעלער ווערט און באַדייטונג פון פאָלקס־קאָלעקטיוויזם אין דער רוסישער פאָלקס־טימלאכער און פאָלקיסטישער שטרעמונג פון פאָריגען יאָהרהונדערט.

פון דעם דאָזיגען קולט קאָן מען זעהן, אז דאָס וואָס עס קענען ניט אויפטאָן קיינע רעפאָרמען אָדער אפילו איבערקערעניִשען, וועלכע צושיטערען און רודערען אויף די געזעלשאפט פעריאָדיש אָדער איינצייטיג אויף א מאָמענט, לאָזענדיג דערנאָך ווידער הערשען דעם לעטאַרגישען שלאָף איבער איהר, קאָן אויפטאָן דער פאָלקס־מהות, דורכגעלויכטען דורך דער אינדיווידועלער פּריזמע פון דעם יחיד. עס געווינט פון דעם אי די געזעלשאַפט, אי דער יחיד, וואָרים עס באַלעבט זיי ביידע און באַלויכט זיי מיט די שטראַהלען פון דער גרויסער פאָלקס־נשמה.

אויך ביי אונז איז אויסגעוואַקסען פאַר דער לעצטער צייט די פאָלקסטימלאכקייט און האַלט זיך אין אַנטוויקלען אויף א ברייטערען מאַסשטאַב פון סאָציאַל־קולטורעלען ווערט און באַדייטונג ביז צו א פאָלקיסטישער שטרעמונג.

אויב די אַלטע גריכען זיינען געוועזן די פאָרלויפער פון דעם מאָדערנעם און נייעם אינדיווידואליזם, איז דאָס אידישע פאָלק געוועזן און איז פארבליבען ביז איצט דער איינציגער פאָרלויפער פון פאָלקס־קאָלעקטיוויזם.

די אזוי פיל פארהייליגטע פּריוויטעט־טראַדיציע פון דער געבורט פון אידישען פאָלק, איז שוין אליין געוועזן צום אָנפאַנג דער באַדייי־טענדסטער צייכען פאַר ווייטערער מענשלאכער אנטוויקלונג אין א געווויסער ריכטונג.

אָבער אפילו די ביבעל, אין וועלכער דער אורשפּרונג איז אזוי בולט, בלייבט שוין ניט ביי דערביי אליין, נאָר וויקעלט פאַנאַנדער פאַר אונז ווייטער די מערקווירדיגע אָנווייזונגען און אָנצייכנונגען.

נאָך דעם ווי מיר פאָלגען דורך דעם פּראָצעס כמעט ביז צו דער ענדגילטיגער צונויפשמעלצונג פון דעם פאָלקס־אָרגאַניזם, אָדער צייטענווייז אפילו אין מיטען פון דעם פּראָצעס, זעהען מיר ווי די נביאים, די גרויסע פאָלקס־לערער, פארטיפען זיך אין דער פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע, מאַכען מיט זיין גאַנצען אינערלאכען לעבען, העלפען דעם פאָלק זיך פאַנאַנדערקלייבען אין זיך זעלבסט און מאַכען קולטור רייכער אלע פּראָדוקטען פון פאָלקס־גייסט.

דער ניי־געבוירענער אָרגאַניזם ניט נאָר האָלט אָן זיין ביאָלאָגישען קולט, נאָר ער האָט א נשמה, א באלעבענדען גייסט, וואָס שוועבט אויף דער ביבעל און אויף איהרע אלע געניאַלע שעפער.

דער זיך צייגענדער אידישער אינדיווידואַליזם, אָנפאַנגענדיג אין די פּערזאָנען פון די נביאים, איז פון שטענדיג אָן אַ קאָנסטרוקטיווער פאַר דעם פאָלקס־זשעני.

דער אידישער פאָלקס־אָרגאַניזם האָט פאַרמאָגט פון אָנפאַנג אָן די דאָזיגע אינערלאכע האַרמאָניע צווישען אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע עלעמענטען, וועלכע מאַכט לייכט דעם סינטעטישען צונויפלעבען פון זיי ביידע און העלפט ארויס צו קאָנצענטרירען די אינערלאכע כחות אָנשטאָט צו פאַרשווענדען זיי אויף פאַרשידענע פּסיכאָלאָגיש־קאָלעקטיווע שטרייטיגקייטען.

דאָ ליגט אפשר איינע פון די טיפסטע אורזאַכען פאר וואָס די אידישע קולטור האָט זיך געקענט פאַרמעסטען מיט דער גריכישער און זאָגאר זי באַזיגען.

אונטער די ווייטערדיגע אומגינסטיגסטע אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק אומשטענדען איז די אינדיווידואַליסטישע גייסטיגע אַריסטאָקראַטיע געוועז א טרייע מיטהעלפּערין פון פאָלק און אין באַזונדער רואיגע צייטען האָט זי באַוויזען צו אָפּשפּיגלען דורך זיך דעם פאָלקס־גייסט אין פאַרשידענע צויבער־פאַרבען.

די אויסערגעוועהנליכע אויסנאַמען פון דער דעקאַדענץ פון דער הלכה אָדער דעם רב׳ניזם, ווען די דאָזיגע צווייגען פון אידישען שאַפען זיינען דעמאָראַליזירט און דעגענערירט געוואָרען און האָבען אָפּגעשטויסען פון זיך דאָס פאָלק, זיינען אויסנאַמען, וועלכע באַשטע־

טיגען דאָס צוגעבונדענקייט פון דער אידישער רעליגיעזער אריסטאָ־קראַטיע אפילו צום פאָלק.

נאָר לעצטענס איז געקומען אָן ענדערונג אין דיזען הינזיכט. עס איז געקומען די גרויסע אויפשיטערונג, דער ריזיגער אימפעט פון דעם אלגעמיינעם אינדיווידואליזם און האָט זיך אריינגעריסען אויך צו אונז.

עס איז אַנטשטאַנען מיט דער השכלה צייט אויך ביי אונז עפּעס אַ מין סעקולערע געזעלשאפט, כאָטש נאָך עד היום אין זייערע סימפּ־טאָמאַטישע פאָרמען.

יעדענפאַלס, פון דער דאָזיגער צייט האָט זיך אָנגעהויבען אויס־בילדען ביי אונז א אינדיווידואַליסטישע אינטעליגענץ, וועלכע האָט פאָרזוכט דעם ביטערען טעם פון אויסטרעטען פאַר זיך זעלבסט־שטענדיגע וועגען, וואו די גאַנצע אחריות פאַלט אויף די אייגענע פלייצעס.

עס איז שווער אָנגעקומען און עס קומט נאָך ווייטער שווער אָן דער דאָזיגער גאַנג אויף די נייע וועגען.

דעם פּרואוו, דעם היסטאָרישען פרואוו, האָט דאָך די אינטע־ליגענץ אויסגעהאַלטען.

זי האָט געזאָלט געווען אויף די אינדיווידואַליסטישע פליגלען אויפהויבען זיך און פאָרפליען אין די מרחקים, איגנאָנצען זיך פאַר־פרעמדען און דערווייטערען פון פאָלקס־אָפּשטאַמונג. האָט זי אָבער גענוג געזונטע קערנער פון פאָלקס־גייסט אין זיך געהאַט, אז זי זאָל קענען פאַרראטען דאָס פאָלק.

און זעהר גיך האָט זי דערפילט דעם אינערלאכען רוף און אפילו די ווייט פאַרגאַנגענע און פאָלקאָם פאַרפרעמדעטע קערען זיך אום צוריק איינציגוויז.

א פאָלקס נשמה, וואָס איז מיט אזוי פיל טיפע רעליגיעזע גע־פילען אָנגעהויכט, האָט ניט געקאָנט פארלירען איהר צויבער מאכט אין איין נאַכט.

און מעגלאך, אז דער אידישע געזעלשאפט, כאָטש א פאַרשפּע־טיגטע, אָדער ווייל א פאַרשפּעטיגטע, איז באַשערט אפשר צו ווערען די אמת׳ע פאָלקסטימלאכע געזעלשאפט, וואו דאָס פאָלק אנטוויקעלט זיך און לעבט זעלבסטשטענדיג און דער יחיד האָט א פולע באַפרי־דיגונג פאַר זיין דואַליסטישער נאַטור.

פאָלקסטימלאַכקייט

„דאָס פאָלק איז ווי א אייביגע בלום... בייטאָג, ווען די זון שיינט, ווען דער מענשען־גייסט אנטוויקעלט זיך, לעבט זי אויף, אנטוויקעלט איהרע בלעטער, קוים אָבער קומט די פינסטערע נאכט, מאכט זי זיך צו, קאָרטשעט זיך איין, פאַרשליסט דאַכט זיך אין זיך אליין... דעמאָלט דאכט זיך אז עס איז א געוועהנלאכער לעדיגער דאָרן...״
(י. ל. פרץ)

(מענדעלי, שלום עליכם און פרץ.)

ניט שטענדיג איז דאָס אידישע פאָלק אַקטיוו, שעפעריש. עס האָט זיינע צופלוסען און אָפּפלוסען, אויך צייטען ווען עס, דאכט זיך, אַז עס שטעהט פאַרזונקען אין א לעטאַרגישען שלאָף.

אָבער אויך אין דעם פעריאָדישען האַרבסט פון פאָלקס־לעבען, אויס פולער רייפקייט און אנטוויקלונג, נעמט פון פאָלק זיך אָפּטיי־לען און אראָפּפאַלען פאַרשידענע בלעטער און געוויקסען און דאָס רוב געהט לאיבוד, ווערט פאַרטראָגען אין אלע פיר עקען פון דער וועלט. נאָר א קליינער טייל, אנטהאלטענדיג אין זיך די געזונטע פאָלקס־זוימען, גיבען פון זיך ארויס נייע עקזעמפּליארען פון פאָלקס־אָפּשטאַמונג.

מיט דער דעקאַדענץ פון דער חסידות, וואָס האָט אריינגע־טראָגען ברייטע, דעמאָקראַטישע פּרינציפּען אין דעם רעליגיעז־קול־טורעלען שאַפען און לעבען פון פאָלק און האָט ארויסגעבראכט די פאַרבאָרגענע כוחות פון זיין זשעניע, איז פאַרענדיגט געוואָרען א ציקל אין דעם פאָלקס־שאַפען.

די דאָזיגע פאַרענדיגונג און אויסשעפּונג האָט געבראכט דערצו, דאָס א נייע אינדיווידואַליסטישע אינטעליגענץ זאָל זיך אָפּטיילען און אָפּפאַלען פון פאָלק. אזעלכעס איז שוין געווען פריער. דער חילוק איז אָבער געווען דער, וואָס אין דער נייער אינדיווידואַליס־טישער השכלה־אינטעליגענץ איז דער אינדיווידואַליזם צו ווייט פאַר־

גאַנגען, צו ווייט אין דער אויסערלאכער, פרעמדער וועלט.

עס האָט געהאַלטען דערביי, אז די דאָזיגע אינטעליגענץ זאָל איבעררייסען די פעדים פון דעם היסטאָרישען און אָרגאַניש־אינער־לאַכען געוועב פון פאָלקס וועזען און שאַפען, וועניגסטענס פאַר זיך אליין.

ביז איצט זיינען גראָד די נייע אינדיווידואַליסטיש־אַפּגעשפּאָל־טענע עלעמענטען געווען ־די דאָזיגע, וואָס האָבען, אין דער צייט פון שטילשטאנד אין קאָלעקטיווען שאַפען, צוגעגרייט דעם באָדען פאַר נייע פאַרוואַנדלונגען פון דעם פאָלקס ענערגיע.

אַזוי איז עס געווען אין די פאַרשידענסטע פאַזען פון דעם רעלי־גיעז־קולטורעלען שאפען. אָבער נאָכ׳ן קריזיס, וואָס דער פאָלקס־זשעניע האָט איבערגעלעבט, דעם שרעקלאכסטען קריזיס אין זיין געשיכטע, איז צום ערשטען מאָל ביים אידישען פאָלק אויסגעוואַקסען אַן אינדיווידואַליסטישע אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך פון איהם אַפּגעקערט מיט דער גענגערישער און פאַראַכטלאכער באַציאונג פון א שונא.

די דאָזיגע אָפּקערונג איז צוזאַמענגעפאלען מיט דעם שטילשטאַנד און דער פאַרגליווערונג פון דעם פאָלקס שאפען. די אינטעליגענץ האָט ניט געהאָלפען צוצוגרייטען דעם פאָלקס באָדען פאר וויטערען שאַפען. האָט זי, דורך איהר נייער פאָזיציע, נאָך ווייטער אָפּגע־שטופּט דעם פאָלקס היסטאָרישע אנטוויקלונג.

אַזוי איז אנטשטאַנען דער שרעקלאכער קריזיס אין דעם פאָלקס שאַפען פון די 60 און 70ער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט און וועלכער, ביז א געוויסען גראד, ציט זיך אפשר נאָך עד היום.

נאָר, אמת, דער דאָזיגער אנטיטעז איז אפשר געווען א היס־טאָרישע נויטווענדיגקייט פאַר דעם ארויסקומען פון דעם צוקונפטיגען נייעם סינטעז, די נייסטע און וואונדערבארסטע פאַרבינדונג, דער סינטעז, וואָס פאראייניגט קונסט מיט פאָלק, פונקט ווי א פריערדיגער אין דער געשיכטע האָט ער פאראייניגט רעליגיאָן מיט פאָלק אָדער דאָס לאַנד מיט דעם פאָלק.

דערווייל איז שוין אָבער פון דעם נעגאַטיוו עטוואָס פאָזיטיוועס אויסגעוואָקסען, וואָס גיט ארויס האָפענונגען. די גרעסטע געפאַהר פון קריזיס איז פאָריבער א דאנק דער היסטאָרישער רעטונג, קען מען זאָגען, פון די דריי ריזען־גייסטער — דריי ריזען־עקזעמפּליארען

פון פאָלקס אָפּשטאַמונג — די אבות און קלאַסיקער פון דער אידישער פאָלקס־ליטעראַטור.

די נייע פאָלקסטימלאַכקייט איז די היסטאָרישע רעטונג, וועלכע די געשיכטע האָט צוגעגרייט פאַר דעם פאָלק קאָלעקטיוו, בכדי ארויס־צופירען איהם פון שטילשטאַנד און געבען איהם די מעגלאַכקייט פאַר וויטערען שאַפען.

וואָרים אין דעם בעסטען און ריכטיגסטען זין איז די פאָלקס־טימלאַכקייט ניט דאָס שאפען פאַר דעם פאָלק, ניט דאָס אראָפּלאָזען זיך צו איהם, נאָר דאָס דערהויבען זיך צו איהם, דאָס אריינדרינגען מיט אויסגעשפּראָכענעם אינדיווידום אין דעם אומבאַרירבארען קאָ־לעקטיוו, דאָס האַרמאָנישע באַהעפטען זיך פון די דאָזיגע צוויי עלע־מענטען.

דעריבער איז אזוי וויכטיג און אומשעצבאַר די פאָלקסטימלאכ־קייט אין דער שעהנער ליטעראַטור און דעריבער קענען ארויסרופען אַזאַ באַוואונדערונג און פארערונג די דריי אידישע קלאַסיקער, וועלכע פאַרקערפּערען מיט זיך די נייע פאָלקסטימלאכקייט איטלאכער אויף אַ באַזונדער אופן.

אלס דיכטער און קינסטלער פון ערשטען ראַנג האָבען זיי אויפ־געדעקט די מיסטעריעס, די טיפע אָפּגרונדען פון פאָלקס־נשמה, האָבען אריינגעדרונגען אין די פאַרבאָרגענסטע ווינקעלאך, אויף וועלכע מען האָט שוין געמוזט וואַרפען א שיין פון קינסטלערישען „פּראָ־דזשעקטאר", בכדי זיי אויסצוגעפינען. זיי האָבען די פאָלקסטימ־לאַכקייט געשאַפען און דערשאַפען: דאָס, וואָס זיי האָבען ניט געקענט רעפּראָדוצירען דירעקט נאָך שפּורען און צייכענס, האָבען זיי מיט'ן כח פון דער שעפערישער פאַנטאַזיע דערשאַפען, געגעבען אי דאָס רעאַל־היסטאָרישע, אי דאָס פּאָטענציאַל מעגליכע.

* * *

מענדעלי, דער פּיאָנער פון פאָלקסטימלאכקייט, האָט דורכגע־מאַכט דעם וועג צום סינטעז פון פאָלק און קונסט אויף אַן אייגענ־ארטיגען, אָריגינעלען אופן. ער איז דער ערשטער געווען צו דער־שפּירען, אז די נשמה פון דער אידישער מאַסע וועט אייביג זיין דער לויכטענדער שטערן, וואָס וועט צוציען צו זיך די בעסטע אידישע גייסטער, איז ער אָבער, מענדעלי, דער פקח, דער מייסטער פון זיין קונסט, וועלכער קען זי באַמייסטערן אָבער ניט זיך לאָזען פון

איהר באַהערשען, ווייזט ער דעם גאַנצען בטול־היש פון דער אידי־שער מאַסע אין דער זעלבער צייט, ווען עס נעמט איהם ארום דאָס רחמנות־געפיל צו איהר.

מענדעלי האָט ליב דאָס פאָלק און זיין שפראך; ער קלערט אָבער אלץ ווי צו כשר'ן זיינע קינסטלערישע פאָעטישע געפילען, וועלכע גיבען איהם סוף כל סוף דאָך ארויס. די דאָזיגע איבער־קלערונגען און איבערטראַכטונגען זיינען ביי מענדעלי'ן ניט צוליב לייטען וועגען; עס איז זיין אייגענע פּראָבלעם, וועלכע ער באַמיט זיך צו פאַרענטפערען. דאָס פאָלקסטימלאכע איז ביי איהם אן אינ־דיווידועלע פּראָבלעם. ער זעהט די נעגאַטיוועווירקלאכקייט אין דעם פאָלקס־לעבען און מוז זיך אליין דערשאפען דאָס פּאָזיטיווע, וועלכעס ער קאָן ניט און וויל ניט ארויסברייינגען פאר אונז, אָבער ער מוז עס פערזענלאך האָבען פאַר זיך, בכדי צו געפינען אין זיך דעם מענדעלי, זיין פּאָעטישען איך.

ניט אומזיסט איז די קליאַטשע ביי איהם אויך דער געוועזענער פּרינץ.

מענדעלי'ס סינטעז, וועלכען ער האָט ארויסגעבראכט פאַר דער פאָלקסטימלאכקייט, איז צופיל פאַרבאָרגען און פאַרשטעלט דורך זיין פּערזאָן. דער סינטעז איז צוגענגלאך געוואָרען נאָר אין זיין ווייטע־רער אנטוויקלונג אין די פּערזאָנען און שאפונגען פון שלום־עליכם און פּרץ.

שלום־עליכם מיט זיין גוטמוטיגען שמייכעל און לייכטען הומאָר האָט געשאַפען דעם נייטראלען באָדען, די גינסטיגע גייסטיגע אַט־מאָספער פאר דעם סינטעז פון דער נייער פאָלקסטימלאכקייט, געבויט אויף דער רעאַלער ווירקלאכקייט.

די אינערלאכע האַרמאָניע פון דעם דיכטער גיט איהם די מעג־לאכקייט ארומצואַפען מיט זיין אויג די ברייטעסטע פאָלקס־שיכטען און זעהען אין זיי אן איינהייטלאכען אויסגוס: באַזיצט ער דאָך די עפּישע רואיגקייט און געשטעלטקייט דערפאַר.

פאַר זיין קינסטלערישען אָרגאַניזם איז די פאָלקסטימלאכקייט ניט קיין פּראָבלעם, אויף וועלכען דער קינסטלער קען געבען דעם אָדער יענעם ענטפער. ניין, פאַר איהם איז עס דער גאַנצער תמצית, דער איינציגער מקור און לעבענס־חיות.

אפילו זיין גוטמוטיגקייט איז דאָס אינערלאכע גוטמוטיגע שמייכ־לען פון פאָלק, ווען עס איז נאָר בכח פון זיך אביסעל חוזק צו מאַכען, באפרייען זיך פון זיך אליין און דאָך בלייבען טריי צו זיך זעלבסט, אויסטראגען די געשיכטע אויף זיינע פלייצעס.

שלום־עליכם גיט ניט דאָס קאָלעקטיווע (דערפאר אַפט ניט קאָנקרעטע) בילד פון פאָלק, וואָס מענדעלי גיט. דאָס איז דערפאר, וואָס ער, שלום־עליכם, טראָגט זיך ניט אַרום מיט קיין אַבסטראַקטע אידעאַלען פון פאָלק. ער אבסטראגירט ניט, וואָרים ער קען זיך ניט אָפטיילען פון פאָלק.

אין שלום־עליכמ׳ען האָבען מיר דעם אמת׳ן צונויפגוס פון דיכ־טער מיט דיכטונג, ער אליין שאַפט די פאָלקסטימלאכקייט און אסי־מילירט זיך אין איהר.

און גיט שלום־עליכם יאָ אמאָל א קאָלעקטיוו בילד, איז עס שטאַרק קאָנקרעט און באַשטימענד באַגרעניצט. אָפטיילענדיג זיך פון דעם אָביעקט פון זיין קונסט, ווערט ער מעהר פערזענלאך איידער פאָלקסטימלאך.

דעריבער איז כתרילעווקע און יעהופעץ ניט דער ריכטיגער אויסדרוק פון פאָלקסטימלאכקייט, בשעת ווען איינצעלנע טיפען, ווי טביה און מנחם־מענדעל, טראָגען אויף זיך דעם גאַנצען שוואונג פון פאָלק, זיין פאַרגליווערטע רוהע און זיין אימפעט.

די אידישע ווירקלאכקייט איז ביי שלום־עליכמ׳ען ניט קיין עמק הבכא שוין דערפאַר אליין, וואָס עס עקזיסטירט און לעבט דער פאָלקס־גייסט און איז ער איצט אין א שטילשטאנד, איז אָבער זיין עקזיסטענץ אליין אן ערבות פאר ווייטערען שאַפען. זאָל דאָס פאָלק נאָר ניט קומען צו קיין יאוש און זאָל עס נאָר אויפהאלטען זיין גוטמוטיגקייט, וועט זי איהם שוין געבען כחות אריבערצוטראָגען אפילו די שאַרפסטע און שווערסטע קריזיסען, ביז ער וועט פון זיי ארויס דער זיגער.

דער אינטעלעקטועלער געבוי פון פרץ דעם קינסטלער און דיכ־טער מאכט איהם מעהר באַוואוסטזיניג אין זיין שאַפען, מעהר אויס־געשפראָכען אינדיווידועל.

זיינע ווערק אָבער, זיינען דער בעסטער באוויז, ווי אזוי דער אמת׳ער קינסטלער מוז בלייבען טריי צו זיין קונסט, כאָטש זי איז

אָפּט אין געגענזאַץ מיט זיין ניט־קינסטלערישען און געוועהנליך מענשלאכען איך.

שוין אויף דער רעאַליסטישער פאַזע פון פרץ׳ס שאַפען איז אויסגעגאָסען דער גייסט פון פאָלקסטימלאכקייט. נאַר דעמאָלט קאָנטראָלירט ער זיין פאָלקסטימלאכקייט דורך זיין פערזענלאכען אינדיווידועלען גייסט. דעמאלט קומט ער צו גאנץ נאָהענט צו מענדעלע׳ן.

מיט דער צייט איז אָבער דער דיכטער שטארק אויסגעוואקסען און זיך באַפעסטיגט אין איהם. קוקט ער מיט די זעלביגע אויגען און זעהט גאַר עפּעס אַנדערש. אויב פריער איז פרץ גיכער דער פאָלקס־שרייבער, איז ער שוין איצט דער פאָלקס־דיכטער; אויב פריער האָט ער געזעהן דעם „גולם״ פון דער אידשער מאַסע פאַרוואַקסען און פאַרשטויבט און קיינער רירט זיך צו איהם ניט צו, דעקט פאר איהם איצט דער צייטיג געוואָרענער קינסטלער אויף אַלץ נייע און נייע סימנים פון לעבען אין דעם דאָזיגען „גולם״ און ער הויבט אין איהם אָן זעהן א סטיכישע קראַפט און באוועגלאכקייט, אן אינערלאכע ריטמישע האַרמאָניע, א געשטעלטקייט און גלייכגעוויכט פון אן אָרגאַניזם, וועמענס היסטאָרישע אנטוויקלונג איז די טויזענטיאָהריגע מאָראַלישע און גייסטיגע קולטור. דער קינסטלער אין פרץ׳ען שאפט ניט די נעגאַטישע פאָלקסטימלאכקייט, און ניט די נייטראלע גוטמוטיגקייט און גלייכגילטיגקייט פון פאָלקסגייסט. דאָס פאָלק נעמט ביי איהם אָן פּאָזיטיווע פאָרמען; ער געפינט אין דער פאָלקס נשמה דעם שעפערישען זשעניע, די ערהאַבענסטע און נאָבעלסטע געפילען פון יושר, א טיפע מאָראַלע קולטור און א לעבענס־קראַפט, וועלכע שטראָמט מיט אומגעהויערע ענערגיע. אמת, ער מוז זיך ווענדען צו דער פאַרגאַנגענהייט נאָך דאָס פאָזיטיווע. אפילו דער קינסטלער און דיכטער שאפט ניט קיין יש מאין.

קיין נייע פאָרם פון קולטור האָט דאָס אידישע פאָלק ניט באַוויזען צו שאַפען נאָך דעם חסידיזם.

דער דיכטער, וועלכער באַזיצט די שעפערישע פאָלקס־זוימען אין זיך, מוז זיך ווענדען צו דער פאַרגאַנגענהייט, בכדי צו שאַפען זיך דאָס מאָדעל פון פאָלק, בכדי צו מאַכען קלאָר פאר זיך אליין

זיין אייגענעם אינהאַלט. און שעפּענדיג פון דאָרט גייסטרייכע ביל־דער, געפינט ער, דורך זיך אליין, דעם וועג צום פאָלק.

פּרץ האָט אין דער חסידות דערזעהן, ווי אזוי דער באַלעבענדער גייסט מאכט פון דער מאַסע אן איינהייטלאכען קאָלעקטיוו און ווי אזוי עס געהט אָן די אינערלאכע אנטוויקלונג, וועלכע פאַרבינדט די דאָזיגע מאַסע אָרגאַניש מיט דער גאַנצער טויזענטיאָהריגער קולטור.

אין די „פאָלקסטימלאכע געשיכטען" גיט ער אונז די אָרנאַמענ־טאַלע שפּיצען פון דער דאָזיגער קולטור, די אַראַבעסקען אויסגע־שניצט און אויסגעטאָקט פון זיין אייגענער האַנט, צייגענדיג די גאַנצע פּראַכט און גלאַנץ פון זיין טאַלאַנט, די עסטעטישע פאָרם און דעם אויסגעהאלטענעם אינהאלט.

דאָס פאָלקסטימלאכע האָט אויסגעהאַלטען דעם עקזאמען פון פּרץ'ס הויכער אינדיווידועלער אנטוויקלונג, פון זיין אינטעלעקט. פּרץ דער מענש האָט זיך געבויגען פאַר פּרץ דעם קינסטלער, — און פּרץ דער קינסטלער האָט געגעבען די באַשטימונג און דעם אויס־דרוק פון דער פאָלקסטימלאכקייט.

* * *

די נייע פאָלקסטימלאכקייט, באַהאַנדעלט דאָס פאָלק אלס קאָ־לעקטיוו, אלס אן אינטעגראַלען אָרגאַניזם, אין דער זעלביגער אָרט, אויב ניט אין אַזאַ מדרגה, ווי עס ציגט זיך ארויס אין דער ביבעל, אין דער אגדה, אין דעם גאַנצען אידישען פאָלקלאָר.

זי צייגט אָבער ניט נאָר די היסטאָרישע פאַרבינדונגען אין דעם קולטורעלען געוועב. זי ברייננגט אויך ארויס דעם לעבעדיגען פּראָ־צעס, דאָס וויברירענדע האַרץ און נשמה פון פאָלק, זי וויקעלט פאָ־נאַנדער די פּסיכאָלאָגישע פלאָנטערען פון דעם קאָלעקטיוו, העלפט דער אינדיווידואַליסטישער אינטעליגענץ לייזען איהר פאָלקס־פּראָבלעם און ווערען אן אַקטיווער טייל פון פאָלק און אליין באַהילפיג זיין דעם פאָלק אין זיינע קריזיסען אויף דעם וועג צו נייער אָריגינעלער קאָלעקטיווער שאַפונג.

II

ווערען און פּראָבלעמען פון אידישען שאַפען

ש. י. אַבראַמאָוויטש — מענדעלי מוכר ספרים

דאָס אידישע פאָלק, מיט אַזאַ רייכער ליטעראַרישער טראַדיציע, וואָס ציט זיך פון דער ביבעל, מיט איהר גאַנצען וואונדערבארען און עד היום פאר דער גאַנצער מענשהייט העל שיינענדען עפּאָס, האָט אויף דער צווייטער יוגענד געזאָלט געבאָרען א צווילינג.

איז די געווינעריןֿ, פאר קיין שום אידשער טאָכטער געדאכט, א מקשה ללדת געוועןֿ.

דער אינטעלעקטועלער דיפערענצירונג פּראָצעס האָט זיך ביי אונז א היבש ביסעל פאַרשפּעטיגט און פארצויגען צוליב די עמאָ־ציאָנעל־רעליגיעזע עלעמענטען, וועלכע האָבען דאָמינירט און באַ־הערשט דעם גאנצען גייסטיגען מהות פון דער אידישער פאָלקס־נשמה. ביז וואַנען דער רעליגיעזער און גייסטיגער קוואַל האָט גענומען אויסגעטריקענט און אויסגעליידיגט ווערען, ביז וואַנען נייערע וועלטלאכע עלעמענטען האָבען ניט גענומען אריינדרינגען צו אונז און עס האָבען זיך אָנגעהויבען יענע קאָנפליקטען, יענע קלאַסישע ויתרצצו׳ס, וואָס האָבען געבראַכט מיט זיך די חבלי־לידה פון דער אידישער נייער מאָדערנער ליטעראַטור.

איז עס אויף שי׳ אבראמאָוויטש אויסגעפאלען דער מערקוויר־דיגער גורל צו זיין, אזוי צו זאָגען, די „הויב־אַם" ביי דער שווערער געווינעריןֿ, כאָטש דעם דאָזיגען שיקזאַל האָט ער אליין גענומען אין זיינע אייגענע הענט און האָט אויסגעפורעמט, מאָדולירט די אידישע ליטעראַטור, די שעהנע ליטעראַטור, סיי אין העברעאיש סיי אין אידיש לויט זיין אייגענעם גייסט און זיין אייגענעם שעפער־שען דראַנג.

ערשט איצטער, נאָך דער גרויסאַרטיגער אנטוויקלונג און דעם פאָרשריט, וואָס די אידשע ליטעראַטור האָט גע׳מאכט צוזאמען מיט אבראַמאָוויטש און נאָך איהם, ווען מיר ווענדען אונזער בליק צוריק, רעטראָספּעקטיוו, אויף דעם אָפּגעגאַנגענעם מהלך, ווערט פאַר אונז קלאָרער און דייטלאָכער די גאנצע שעפערישע פערזענלאכקייט פון דעם גרויסען קינסטלער און גאָט־געבענשטען פּאָעט.

אָנהויבענדיג פון „דאָס קליין מענשעלע״, אויף וועלכען אבראַ־מאָוויטש זאָגט עדות, אז ער האָט דערמיט געלייגט דעם פונדאַמענט פאר דער אידשער ליטעראַטור, ביז צו „שלמה ר׳ חיים׳ס״, האָט דער „זיידע״ מיט פאָרזיכטיגע און געמאָסטענע און דאָך געוואַגטע, פעסטע טריט דורכגעלייגט א וועג, דעם אייגענטליכען וועג, פאַר דער מאָדער־נער וועלטלאכער אידשער קינסטלערישער שאַפונג.

ניט נאָר האָט ער ממש געשאַפען און איבערגעשאַפעןביידע שפּראַכען, אויף וועלכע ער האָט געשריבען זיינע ווערק און אויפ־געשטעלט נייע אָריגינעלע בנינים, נאָר ער האָט פאַראייביגט א גאַנצע עפּאָכע, א דאנק זיין נייער קינסטלערישער אויפפאַסונג, דעם טאָן פון עכטער קונסט, וואָס ער האָט אריינגעטראָגען אין דער ליטע־ראַטור.

צוליב אבראַמאָוויטש׳ס צוהערען זיך צום קינסטלערישען באַרוף און דראַנג איז איהם געלונגען צו רעזומירען און געבען א סך הכל, רעפּראָדוצירען א גאַנצען שטייגער לעבען פון אונזער פאָלק, וואָס האָט זיך זעהר לאַנגזאַם צונויפגעשטעלט און איז געוועזן א רעזולטאַט און א המשך פון אזוי פיל הונדערטער יאָהרען פון אומקינסטלערישען אויסדרוק אָדער אפילו פון יעדען אנדערען אידעאָלאָגישען אויסדרוק.

איז אבראַמאָוויטש געוועזן דער דאָזיגער גליקלאכער קינסטלער און דיכטער, וואָס האָט אויפגעכאַפּט און פאררעגיסטרירט אלץ און אלעס. דערפאר זיינען אלע זיינע ווערק אָנגעפּיקעוועט און מלא כרמון מיט די קלענסטע איינצעלהייטען און פּרטים פון דעם דאָזיגען שטייגער און אָרט לעבען. ווי א שאַצמייסטער האָט ער אינטואיטיוו און, הויפּטזעכלאך, אינטעלעקטועל, באַוואוסטזיניג אויפגענומען דעם אומגעהייערען ווערט פון די אומבארירטע און אומאויסשעפּלאכע אוצרות, וואָס זיינען געלעגען פאר איהם כאבן שאין לה הופכין, די אלע פלאסטען און שיכטען, גאַנצע תהומות און אָפּגרונטען פון דער פאָלקס־גענעאלאָגיע, אָנגעהויפטע פאַרגליווערטע און אָפּשטארבענדע פאָרמען פון לעבען און אידעען.

ווי א געניטער מבין זאָמעלט ער אויף, שאָרט צונויף די הויי־פענס, סאָרטירט זיי און קלאַסיפיצירט און באַמיט זיך צו מאכען פון זיי א סחורה עוברת לסוחר.

צוליב דעם איז ביי אבראַמאָוויטש׳ן אזא פלאָס, אזא שפע פון ווערטער, פון דעם וואָרט, וואָס האָט א שפּאַר געטאָן, ווי פון א

ריטמישען קוואַל, טראָץ דעם וואָס, אלס באַוואוסטזיניגער קינסטלער און שעפער, האָט ער קאָנטראָלירט, געפּאָלירט און געפיילט יעדען אויסדרוק, יעדען שפּריץ פון זיין פען.

„רבותי איך בין זיך מודה — א מין חולשה אזעלכע האָב איך פון קליינוויַיז אויף, ניט פאַר אידען געדאכט, וואָס אויף זייער לשון הייסט עס: ליבשאפט צו דער נאַטור, ד. ה., צו אַלצדינג, וואָס שפּראָצט, וואַקסט, וואָס לעבט, וואָס געפינט זיך אין דער וועלט. עס ציט מיך, ציט, ניט פאר אייך געדאכט געוואָרען, עס קריכט מיר אמאָל אין קאָפּ אריין א צאצקעלע, א שעהן פּנימ׳ל, א בילד, א געשטאַלט — א גרעזעלע, א בוימעלע, א רויזעלע און א פויגעלע״...

עס קלינגט פאר אונז ארכאַאיש אפשר אזעלכע פּאָעטישע קינסט־לערישע אנטפּלעקונגען, אָבער דאָס האָט אבראַמאָוויטש אנטפּלעקט און געפונען אין זיך זיין אַלטער עגא, זיין צווייטען אָדער גאָר דעם אייגענטלאכען פּאָעטישען איך — מענדעלין.

א דאַנק אָט דער דאָזיגער „חולשה״, א דאנק דעם, וואָס דער עסטעטישער „יצר הרע״ — ווי מענדעלע רופט עס — האָט איהם גובר געווען איז עס געשעהען דער וואונדער, וואָס א אידישער דיכ־טער האָט אנטדעקט די נאַטור אָט דאָ, אין מיטען פון די מיטעל־אלטערלאכע שטעטלאך, די געטא שטעטלאך, גלופּסק, קבצנסק, גני־לאפּיאטעוועקע, און טונעיאדעוועקע.

ער האָט דערזעהען דעם אָפענעם הימעל איבער׳ן קאָפּ, דערשפּירט די מוטער־ערד אונטער זיינע פיס און — האָט באמת געזאָגט שירה.

צוליב די נאַטור־שילדערונגען און באַטראַכטונגען אליין וואָלטען אזעלכע ווערק, ווי „פישקע דער קרומער״ און „מסעות בנימין השלישי״, למשל, פארבליבען ווי קלאַסישע מוסטערען פון עכטען אידישען פּאָעטישען שאַפען.

די אומות העולם זיינען פון שטענדיג אָן, למשל, נעהענטער צו דער נאַטור, אין א שטענדיגען קאָנטאקט דירעקט מיט דער מוטער־ערד. איז עס א נאַטירלאכע דערשיינונג — די נאַטור איז פאר זיי אן אָפענער בוך.

און דאָך זיינען דאָרטען ביז צום לעצטען די פּאָעטישע געפיה־לען, די עמפפינדונג פאר דער נאַטור, איינע פון די פּרוביר־שטיינער פאר יעדען דיכטער און קינסטלער.

אין די אויטאָביאָגראַפישע קאַפּיטלאך פון „שלמה ר׳ חיימ׳ס״

דערצעהלט מענדעלי, אז שלמה׳לע איז געווען בטבע א פולבלוטיגער און, באפרייענדיג זיך פון חדר און פון יענער וועלט פון די ספרים, הויבט ער אָן באַמערקען אויך די וועלט.

„לכה דודי — קום שפּאַצירען, רעדט איהם איין דער יצר הרע" און שלמה׳לע פאָלגט איהם טאַקע, וואָרים עס „איז איהם געפעלען מעשי־שטן די מגושמ׳דיגע ווערק גאַנץ פשוט אין דער פאָרמע, אין דער געשטאַלט. ווי זיי זיינען וועט קיין מוכר־ספרים ניט קאָנען איהם עס פארמיאוס׳ען".

אָט די נייגונג צו דער נאַטור, וועלכע מענדעלע־אַבראַמאָוויטש האָט נאָך פון דער פריער יוגענד פאַרמאָגט און וועלכע פארנעמט אזא בכבוד׳יגען אָרט אין זיין שאַפען, לאָזט איהם ניט אָפּ אפילו אין די סאמע טראַגישע מאָמענטען פון לעבען און ער געפינט אין איהר טרייסט און שטארקונג, קרעפטיגונג פאר ווייטער אנטוויקלונג און קינסטלערישען שטייגען, א קוואַל פון גייסטיגער ענערגיע פאַר ווייטערען פאַרטזעצען פון שאַפען.

„איהר שמייכעלט, טראכטענדיג ביי זיך — ס׳אַר א קינד איך בין, וואָס איצט, ווען עס איז דאָ צו רעדען וועגען וואָס אַנדערש און וויכטיגערס, שמועס איך מכח וועלדער, פייגעלאך. ניין, מיין פריינט, איך ווייס ניט ווי אנדערע, נאָר די איצטיגע געשעהענישען (די פּאָגראָמען אין די 80גער יאָהרען) און די טרויעריגע לאַגע פון אונזערע אידעלאך רופען ביי מיר ארויס גראדע טאַקע דעם געדאנק וועגען וועלדער און וועגען די חיות, וואָס געפינען זיך דאָרטען.

דאָרטען דאכט זיך לעבט זיך בעסער און רוהיגער. איך בין איצט פולקאָם איניג מיט רוססא, וואָס האָט גערופען די מאסען אוועק־צואוואַרפען דעם טייוועל זייער נאַרישע ציוויליזאציע און צוריק זיך אומקערען אין די וועלדער". אזוי שרייבט מענדעלי צו זיין פריינט בינשטאק נאָך די פּאָגראָמען אין די 80ער יאָהרען.

דאָך איז מענדעלי קיין פאָלקאָם האַרמאָנישע פּאָעטישע נאַטור ניט געווען, וואָרים ווידער אמאָל „ויתרוצצו... האָבען זיך אין מיר די צוויי מענדעליך געבוכצעט אינווייניג, געריסען און געפליקט ווי די הענער".

דער זעלביגער מענדעלי, וועלכער האָט דערגרייכט א געוויסע השלמה, א פּאָעטישע פאָלקאָמענהייט אין „מסעות בנימין השלישי", אין „ווינשפינגערעל", אין „שלמה ר׳ חיימ׳ס" — האָט אויך געשרי־

בען „דאָס קליין מענשעלע״, „די טאַקסע״, „די קליאַטשע״, אין וועלכע ער איז אזוי דיקדאקטיש, טענדענציעז, מוסר זאָגעריש און עצות געבעריש. געוויס איז אַנגעגאנגען אַן אינערלאכער קאמף ביי אונזער גרויסען קינסטלער צווישען די פארשידענע עלעמענטען פון זיין שאפען, א קאמף, פון וועלכען דער קינסטלער און פּאָעט איז ארויס דער זיגער, צום גליק פון אונזער ליטעראַטור און איהר וויטערער אנטוויקלונג.

כאָטש אין דער ערשטער העלפט פון זיין ליטעראַרישער קאַריערע שטאַרק ראַציאָנאַליסטיש, סאָציאל רעפאָרמאַטאָריש, אין דעם גייסט פון א פּאטראן פון השכלה, האָט אבראַמאָוויטש־מענדעלי דאָך באַזע־סען יענע קינסטלערישע אויפריכטיגקייט, וואָס איז ניט קיין דערגריי־כונג פון אייגענעם ווילען, אינטעלעקט אָדער באַוואוסטזיין, נאָר א פּאָטענץ פון די קינסטלערישע אייגענשאפטען פון אן אמת פּאָעטישער שעפערישער אינדיווידועלער פערזענלאכקייט.

שפּיגלען אויך אָפּ די ערשטע ווערק פון דעם ערשטען פעריאָד פון מענעלי׳ס שאַפען זיין גרויסקייט, הגם ניט אין אַזאַ מאָס ווי די פון דער רייפערער צווייטער תקופה, צוליב דער געוויסער מאָס פון האַרמאָנישקייט צווישען איבערלעבונג און שילדערונג ביי אונזער גרויסען קלאַסיקער.

די געשטאַלט פון מענדעלי, וואָס אבראַמאָוויטש האָט אויף זיך אָנגעקליידעט פון דער פריהצייטיגער שטופע פון זיין שאַפען, האָט זיך געדארפט אָנפילען מיט קינסטלערישען און פּאָעטישען אינהאלט, בכדי עס זאָל איהם פּאַלקאָם קליידען און פּאַסען, בכדיביידע זאָל זיך אידענטיפיצירען, זיך צונויפגיסען אין איינעם אָדער זיך אויסמישען.

דער איבערגאנג פון דעם ערשטען פעריאָד שאפען צו דער קינסטלערישער שטופע, אויף וועלכער די שפּעטערע ווערק, ווי „פישקע דער קרומער״, „מסעות בנימין השלישי״, „דאָס ווינשפינגערעל״ און „שלמה ר׳ חיים׳ס״, זיינען אויסגעוואַקסען—איז די געשיכטע פון דער אנטוויקלונג פון דעם גרויסען קינסטלער, אויף וועלכער ער האָט ניט אויפגעהערט צו ארבייטען ביז צו דער שפּעטער עלטער און וועלכע האָט קאָנקרעטיזירט, געגעבען אינהאַלט אין לעבען דער פיגור פון מענדעלי מוכר ספרים.

די הויפּט כאַראַקטעריסטיק פון ביידע פעריאָדען שאפען איז געווען און פארבליבען הויפּטזעכלאך די סאַטירע.

אין דעם ערשטען פעריאָד איז די סאַטירע געווען א צושטע־רערין פון קונסטווערק, ניט דערלאָזענדיג די ווערק זיך אויסבילדען לויט זייער אייגענעם וואוקס, אריינמישענדיג זיך אלס די הויפט דעה זאָגערין. אין דעם שפעטערען פעריאָד איז די סאַטירע געוואָרען א קינסטלערישע סאַטירע, וואָס קומט ארויס אלס א פראָדוקט פון דעם פארטיגען קינסטלערישען ווערק, וואָס איז אנטשטאַנען טראָץ דער דאָזיגער סאַטירע.

וואָרים, אויב אלס קינסטלער האָט מענדעלי פארמאָגט אן אָפען אויג און פילבארעס הארץ, האָט אבראַמאָוויטש אלס אינטעלעקט, געהאָט אן אָפענעם מח צו אויפנעמען די פראָבלעמען פון זיין פאָלק. צוזאמען מיט די שטראָף־רייד, מיט די פאַטעטישע געפיהלען פון רחמנות, עצות געבען און מוסר זאָגען, איז שטענדיג פארבונדען ביי מענדעלי א וויזיאָן, א לעבעדיגע און באלעבענדע אידעע, וואָס לויכט פאר איהם געדאנקלאך אויף אזעלכע פארשטעלטע ערטער, פאר־שטעלטע און פארהיילטע פון די גרעסטע מחות פון זיין אייגענעם „אויפגעקלערטען" דור און ער פאַרלויפט פראָפעטיש דעם וועג ווייט פאָראויס.

קיין ריינער עפיקער, קיין דערצעהלער און שילדערער אין דעם אייגענטלאך זינען איז ער ניט געווען. וואָרים אפילו אין זיינע נאַטור באַטראַכטונגען און שילדערונגען לאָזט ער ניט דורך אויף שריט און טריט דעם „דאָס בין איך ניט אויסען" אין סתם אינטערפּרע־טאַציעס און פרושים, כוונות און צרופים.

ער איז אָבער פון דעם פאַטעטישען רחמנות־געפיהל פאר די דערנידעריגטע און דערשלאָגענע אין „פישקע", פון בייסענדער סאַ־טירע און האַרטער שטראָף אין דער „טאַקסע" און „קליין מענשעלע" און „קליאַטשע" אריבער צו דעם הומאָר און פאַראַדיע אין „מסעות בנימין", צו דעם עפּישען כמעט רוהיגען דערצעהלען אין „ווינש־פינגערל" און „שלמה ר' חיים'ס".

דאָס גרויסקייט און אומשטערבלאכקייט, דאָס אייגענטלאך לייגען דעם פונדאַמענט פאר א גאנצען בנין, וואָס זאָל שאפען די גאַנצקייט און איינִיגקייט פון א ליטעראטור א גאנצער, האָט מענדעלי דער־גרייכט מיט זיינע ווייטע און ברייטע האָריזאָנטען פון פאַטעטישע באַטראַכטונגען, אין די ברייטע און אומפאַסענדע סכעמעס און בילדער פון זיינע סאַטירעס.

ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבען צו פאַר־צושטעלען דאָס אידיש לעבען אלס גאַנצעס גענומען, אָנהויבענדיג פון די צופעליגע דערשיינונגען פון די ווייטע ווינקלען, ביז צו יענע וועגען, וואָס פירען צום מיטעלפונקט.

„אין דער מיט וועלט אויף דער קיילעכדיגער ערד איז דאָ א קליין פלעקעלע ווי א פליג האָט איבערגעלאָזט. דאָס איז גלופסק, און אין דעם דאָזיגען פלעקעלע איז דאָ א פינטעלע — א קלייזעל, אין דעם פינטעלע איז דאָ ברעקעל פינטעלע — א באַנק, און אין ברעקעל פינטעלע איז דאָ א פיצינקע פינטעלע, א מין באַשעפעניש אזוינס, וואָס הייסט הערשעלע". אָט אזוי מיקראָסקאָפיש קוקט מענ־דעלי אריין און שטעלט אָן זיין באַאָבאַכטונגס אַפּאַראַט, ווען ער ווערט דער עפיקער.

„מיר זיינען אן עדה פון מילבען, וואָס ווי איינער אזוי די אנדערע גלייך. אין דער נאַטור־געשיכטע, אין דער זאָאָלאָגיע ווערט גערעדט פון דעם מין מילבען בכלל, אָבער ניט וועגען איטלאָכען באזונדער".

אָט אַזוי קוקט מענדעלי אריין מיקראָסקאָפיש אין זיינע „מילבען אידעלאך", קאַרגט ניט קיין באשרייבונגען און שילדערונגען און מיר זעהען פאר זיך, ווי פון די כמעט פרימיטיווע קינסטלערישע מיטלען, וואָס ער באַזיצט, וואַקסען אויס ברייטע פייזאַשזען פון דער נאַטור און גרויסע בילדער פון א גאַנצען לעבענס שטייגער. די סינטעטישע בילדער אָדער סכעמעס גיבען צו ווייטע פערספעקטיווען צו זיין שאַפען. די מאַסען־בילדער גיבען דעם הינטערגרונד פאר דעם קינסטלערישען שעפערישען אויסדרוק פון א גאַנצער פאָלקס־נשמה. אזעלכע עפעקטען, וועלכע ווערען דערגרייכט אין דער קליאַטשע, למשל, ווערען אילוסטרירט מיט דעם גאַנצען סכום פון מענדעלי׳ס אלע ווערק און פון זיי אלע שאַפט זיך דער יסוד פון אן איינהייט־לאכער גאנצער ליטעראַטור.

מענדעלי האָט אונז אריינגעפירט אין די געצעלטען פון יפת, האָט אונז דאָרטען געמאַכט אידישלאך — היימיש, אונז געגעבען א שטול און געהייסען זיך באקוועם צו מאכען. אויב ביז איהם האָבען מיר געמאכט עקסקורסיעס, ווי געסט, אויף דעם געביט פון דער עסטעטישער שעהנער ליטעראַטור, האָבען מיר איצטער פאַראייניגט און צונויפגעקליבען די אלע פראגמענטען און אָפּגעזונדערט אָפּגע־ריסענע ווערק און שטרעבונגען צו שעהנקייט און זיי פאַרוואנדעלט אין איין ליטעראַטור.

בעל מחשבות

די העכסטע מדרגה פון שאפען איז הויפּטזעכלאך די עכט פּאָזי־טיווע און סינטעטישע.

ווען דאָס מענשלאכע וויסען און באַוואוסטזיין, די גאַנצע אינ־טעלעקטועלע גייסטיגע קאָניוקטור, וואָלטען געוועזן געבויט און זיך אנטוויקעלט אויסשליסלאך נאָר אויף דעם לאַנגזאַמען און פּאַמעלאכ־דיגען שריט־נאָך־שריט ערפאַרונגס־גאַנג וואָלטען מיר געבליבען הינ־טערשטעליג אין אונזער קולטורעלען צושטאַנד.

נאָר יענע פּסיכיש־אינערלאכע כחות, וואָס פאַרשמעלצען די פאַר־שידענסטע עלעמענטאַרע אהנונגען, ארויסרופענדיג נייע אסאָציאַציעס, וואָס פאַרשלינגען די פראגמענטאַרע אָפּגעהאַקטע שטריכען און ליניעס, ארויסברייגענדיג א גאַנץ ניי און בולט בילד — נאָר זיי רעוואָלו־ציאָניזירען און פאַרשנעלערען דעם טעמפּאָ פון דעם גייסטיגען שע־פערישען פראָצעס, נאָר מיט זיי איז פאַרבונדען דער אינטואיטיווער מענשלאכער גייסט און זיין שטרעבונג צו אַנטפּלעקען און אנטדעקען נייעס.

א דאַנק דעם סינטעטישען כאַראַקטער פון דער שעהנער ליטע־ראַטור, פון דער קונסט אין בילד און וואָרט, איז אויסגעוואַקסען איהר גאַנצע באַדייטונג.

און נאָר אין דעם הינזיכט איז די ליטעראַרישע קריטיק דער זעלבער פאַקטאָר אין באַצוג צו ליטעראַטור און שפּראַך.

בעל מחשבות איז אין דער אידישער ליטעראַטור געווען דער ערשטער און סינטעטישער קריטיקער און דערפאר האָט ער אַנט־פּלעקט די ליטעראַטור און געשאַפען די קריטיק.

זייער לאַנגזאַם איז די אידישע קולטור אַנגעגאַנגען מיט איהר אַנטוויקלונג פאר די לעצטע עטלאכע הונדערט יאָהר אין דער גע־שיכטע פון אידישען פאָלק. זייער לאַנג האָבען די פּראָדוקטען פון אידישען גייסט ניט געטראָגען אויף זיך דעם הויך און אָטעם פון פאָלק, ווערענדיג וואָס ווייטער אויסגעטריקענט פון זייערע לעבענס־זאַפטען.

פאַר דער זעלבער צייט אָבער האָט זיך דער געזונטער אידישער פאָלקס־אָרגאַניזם אקלימאַטיזירט אויף א נייעם באָדען, אויף דאָס ניי אָנגעהויבען שפּריצען מיט פרישקייט און יוגענט.

דאָס איז דאָס פאָלק איבערגעוואַקסען זיין טראַדיציע, און, לאָ־זענדיג אונטער זיך די אַלטע קולטור טרעגער, איז עס געבליבען טריי צו זיך זעלבסט. און אָט די דאָזיגע גייסטיגע זעלבסטשטענ־דיקייט און סאָווערעניטעט האָט ווידער אָנגעהויבען דינען פאַר אַ קוואַל פון גייסטיגער ענערגיע און שאַפען.

אונזערע נייע קינסטלער און וויזיאָנערען האָבען צוערשט געעפענט די אויגען צו זעהען דעם קפיצת הדרך, וואָס דאָס פאָלק האָט דורכ־געמאַכט.

פאַר זיי האָט זיך געעפענט אַן אומאויסשעפּלאַך קוואַל פון לע־בען, פון בילדער, געשטאַלטען און געשטאַלטונגען. אונזערע נייע אידישע קלאַסיקער האָבען דורך סינטעטישע בילדער אנטדעקט דאָס פאָלק אויף דאָס ניי אין דעם טיפען לויף פון זיין פולסירענדען לעבען און באַוועגונגען, און צו די דאָזיגע אידישע קלאַסיקער וועט אויך בעל מחשבות זיכער צוגערעכענט ווערען.

דער קריטיקער און פובליציסט, וואָס דענקט און שאַפט אין בילדער און פיגורען, וואָס האָט, אַזוי צו זאָגען, אויסגעדיכטעט די נייע אידישען ליטעראַטור, איז געווען איהר נביא און סינטעטישער שעפער, דער, וואָס האָט מיט זיין אויג און איינבילדונגס־קראַפט זי, די ליטעראַטור, ארומגעכאַפט און אומגעפאַסט אלס איין גאַנצעס. ער איז ניט דער עקספאָנענט פון שעפערישען פּרינציפּ אין דער קונסט, ניט דער טרעגער פון קונסט באַוואוסטזיין, וואָס גיט דער ליטעראַטור רייפקייט און בריינגט אריין אין איהר די גאַנצקייט און השלמה.

דער עכטער אייראָפּעער, וועלכער האָט זיך געטובלט „ביפיפותו של יפת״, איז ער ניט אריינגעטראָטען אין אונזער אָרימען טעמפּעל פון קונסט מיט א פאַרטיגען מאַסשטאַב, ווארום קריטיקירען, באַ־הויפּטעט ער, קאָן מען נאָר, ווען עס איז פאַראַן פעסטער גלויבען אין אַן אידעאַל.

און אַזאַ אידעאַל איז פאַר איהם די אידישע ליטעראַטור און שפּראַך, וועלכע האָט איהם באַשאָנקען מיט שעפערישען פּאַטאָס און דורכדרינגלאכע בליקען. שטעהענדיג ביים אויפגאַנג פון דער אידי־

שער ליטעראַטור איז די קאָנסטרוקטיווע קריטיק פון בעל מחשבות אין זיינע אלע באַציאונגען צו איהר געווען נאַטירלאך צוגעפּאסט צו זיין איהר פאַקטאָר פון וואוקס און אנטוויקלונג. ווארום, זייענדיג אינטים פאַרבונדען מיט דער ליטעראַטור, איז ער צוגעקומען נאָהענט צום מקור פון נייעם אידישען שאַפען און האָט זיך זעלבסט אויפגע־לייזט אין איהר און דורכדעם, ווי דורך א פאַרגרעסערונגס־גלאָז, געצייגט דעם העלען לויכטענדען שיין און גלאַנץ פון זיין אויפגע־הענדער זון.

ער איז ארויסגעטראָטען אין דער דאָפּעלטער ראָלע פון אן אָביעקטיווען אָפּשאַצער, וואָס איז זיך אליין משתתף אין דער יצירה; שרייבענדיג איבער ליטעראַטור האָט ער אליין געהאָלפען צו שאַפען ליטעראַטור.

כאָטש בעל מחשבות איז אן עסטעטישער קריטיקער, איז ער אָבער ניט קיין אָנהענגער פון דער שפּראַך לשם שפּראַך און דער ליטעראַטור לשם ליטעראַטור, ווארום זיין ליבע און אַכטונג צוביידע שטראָמט ביי איהם פון טיפערען קוואַל, פון העכערען סינטע־טישען שאַפען.

„די נשמה פון דער אידישער מאַסע, דריקט ער זיך אויס, וועט אייביג בלייבען דער לייכטענדער פונקט, וואָס וועט צוציהען צו זיך די בעסטע אידישע גייסטער״. דעראיבער זיינען איהם טייער אלע גייסטיגע דערשיינונגען, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט דער פאָלקס־קולטור, זיין געשיכטלאכע פאַרגאַנגענהייט, אלעס וואָס האָט זיך טיף איינגעקריצט אין דער פאָלקס־נשמה.

די אידישע שפּראַך איז פאַר איהם דאָס לעבעדיג וועזען, וואָס וואַקסט צוזאַמען מיט דער נשמה פון פאָלק. זי איז פאַר איהם ווערטפול, ווארום אויף איהר איז אויסגעוואַקסען דער אידישער פאָלקס גייסט, מיט וועלכען זי לעבט און אָטעמט. ער שרייבט אזוי פּאַטעטיש וועגען אידיש און מיט דער גאַנצער קראַפט פון בילדלאכע שילדערונגען גיט ער איבער איהרע לעבענס פונקציעס, איהר אָרגאַ־נישען וואַרימען הויך. און אַזוי אַרום האָט ער אפשר אומדירעקט געהאָלפען צו דעם אנטשטעהן פון דעם אזוי גערופענעם „אידישיזם״, כאָטש ער אליין איז זיכער ניט קיין עקסטרעמער אידישיסט. עס וואָלט עס ניט דערלאָזט שוין אפילו נאָר דער ראַפינירטער געשמאַק

פון זיין קינסטלערישער נאַטור, שוין ניט רעדענדיג וועגען דעם גאַנצען געבוי פון זיין עסטעטישען שאַפען.

מיר קאָנען באמת באַוואונדערען זיין אומפּאַרטייאישקייט אין באַצוג צו העברעאיש, ווען אין דעם סאַמע ברען פון דעם שפּראַכען קאַמף פאַרעפענטליכט ער זיין באַקאַנטען אַרטיקעל „צוויי שפּראַכען — איין ליטעראַטור".

אלס אויפריכטיגער שריפטשטעלער אונטערדריקט ער ניט, צ.ב., זיין גרויסע באַגייסטערונג פאַר ביאַליק, דעם העברעאישען דיכטער אָדער זיין פרעמד פיהלען זיך צו רייזען, דעם טרעגער פון אידיש, און בלייבט ערלאך און טריי צו זיך זעלבסט.

דער גאַנצער פּראַכט און גלאַנץ פון בעל מחשבות קריטישען טאַלאַנט, אויב מען קאָן איבערהויפּט איהם אָנרופען קריטישען, צייגט זיך ארויס אין די פאַרבענרייכע בילדער פון דעם אידישען קיבוץ, וואָס ער דיכטעט איבער לויט אבראַמאָוויץ און שלום-עליכם.

דאָס איז דער גלענצענדער שזאנר פון זיין שרייבען, ווארום אויך ער באַזיצט וואַרשיינלאך די דאָזיגע הויפּט-מעלה, וואָס ער געפינט אין אַבראַמאָוויץ, „די מעלה וואָס באַשטעהט אין דער פאַנטאַזיע צו זעהען אין איטלאכען פּרט דעם כלל, אין דעם איינצעלנעם דאָס אלגעמיינע"...

און דאָס קאָנען נאָר די וואָס זעהען סינטעטיש, גיט ער צו.

אויסגעצייכענט האָט ער געכאַפּט דעם ריטמוס פון דער פאַר־צייטיגער עדה אידען. אויב אבער דעם אלטען ר' מענדעלע'ס עדה אידען זיינען ביסלאכוויז אויסגעשטאָרבען און פאַרשוואונדען פון דער אידישערווירקלאכקייט, האָט דאָס „שטעדטעל" גע'יערשנ'ט דאָס פּלאַץ אין דעם אידישען לעבען.

און דאָ איז אויסגעוואַקסען פאַר בעל מחשבות דער אידישער כלל, די דאָזיגע באַפּרוכפּערענדיגע קאָלעקטיווע אידען, וואָס ברייננען ארויס אזעלכע שעהנע און דורכלויכטענדע ארטיקלען איבער אַש'ן, למשל, אָדער דער פּראַכטפולער ארטיקעל „דריי שטעדטלאך" און אזוי ווייטער. און ניט נאָר די געגענווערטיגע און פאר אונזערע אויגען פאַרשוואונדענדע ווירקלאכקייט; דער גאַנצער אידישער עבר, די גאַנצע אידישע טראַדיציע רעגט אויף זיין פאַנטאַזיע, ווען ער רעדט פון פייערבערג, ווארום, ווי אן אמת קינד פון פאָלק, פיהלט ער זיך פאַרבונדען מיט דעם עבר פון פאָלק און פאַרשטעהט און פיהלט

מיט מיט די דראַמאַטישע און טראַגישע מאָמענטען, וואָס רופען ארויס די שטאַרקע און פאַרשאַרפטע פאַנטאַזיע פון אַ קינסטלער־נאַטור בנוגע צו דער גלאָררייכער אידישער פאַרגאַנגענהייט. עס איז אין דעם אלעמען די התגלות פון זיין סינטעטישען שאפען. צווישען דעם עלטערען דור אידישע קלאַסיקער איז, ווייזט אויס, נאָר איין פּרץ געשטאַנען ווי א זייטיגער ריז צו נאָהענט צום קריטיקער און צופיל האָט ער אין זיך געטראָגען די זוימען פון דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון דער אידישער ליטעראַטור, אַז ער זאָל איהם גענויער און געהעריגער קאָנען אָפּשאַצען.

* * *

אַט אַזוי איז אין אלגעמיין די אידישע קאָלעקטיווע אידעע געוועזן די צענטראַלע אידעע, וואָס האָט דעם קריטיקער באַפּרוכפּערט און געמאכט שעפעריש אויף דעם גאַנצען שטח פון דעם ערשטען פעריאָד פון זיין ליטעראַרישער אַקטיוויטעט. די אידישע ליטעראַטור זעלבסט האָט אָבער, נאָכדעם ווי עס האָבען זיך געצייגט סימפּטאָמען פון אַ נייער זיך אויסבילדענדער טראַדיציע, גענומען מיט אלע כחות זיך אָפּטרייסלען פון דעם.

די פאַרעלטערטע קאָלעקטיווע פאָרמען פון אידישען לעבען, דאָס אידיש שטעדטעל איז פאַרוויסט און כמעט אָפּגעווישט געוואָרען, דער שטאָדטישער אידישער ישוב וואַקסט אויס און האָט נאָך ניט אויס־געקריסטאַליזירט קיין נייעם אידישען פאָלקס־לעבען. די נייע אידי־שע קינסטלער האַלטען אין זוכען אי זיך זעלבסט אי דאָס פאָלק. דערפאַר איז אריינגעטראָגען געוואָרען אַזאַ דיפערענצירונג אין דער אידישער ליטעראַטור, אַזוי פיל אינדיווידועל זוכעניש און אַזא פאַר־שידענהייט פון אינדיווידועלען שאפען.

אונזער קריטיק קומט אויס אלץ מעהר צו אַנאַליזירען איידער שאַפען גאַנצע בילדער און פאָרטרעטען גאַלערעעס און, אַזוי ארום, האָט דער טעמפּאָ פון בעל־מחשבות שאַפען געמוזט אראָפּנידערען און וואָכעדיגער ווערען.

ווארום דער לויף פון זיינע אימפּראָוויזירטע געדאַנקען־בילדער ווערט אָפּגעהאַלטען דורך די פערזענלאכע גרענעצען און אינדיווי־דועלע צוימען, וואָס באַדעקען דעם גאנצען שטח פון דער אידישער ליטעראַטור.

קיין נייעם מענדעלי האָט די אידישע ליטעראַטור נאָך ניט באַוויזען ארויסצוברייינגען, אָבער דער שוואונג פון בעל־מחשבות האָט זיך געגויטיגט אין אזעלכע פאַנאָראמעס, בכדי צו געפינען פאַר זיך א געהעריגען אויסדרוק.

בעל מחשבות, וועלכער זעהט די צוויי הויפט טיפען אויף דעם פאָן פון דער אידישער קולטור און אידישען גייסט, דעם מאסען־טיפ און דעם טיפ פון יחידים, וואָס זיינען, ווי פאַרשידענע שטערען אויף איין־איינציגען הימעל פון דעם גרויסען קיבוץ מענשען, האָט צו זיי ביידע איין און די זעלבע באציאונג — די באַציאונג פון א קריטיקער צום שאַפענדען קאָלעקטיוו אָדער פערזענלאכקייט.

אין דעם נייעם פעריאָד פון זיין שאַפען, שטערענט ער אויס דעם הימעל מיט די נייע לויכטענדע שטערען, וואָס ציהען צו זיין אויג מיט חנ׳עוודיגען ווינקען.

דער הימעל אליין איז אָבער פאר איהם פאַרוואָלקענט, ניטאָ אויף איהם יענע איינהייטלאכע לאזור, וואָס האָט געמאַכט דאָס אויג צו ארייינדרינגען טיפער און טיפער... עס נעמט אָבער ניט לאַנג און ער געפינט אויך דאָ אויס דעם וועג פון זיין סינטעטישען שאַפען. צוערשט דערפילט ער די טראַגעדיע פון דעם שאַפענדען און זוכענדען יחיד, וועלכער קאָן זיך ניט ערלויבען דעם לוקסוס פון דעם אינדי־ווידועלען פאַר זיך שאַפען, ווען דאָס פאָלק פיהלט אויף זיך די שווער־קייט פון גלות־יאָך, געפינט זיך אין אייביגען קאַמף פאר לופט און ברויט. וואָס ווייטער הויבט ער אויך אָן דערשפירען דעם גאַנצען אימפעט פון דער נייער אידישער יוגענד, וועלכע וויל זיך שוין ניט רעכענען מיט דעם, אָדער וועלכע פילען, דורך דעם ברויזען פון זייערע אייגענע כחות, די יוגענד פון פאָלק גופא און זייער שטרע־בען צו זעלבסטשטענדיגען אויסדרוק באקומט ביי זיי א באַזונדער עקסצענטרישען כאַראַקטער.

ער געהט איבער צו דער שעפערישער פערזענלאכקייט, וואָס מיט איהר וואוקס און אַנטוויקלונג ברייטערט זי אויס די האָריזאָנטען פון פאָלק און העלפט מיט דעם גאַנצען וואוקס פון פאָלקס אָרגאַניזם.

די נייע אָריענטירונג און פאַרשטענדעניש פאר דעם יחיד נעמט זיך ביי אונזער קריטיקער פון זיין אויפריכטיגער און טיפער ליבע צו דער אידישער ליטעראַטור בכלל און זיין אָפּטימיסטישער גלויבען אין איהר.

ער איז אזוי צונויפגעוואקסען געוואָרען מיט דער אידישער ליטעראַטור און פאַרשלונגען געוואָרען אין איהר, אז די אויסערע וועלטלאכע ליטעראַטור געפינט שוין כמעט ניט קיין אָפּקלאַנג אין זיין אידישער אויסדרוקס־פאָרם.

אויסער איבערזעצונגען געפינט מען ניט ביי איהם כמעט קיין אָפּרוף אויף די נייערע אדער עלטערע ליטעראַרישע ערשיינונגען פון דער ברייטער וועלט.

אין זיינע „שטריכען און געדאַנקען״, אין אלעס, וואָס ער האָט ווייטער ארויסגעבראַכט אין פובליציסטיק, שטרייכט ער נאָך בולטער אונטער, ניט נאָר דעם קינסטלערישען כאַראַקטער פון זיין קריטישען שאַפען, נאָר אויך דעם גאַנצען עטישען און עסטעטישען אינהאלט פון זיין נאַטור, וואָס האָט איהם פאַרבונדען מיט זיין פאָלק און ליטעראַטור.

דוד פרישמאַן

איינע פון די פיינסטע פיגורען, וועלכע האָבען אויסגעשטערענט אונזער ליטעראַרישען הימעל אין דער נאָר וואָס פאַרגאַנגענער און פארגעהענדער תקופה, איז בלי ספק דער עסטעטישער קריטיקער און פּאָעטישער פעליעטאָניסט דוד פרישמאַן.

א פּראָדוקט פון אויסגעלייטערטער און אויסגעשטאַנענער טיפער און אלטער קולטור מיט דעם גלאנץ און פּראַכט פון דער מאָדערנער אייראָפּעאישער, צו וועלכען ער האָט געהאט אן אָפּענעם און ברייטען צוגאנג, א ראַפינירטער גייסט פול מיט קינסטלערישער פלאסטישקייט און גראַציע, בעט זיך ממש די דאָזיגע פערזענלאכקייט פאַר קינסט־לערישער געשטאַלטונג און פארקערפערונג.

אויף דעם געביט פון ליטעראטור, אויף וועלכען ער איז אויס־געוואקסען צו איינעם פון די באדייטענדסטע זיילען און קלאסישע שעפער, קאָנען מיר ערשט דערזעהען דעם גאַנצען צויבער, וואָס עס שטראַלט ארויס פון זיינע פילזייטיגע און פארצווייגטע שטריכען און ליניעס פון זיין כאַראַקטער, וועלכע צייכענען און ציינגען אָן אויף דער אינערלאכער רייכקייט, אויף דעם שפּיגלענדען גייסט און טיפער קולטור.

די סקולפּטור צו פאַרקערפּערען דעם דאָזיגען שעהן־גייסט און קלאַסיקער פון אונזער ליטעראטור וואָלט אונז ניט געדארפט צייגען קיין מאָנומענטאל ריזיגען קאָלאס, וועלכער זאָל אונז אָפּשרעקען מיט זיין מורא׳דיגער גרויס און פאַרנעם, נאָר זי וואָלט אונז ארויס־געבראכט די אויסגעשניצטע און אויסגעטאָקטע צייכען פון איידעלקייט און ראַפינירטקייט, פון גייסטיגער אריסטאָקראַטיע, פון פּאָעטישער מעלאנכאָליע און אינטעלעקטועלען סקעפּטיציזם, דעם געמיש פון שאַרפזין, איראָניע און סארקאזם, נאַאיוויטעט און כמעט דעמאָנישען ביידזווילען.

„איך שייד מיך אמאָל פון צבור, זאָגט פרישמאַן, און שטעל זיך אין א ווינקעלע און א מרה שחורה נעמט מיר ארום, און אז איך הער דאָן, אז מיר האָבען א נאַציאָנאלע באוועגונג שטעה איך און פרעג: רבו״שע, וועגען וואָס רעדען זיי, די דאָזיגע גוטע מענשען?

איז דען מעגלאך, אז מיר זאָלען האָבען א נאַציאָנאַלע באוועגונג און ניט קיין געקינסטעלטע, אויב מיר האָבען קיין ליטעראַטור ניט? דארפען מיר נאָך א בעסערען סימן, אז מיר זיינען ניט ראוי צו זיין א פאָלק, אויב מיר האָבען קיין שריפטשטעלער ניט! איז דען פאראן א פאָלק אָהן שריפטשטעלער? קאָן דאָס זיין?"...

אזוי איז פרישמאן געוואָרען דער סימבאָל פון נאַציאָנאלער זעלבסט־קריטיק און זעלבסט־באַוואוסטזיין.

אָבער די ספקות, דער זעלבסט־אַנאַליז און אומצופרידענקייט, דאָס שטענדיגע זוכעניש און ווידערקערען צו די אייביגע מאָטיווען פון דער מענשלאכער נשמה, האָבען ניט פאַרצערט דעם אייביג יוגענטלאכען דראַנג צו שאַפען.

פרישמאן האָט אָנגעהויבען מיט א דראַסטישען טאָן פון עכטער יוגענט, וועלכע ער אידענטיפיצירט שטענדיג מיט דעם שעפערישען עלעמענט, און האָט ארויסגערופען א דיסאָנאַנס, כמעט אן איבערקע־רעניש אין דער דאמאָלסדיגער בטלניש־משכילישער אטמאָספערע. (זעה „ממסתרי ספרותנו" אָדער „תהו ובהו").

ער איז געקומען אויפמאָנען דעם חוב פון דער ליטעראטור, צו דערהויבען זי פון איהר געפאלנעקייט און נישטיגקייט.

אָבער צום גליק פון דער אידשער־העברעאישער ליטעראַטור איז פרישמאן געוועזן מעהר ווי קריטיקער אָדער אַנאַליטישער גייסט.

אָט וואָס ער זאָגט אויף זיך אין זיינע אויטאָביאָגראפישע נאָ־טיצען:

„א קריטיש זוכערישע נאַטור, א פאַרשענדער גייסט, א פאָע־טישער געמיט — אָט דאָס זיינען די צוויי עלעמענטען, וואָס האָבען מיך גלייכצייטיג באַהערשט און ביז היינטיגען טאָג האָבען זיי ניט אויפגעהערט צו שטרייטען אין מיר."

וואָרים פרישמאן האָט פריצייטיג אָנגעהויבען צו שרייבען זיינע מוסטערהאפטע און וואונדערבארע „אותיות פורחות", זיינע פיינע גע־דיכטען און דערציילונגען אין אידיש און העברעאיש, אין וועלכע עס צייגט זיך דער פאָעטישער גייסט פון די קינסטלערישע באַנעמונג און אויפפאַסונג.

ער, דער עסטעטיקער און שעהן־גייסט, איז געוועזן און פארבליבען דער כהן גדול פון ליטעראַטור, פון עכטען קינסטלערישען שאפען, פון דער שעהנער פאָרם און אויסדרוקס מיטלען.

פון דעסטרוקטיווער פאַרניכטענדער קריטיק איז ער אריבער צו בויענדער און שאפענדער ארבייט פון קונסט און ליטעראטור, געוואָרפען זיך פון איין זשאנר צום אנדערען מיט דער אומרוהיגקייט פון א זוכענדער שעפערישער נאַטור, אין וועלכער עס שטרייטען פאַרשידענע עלעמענטען פאר איבער־הערשאפט.

אין פרישמאַנ׳ס פאָעזי איז גיכער דאָ אינטעלעקטואליזם, קונסט ארבייט און גלאַנץ, ווי עכטע אוממיטעלבארע דיכטונג. צ. ב. „משיח״, אין זיינע דערציילונגען הערשט לירישער סענטימענטאליזם („שלשה שאכלו״, „ביום הכפורים״ אָדער „הזכרת נשמות״) און עס פיהלט זיך איבעראל דער עלעגישער טאָן און פאָעטישער גלאַנץ, דער סימעטריש־פאַרטראַכטער געבוי גיכער, איידער די אוממיטעלבארע שאַפונג.

וואָלט פרישמאַנ׳ס עכט־קינסטלעריש שאפען נאָר אין די ראמען פון די אויסגעטראָטענע פאָרמען און פאַרזוכען פארבליבען, וואָלט ער פאר אונז קיין קלאַסישער מוסטער ניט געוואָרען, אפילו ניט מיט זיינע קריטישע אויסצייכענונגען.

נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט געשאפען דעם אייגענארטיגען און באצויבערענדען זשאנר זיינעם, דעם דאָזיגען אייגענטימלאכען מין פון פעליעטאָן, אין וועלכען ער האָט פאראייניגט און סענטעזירט אלע עלעמענטען פון זיין שאפען, וועט ער בלייבען דער אייביג שוועבענדער גייסט איבער דער ליטעראטור אונזערער.

פרישמאַן, דער ראַפינירטער גייסט, דער איבערקלייבער און פיינשמעקער, דער אַנאַליטיקער בנוגע צו אנדערענס שאַפונגען, האָט זיכער אין זיינע אייגענע ווערק געפיהלט די אומפאָלקאָמענהייט און באשרענקטקייט, צו וועלכער ער איז פאראורטיילט געווען.

ער האָט קולטיווירט זיין ליטעראַרישע באַגאַבונג און איז דער־גאנגען צום קולט פון שעהנקייט אין וואָרט און פאָרם.

אָבער אין דעם פעליעטאָן האָט זיין יונגער דראַסטישער טאָן און מילדע פאָעטישע עלעגיע געפונען א תיקון.

עס האָבען גענומען שפּרודלען דער שפּיל און די שפּילעווּדיגקייט, וואָס האָט פארמילדערט זיין ערנסטען כאַראַקטער און האָט ארויפ־געוואָרען אויף זיינע ווערטער א לייכטקייט און פרישקייט, עס האָט גענומען ארייַנדרינגען דער עלעמענט פון הומאָר און סאטירע, דער וואונדערבארער סינטעז פון ליריק און איראָניע.

פעליעטאָניסטיש זיינען ביי איהם ניט נאָר די וויציגע און

גייסטרייכע טאָג־טעגלאכע צייטונגס־אויסערונגען זיינע, ניט נאָר די הומאָריסטישע עפּיזאָדען, נאָר אויך, אין א העכערען זינען, זיינע „בריף וועגען ליטעראַטור„ די בארימט געוואָרענע „אלטע" און „נייע" בריף, אין וועלכע עס לעבט זיך אויס דער ליטעראַטור־זוכער און ליטעראַטור־שאַפער אין די פיינסטע שאַטירונגען און ניואַנסען פון זיין אינטעלעקט און פאַעטישען געמיט, דער אָפלאכענדער פילאָזאָף און דער מעלאנכאָלישער פאָעט, פול מיט זעהנזוכט.

פרישמאַן געפינט דאָ דעם שעפערישען גלייכגעוויכט און באלאַנסירונג און ער שאַפט אין אונזער ליטעראַטור אזא זעלטענעם מין זשאַנר, וואָס איז ביי אונז נאָך ניט געווען פאַר איהם און איז עד היום ניט אויפגעכאפּט געווארען נאָך איהם פון אנדערע, כאָטש עס איז פון די העכסט־מאָדערנע און זייער צוגעפּאסט פאַר אונזער צייט שעפערישע אויסדרוקס פאָרם.

אין דעם פעליעטאָן דערגרייכט ער צו יענער הויך און השלמה, וואָס עס איז געגעבען געווארען נאָר צו א זעלטענעם גאָט־געבענשטען קינסטלער.

יעדע זאַך איז א פאַרענדיגטע: די זאַץ־קאָנסטרוקציע האָט צו זיך קיין גלייכען ניט, איז פול מיט חן און איז מוזיקאַליש.

רעפּרעזענטירענדיג אויך ווייטער דעם שריפטשטעלער און דעם בעסטען פאַרטרעטער פון ליטעראַטור, אלס דעם העכסטען און היי־ליגסטען שאצקאמער פון דורות און פעלקער, פאָדערט ער ווייטער, אַז די ליטעראַטור זאָל ניט זיין קיין נעבענזאַך נאָר אַן ענד און ציל פאַר זיך, אָבער ער זעהט ניט איין פארוואָס מען דארף אויסגיסען דעם אלטען ווייך צוליב דעם, וואָס מען גיסט איהם איבער אין נייע כלים.

„די שולען פון רעאַליסטען, נאַטוראַליסטען און נאָך זיי די דעקאַ־דענטישע און סימבאָליסטישע ביי די העברעאישע שרייבער זיינען נאָר ווי א מעסער אין דער האנט פון א קינד!... זיי פארשטעהען ניט און זעהען ניט איין, אז די עלטערע האָבען אַן אויסגעשפּראָכענע און באַשטימטע פאָרם, וועמענס צייכען איז געוועזן קענטיג אין יעדען ווינקעל, און אויב זיי האָבען אָפּגעטאָן קינדערייען האָט זייער טאָן לכל הפּחות געטראָגען אַן אייגענאַרט און אָריגינאַליטעט אין דער צייט, ווען זיי (די היינטיגע) זיינען ניט מעהר ווי אַפען, וועלכע אימיטירען אלץ וואָס זיי זעהען ביי אייראָפּעאישע שרייבער"...

אזוי רעאַגירט דער רייפערער עסטעט, זוכענדיג אומעטום סטיל, אינערלאכע גאַנצקייט או אויסגעהאלטענקייט אין די שעהנע פאָרמען פון אויסדרוק.

בנוגע צו אידיש שטויסען מיר זיך אָן אויף איינע פון זיינע פריציייטיגע באַמערקונגען וועגען זיינע באַציאונגען צו דער ליטעראַ־טור, ווען ער רעדט פון מענדעלי מוכר ספרים.

„עס איז געווען אין פעטערבורג צוריק מיט א יאָהר צעהן, ווען איינער פון מיינע פריינט האָט מיר באַמערקט וועגען מענדעלי, וועלכער שרייבט דערציילונגען בלשון המדוברת (ד. ה. אידיש) און איך, צו מיין שאנדע, דארף זיך מודה זיין, אז דער דאָזיגער נאָמען איז פאר מיר געווען כמעט גענצלאך פרעמד אין יענער צייט...

קינדהייט, נאָר א קינדהייט איז עס געווען ביי מיר צו פאררע־כענען די „געראדטע שפראך” פאר ניט קיין שפראך און איהר ליטע־ראַטור פאר ניט קיין ליטעראַטור”...

פון דער דאָזיגער קינדעריי האָט זיך פרישמאַן, דער עכטער ליטעראַרישער שעפער, גיך אָפּגעטרייסעלט און האָט זיך געלאָזט באַקערען צו אידיש דורך אונזער אומשטערבלאכען שלום־עליכם, ווען ער האָט אין זיין „פאַמיליען ביבליאָטעק” פאַרעפּנטלאכט די פּאָעמע „אופיר”. פ. האָט באַקומען זיין אויסגעשפּראָכענע ליטעראַ־רישע פיזיאָנאָמיע אויך אין אידיש.

אבער, כאָטש ער האָט אין אידיש געהאט אַ ניי און ברייט פעלד פאר זיין שוואונג און פארמעסט, האָט איהם, דעם גייסטיגען אריס־טאָקראַט, ניט אימפּאָנירט די אידישע שפּראַך ספּערע אין אַזאַ מאָס, ווי די העברעאישע און האָט איהם ניט אינספּירירט צו דער זעלבער הויך פון דערגרייכונג.

עס האָט איהם אויסגעפעלט דאָ דער עכטער סטיל פון די אָרי־גינעלע טראַדיציעס און, דער עיקר, די ביבעל, פאַר וועלכער ער פאַרמאָגט אזוי פיל קינסטלערישען ענטוזיאזם און באַגייסטערונג, ווען ער קומט נאָר אין באַריהרונג מיט איהר.

פאר דער אידישער ליטעראטור האָט ער אבער דעם דאָזיגען באַזונדערען אינטערעס, צוליב דעם וואָס ער געהערט צו דער פלעיאַדע פאראייניגער פון אידיש או העברעאיש, וועלכע מיר וואָלטען באַזונ־דערס געדארפט קולטיווירען.

ה. ד. נאַמבערג

די אידישע ליטעראַטור אין איהרע קלאַסישע מוסטערען איז אויסגעוואקסען, הויפּטזעכליך, אויף דעם קאָלעקטיוועז באָדען פון דעם אידישען לעבען.

די העלדען פון די בעסערע ווערק פון מענדעלע, שלום-עליכם, אָדער אפילו פּרץ זיינען די אידעאָלאָגישע פאַרקערפּערונג פון גרע־סערע אידישע גרופּען און מאַסען ערשיינונגען, וואָס האָבען פאַרגע־שטעלט דאָס פאָלק, דעם גרויסען אידישען כלל אַלס איין גאַנצעס.

די קלאַסישע קינסטלער, האָבען, זוכענדיק זיך זעלבסט, געפי־נען דאָס פאָלק און זיך אינטים פאַרבונדען מיט איהם אין סינטע־טישע פאָרמען פון שאַפען.

נאַטירליך, האָבען זיי זיך מעהרסטענס אָפּגעגעבען מיט די פאַרגעהענדיגע און פאַרשוואונדענע ערשיינונגען אָדער מיט דער ניט ווייטער פאַרגאַנגענהייט און האָבען געשענקט ווייניג אויפמערק־זאַמקייט די נייערע שפּראָצונגען און אויפגאַבען.

אָבער מיט זייערע קינסטלערישע ענטדעקונגען, מיט זייער געפי־נען די גרויסע פאָלקס־נשמה, האָבען זיי אוועקגעלייגט א פונדאַמענט, אַזוי צו זאָגען, פאַר דער ווייטערער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פון דער יונגער און יונגסטער ליטעראַטור.

דערווייל זיינען פאָרגעקומען ראַדיקאַלע ענדערונגען און נייע אומוואַנדלונגען אין דעם לעבען און שטייגער אפילו פון די ברייטערע שיכטען און מאַסען פון אידישען פאָלק.

און כאָטש דער כאַאָס און אומאָרדנונג איז געוואַקסען, איז דאָך עפּעס געוועזען מיט איהם פאַרבונדען — און האָט איהם נאָכגעפאָלגט — אַ מין דיפערענצירונגס פּראָצעס פון דער אידישער פּערזענליכ־קייט.

און אויף דעם דאָזיגען פּראָצעס מיט זיינע זיג־זאַגען און אָפּ־קרימונגען איז כמעט קאָנצענטרירט דאָס גאַנצע אייגענטליך קינסטלע־רישע שאַפען פון ה. ד. נאַמבערג.

דער יונגערער דור שריפטשטעלער, צו וועלכע נאָמבערג האָט געהערט, האָט ביסלאַכווייז גענומען פאַרשטויסען דאָס אַלטע, להוציא ישן מפני חדש.

זעלבסט פאַרשטענדליך, אַז ניט באַזיצענדיג צום אָנהויב אָן קיין וויזיאָנערע קראַפט, איינבילדונג און פאַנטאַזיע אין אַזאַ מאָס, אַז זיי זאָלען שאַפען דעם ראָמאַנטישען קאָלאָריט אין זיין כאַראַקטער, האָט נאָמבערג געזוכט קאָנקרעטע פאָרמען פאַר זיין שאַפען און דער־פאַר איז שוין אוממעגליך געווען פאַר איהם צו פאַשפאַרען זיך אָדער אַריינטרעטען בלויז אין די ראַמען פון דעם גרויסען כלל מיט זיינע געשטעלטיקייטען אָדער אויסנאַמען.

דאָך האָט ער נאָך פון אָנפאַנג זיך געווענדעט צום אַלטען, פון וועלכען ער איז נאָך אַליין אַרויסגעוואַקסען, און האָט נאָך קינסט־לעריש באַצאָלט זיין חוב, וואָס ער האָט זיך געפילט וואַרשיינליך שולדיג.

אויסער דעם „רב און דעם רב׳ס זוהן“ און דער „פוילישער ישיבה“ זיינען איבערהויפט די קינדער, וואָס ער שטעלט פאַר אין זייערע קינדער־יאָהרען און אין דער פריהער יוגענד, איינגעטונקט אין דער אַלטער אומבאַרירטער אַטמאָספערע.

אָבער אויך דאָ, אין אַזעלכע דערציילונגען, פאַלט זיין קינסטלע־ריש אויג גיכער אויף די אויסנאַמען, אויף די דאָזיגע עלעמענטען, וואָס טראָגען אין זיך די פּאָטענציעלע מעגליכקייטען פון אינדיווידוע־לען אויסטיילען זיך און אָפּזונדערען.

דער „עלוי“, צום ביישפּיל, איז דער סימפּאַטישער העלד, דער קאַנדידאַט פאַר זיינע שפּעטערע און רייפערע שאַפונגען.

די ישיבה בחורים, וועלכע האָבען אַמאָליגע יאָהרען נאָר גע־וואָגט צו אַריינקוקען אין די השכלה־ביכלאַך, זיינען איצט אַרויס אינ־גאַנצען „לתרבות רעה“. די השכלה פּראָבלעמען זיינען, אַזוי צו זאָגען, אַריבער פון דער ריין אַקאַדעמישער און אַבסטראַקטער פאָזע אין דער פּראַקטישער אָנווענדונג, וואו זיי זיינען געוואָרן דאָס איי־גענטום פון דעם יחיד און זיינע לעבענס פאָרמען.

די נייערע וועהונגען, אַריינדרינגענדיג אַלס טיפערע דער־שיינונג אין דעם אידישען לעבען, האָבען אַרויסגערוקט אין פאָדער־גרונד די נייע אידישע פּערזענליכקייט מיט איהר אינדיווידועלען

דראַנג, וואָס איז אַזוי גייסטרייך און שעפעריש געווען אין דעם פאַריגען דור.

ווען אָבער די ברייטערע שיכטען און גרופּען פון פאָלק האָבען אָנגעהויבען אינספּירירט צו ווערען מיט אינדיווידועלע אַמביציעס און נייגונגען, וועלכע האָבען זיך צוגעקלעפּט צו זיי און האָבען פאַרנומען אַזאַ וויכטיג און זעלבסטשטענדיג אָרט אין זייער לעבען, זיינען אָט יענע ווערונגען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין א דעמאָנסט־ראַציע און דעגענעראַציע פון דעם אידישען כלל.

ווארום לויט דעם כאַראַקטער און מהות איז דאָס פאָלק, אַזוי ווי די געזעלשאַפט אין איהרע פאַרשיידענע טיילען און אָפּטיילונ־גען, א קאָלעקטיוועס געמיינשאַפטליכעס וועזען, וואָס געפינט זיין בעסערען אויסדרוק און העכערען זין אין דעם אָרגאַנישען צוזאמענ־לעבען פון די פילע, אין דעם אלגעמיינעם און געמיינזאַמען שאַפען פון קולטורעלע ווערטען.

אַזוי איז אין דער זעלבער דערשיינונג פון אנטוויקלונג געווען פאַרוויקעלט א נייער אידישער קולטורעלער קריזיס, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין דער דעגענערירטער פאָרם פון „עקסטערניזם" און גייסטיגען פאַראַזיטיזם.

אָט פון דאַנען שטאַמט דער נאָמבערגערשער טיפּ פון דעם האַלב געבאַקענעם אינטעליגענט, דער „ניט דערוואַקסענער", מיט אַלע זיינע טראַגישע און קאָמישע שטריכען, די פיל קעפּיגע גע־שטאַלט, וועלכע גיסט זיך צוזאַמען אין איין פילגעלמאַן־בענדער־שוואַרצוואַלד־שייקער־שלים מזל־פליקמאַן, און אַזוי ווייטער.

די פּסיכישע אָפּגעפרעמדקייט פון כלל און דאָס אָנגעוויזען זיין אויף זיך זעלבסט האָט ארויסגערופען פערזענלאכען עגאָאיסטישען זעלבסטזוכט און עקסצענטרישע צושרויפענקייט.

נאָך דעם פּערזענליכען אויפוואַכען, וואָס קומט ביי זיי פּאָר, זיינען זיי אַלע איינשטימיג, אַז דער „עיקר און תוך כל התוכות איז דאָס לעבען אליין טאַקע".

עס קומט אָבער אויס אימער אַביסעל צו שפּעט מיט דער דאָזיגער איבערצייגונג.

דאָס לעבען אנטלויפט און גליטשט זיך אויס פון זייערע הענט איידער זיי טרעטען צו ערנסט צו דעם און זיי בלייבען ביי זייער זעלבסט־אַנאַליז און גריבלעניש, ביי דעם רעפלעקס, וואָס

צושטערט ביי זיי יעדען דירעקטען קאָנטאַקט און באַרירונג מיט׳ן לעבען, צונעמענדיג זייערע געפילען פון אילוזיע און באַרויבענדיג זיי פון דעם לעצטען ווילענס אַקט, די לעצטע שריט צו פאַרפולען און אויספירען זייערע וואונשען, פּלענער און שטרעבונגען.

מיט זייער גאַנצער מאַטערניש, קרענקלאַכקייט און אינערלאַכען זיין, שטעלען זיי מיט זיך פאַר זעעליש איזאָלירטע און אָפּגעוואָר־פענע „איבעריגע מענשען״.

כאָטש זיי געהערען כמעט אלע צו דער אינטעליגענץ, זיינען זיי אָבער מעהרסטענטייל ניט פון די העכערע אינטעלעקטועלע ספערען.

זיי פילאָזאָפירען ניט, זיי זוכען ניט דעם זין פון לעבען, נאָר זיי זיינען פשוט ניט פעהיג צו לעבען און זיך נוצלאך מאכען. עפּעס איז פאָרגעקומען אן איבערקערעניש אין די טיפענישען פון זייער נשמה און זיי זיינען צעמישט, האָבען אָנגעוואוירען די צו־פּאַסונג צו דער אומגעבונג און די אומשטענדען, דעם גלייכגעוויכט און צוגויפוואוקס און זיי יאָגען זיך בלויז נאָך שאָטענס.

זייענדיג זעלבסט באַוואוסט ווערען זיי גיך פאַרצווייפעלט און עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר נאָמבערג׳ן און זיין שאַפען, ווי ער ברענגט זיי צו אַ פאַרטעמפּטער גלייכגילטיגקייט און גייסטיגען אינדעפערענטיזם.

מיט דעם פאַרבאָרגענעם שמייכעל און איראָנישען שפּאָט פון אַן עכטער קינסטלערישער נאַטור צייגט ער, אַז ער גופא וואָלט זיך ניט מיאש געווען פון לעבען און וואָלט ניט אַריינגעפאַלען אין גלייכגילטיגקייט צו אַלץ און אַלעמען, וואָרים ער האָט בעסערע מיטלען, ווי צו באַרואיגען זיך און איינשטעלען צופרידענהייט מיט זיך זעלבסט פּשוט און פּראָסט אויף זייער חשבון, אויף דעם חשבון פון אַלע זיינע העלדען, וואָס ער ברענגט ארויס.

נאָמבערג אליין דריקט אויס אין זיין גאַנצען רייך קינסטלע־רישען שאַפען יענע פערזענלאַכע לויזקייט, וואָס אנטהאלט אין זיך פּאָטענציעלע אינדיווידועלע ענערגיע, וועלכע געהט לאבוד אין דעם קינסטלערישען זוכען זיך און פארגעסען זיך.

ער גיט רויע געפילען און געדאנקען פון זיינע פיגורען און זייער סאַמע פליסען און טריפען און איז, איבערהויפּט, אפשר דער

ערשטער געווען צו אריינברענגען דעם טיפערען פסיכאָלאָגישען אַנאַליז אין דעם נייעם ליטעראַרישען שאַפען.

זיינע קורצע נאָוועלען, פיין געבויט און טיף גענומען, האָבען אריינגעטראָגען אין אָריגינעלע פאָרמע, געשיקטע קינסטלערישע זשעסטען און אייגענאַרטיגע סטרוקטור.

אלס ליטערטרישער באָהעם, האָט ער לכתחילה גאָר ניט כורת ברית געווען מיט דער ריינער קונסט.

און אזוי ווי די קונסט האָט ארויפגעצוואונגען אויף איהם באַשטימטע בילדער און בולטע פיגורען, האָט ער זיך פון איהר גיך אויסגעדרעהט.

דאָס קאָנצענטרירטע קינסטלערישע שאַפען ווערט צעשוואומען אין זיינע מעשהלאך און פאַרלירט זיך אין זיינע דראַמאטישע פאַר־זוכען, ווי „די משפחה״, און אזוי ווייטער.

נאָמבערג איז פאַרבליבען די באָהעמישע קינסטלער־נאַטור, וואָס לאָזט זיך ניט פאַרשלינגען אפילו פון דער קונסט גופא.

הלל צייטלין

די פערזאָן און דאָס שאַפען פון הלל צייטלין שטעהן עד היום ווי א פענאָמענאַלע דערשיינונג אין אונזער נייער ליטעראַטור, אין העברעאיש און אין אידיש.

עס איז מערקווירדיג, וואָס דאָס אידישע פאָלק, אזוי אָריגינעל באגאבט רעליגיעז־שעפפעריש, האָט כמעט ניט געגעבען קיין מאטע־ריאל און שטאָף, קיינע מאָטיוען פאר עכטער אינדיווידועלער רעלי־גיעזער שאַפונג אין אונזער אינגסטער ליטעראַטור.

ביי די אומות העולם זיינען געוויסע גאַנצע ליטערארישע צווייגען אויסגעוואקסען אויף דעם באָדען פון רעליגיע, דוקא אין דער נייער וועלטליכער ספערע און עס זיינען אזעלכע מייסטערווערק ענטשטאַנען, ווי די פון דאַנטע אָדער טאָלסטאָי.

מיט דעם נאַטירליכען גאַנג פון ענטוויקלונג וואָלט אונזער גאַנץ רעליגיעז לעבען און דענקען אינדיווידואליזירט געוואָרען און שטופענ־וויז פארוואַנדעלט געוואָרען אין דעם אָביעקט פון רעפלעקס און ראָמאַנטיק.

איז אָבער אונזער סעקולאריזירען זיך געוואָרען רעוואָלוציאָני־זירט פון אויסערליכע שטויסען און איז ניט אויסגעוואַקסען אָרגאַניש, און עס האָט צייט גענומען אידער מיר האָבען איבערגעוועטאָגט די פרעמדע וועהען און איבערוועלטיגט זיי, אזוי, אז אידער מיר האָבען זיך אַרומגעקוקט און געקומען צו זיך, זיינען אונזערע גלויבענס געפיהלען און אידעען כמעט אטראָפירט געוואָרען. א גליק נאָר, וואָס אונזער אייגענע פארווירונג האָט ניט געהאָט קיין טיפע, דירעקטע ווירקונג אויף דעם פאָלק און עס איז פאַר אונז געבליבען, גלייך ווי די „השגחה" וואָלט עס ספעציעל צוגעגרייט, די ליבליכע, היימליכע סביבה אויף זיך אומצוקעהרען צוריק.

צייטלין איז דער ערשטער, און אפשר ביז איצט דער איינציגער, אין דער אידישער ליטעראטור, וואָס איז אויסגעוואַקסען כמעט אָרגאַניש און איז ארויסגעוואַקסען מיט זיין רעליגיעזער טיעפער נאַטור פון

יענע אָריגינעלע קוועלען, פון וועלכע אונזער פאָלק האָט געשעפּט אַלע זיינע גייסטיגע אוצרות און זיין גאַנצע עקזיסטענץ בארעכטיגונג.

אויך ער ווערט געשטעלט אונטער פרעמדע ווירקונגען און איינפלוס, באַזונדערס פון טאָלסטאָי און ניטשע. ער פאַרמאָגט אָבער אין זיין טיעפער נאַטור אזא מין געגענגיפט, וואָס צייגט ארויס א קרעפטיגען ווידערשטאַנד: זיין רעאַגירען אויף די פרעמדע לעהרען, מיט וועלכע ער האָט זיין מאָרך געשפּייזט, איז באַשטאַנען ניט נאָר אין פּריוויליגען אָקצעפּטירען זיי, נאָר אויך אין העפטיגען באַקעמפּפען זיי: ער פירט אַן געגען זיי אַ קאַמף, אַן אַנגעשטרענגטען, אין וועלכען עס וואַקסען זיינע אייגענע כחות אויס און עס פאַרמירט זיך זיין לעבענס און וועלט אנשויאונג.

זיין ערשטער ארויסטריט אין זיין ליטעראַרישער קאַריערע איז געווען א רעפלעקס פּראָדוקט פון דעם אויפגעוואַכטען באַוואוסטזיין.

„דאָס פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס" האָט אַנגעקינדיגט וועגען קומען פון איינעם פון די „חכמי המוסר" פון אונזער נייעם דור. די עטישע קאָנצעפּציעס קאָנען ביי איהם אָבער ניט אָנהאַלטען קיין ראַציאָנאַלען כאַראַקטער.

עס עפענען זיך פאַר איהם יענע פאַרבאָרגענע קוואַלען פון רעליגיעזען פיהלען און נאָכדענקען, וואָס האָבען זיך געהאַט צוגעמאַכט לפי שעה, און וועלכע שטראָמען פון דער היסטאָרישׁ פאַרמירטער און פאָלקסטימליך אויסגעטראָגענער אידעע.

ער רעפלעקטירט וועגען דעם מענשען אַלס אָביעקט פון גאָטס שאַפען און איבער גאָט אַלס אָביעקט פון מענשען׳ס שאַפען. ער קומט אָבער ניט צו כפירה און פאַרלייקענונג אָדער צו טעאָלאָגישע חקירות און מעטאַפיזישע רמזים, וואָרים רעליגיאָן איז ניט קיין אַבסטראַקטער ענין פאַר איהם, וואָרום עס איז צופיעל פאַרבונדען מיט זיין גאַנצען אינערליכען מהות.

פון די ווייטע האָריזאָנטען פון זוכעניש לאָזט ער זיך אַראָפּ צום טיעפען ברונען פון מיסטיק, פון וועלכען ער טרינקט און זוכט צו פאַרשטילען זיין דורשט.

אונבאַמערקבאַר פאַר איהם זעלבסט באַזייטיגט ער די דרויסענדיגע איינפלוסען און וואַקסט אריין צוריק טיעף אין דעם גרונט, פון וואַנען ער האָט זיך געפּרוואווט ארויסרייסען.

אין די רייכע אוצרות פון קבלה און חסידות געפינט ער די אונמיטעלבאַרע רעליגיעזע פעסטקייט, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעוואָרען מיט די נייע רעפלעקסען. אָט דאָ סינטעזירט ער און שמעלצט צוזאַמען זיין אינדיווידועלען שעפּפערישען גייסט מיט דעם פאָלקס געניוס, און זיינע מאַראַל־אידעען פון רחמנות און ליעבע טרעטען נאָכדעם, געלייטערטע מיט אזוי פיל קראַפט און לעבען ארויס.

ער צייגט אמת׳ן עקסטאַז און פאַטאָס אין זיין גלויבען, אָבער אויך, אפילו זעלטזאַם, סענטימענטאַלע געפיהלען און פאַלט אריין אין דבקות און הכנעה און געבעט, אין נשמה אויסגוס, אין ודוי.

פון די פריהצייטיגע רעפלעקסען האָט זיך אָבער איינגעוואָרצעלט אין צייטלינ׳ס נאַטור דער טיעפער טרויער און פעסימיזם.

א שווערע אַטמאָספערע הענגט איבער זיין גאַנצער פערזענליכקייט, וואָס ווערט לייכטער נאָר דאַן, ווען זי ווערט שטאַרק געדיכט, אזוי שטיקענד און פארדעמפּפט, אז עס הויבט אָן צו טריפען. דאָס איז דער איבערגאַנג ביי איהם פון רעליגיעזעס צו פאָעטישעס. וואָרום צייטלין איז רעליגיעז — ווייל פאָעטיש, און פאָעטיש — ווייל רעליגיעז. און דאָס איז דער נאַטירליכער ציקל אין זיין שאַפען. דורך דער פארמיטלונג פון רעליגיעזע רעפלעקסיווען און אריינטראַכטונג, דערהויבט ער זיך צו פאָעטישער שטימונג, צו „געדאנקען און בילדער״, צו „כוונות ויחודים״, צו זיין פאָעזיע אין פראָזע.

אָט פארוואָס ער נעמט נאָהענט צום האַרצען און דרינגט אריין טיעף אין דעם פסיכישען פראָצעס, אין די נשמה־ראנגלענישען פון דעם „חוזה״, פון דעם שעפּפערישען גייסט, פאָעטיזירט די קבלה און ווערט איהר דיכטערישער קאָמענטאַטאָר.

זיין „ר׳ נחמן ברסלבר״ איז אן אמת׳ער אפּאפּעאז פון פאָעטישער ראָמאַנטיק צום חסידיזם.

צוזאַמען דערמיט אָבער איז צייטלין צופיעל פארבונדען מיט דעם לעבען, אז ער זאָל זעהן בלויז דעם אויבענאויפיגען שפּיעל פון די פארשיעדענע כחות, אז ער זאָל מאַכען דאָס לעבען בלויז פאר אן אָביעקט פון אנשויאונג און שאַפען און באפרייען זיך פון דער לעבענס־טראַגיק.

ער אליין טראָגט אויס אויף זיך דעם וועלט־שמערץ, דעם פאָלקס־צער און געפינט די שעהנקייט פון דער דאָזיגער טראַגיק.

די דורשט נאָך שעהנקייט ווערט ביי איהם קאָנטראָלירט דורך רעליגיעזע אידעען, וואָס פארטרייבען זיי טיעף אין איהם זעלבסט און צווינגען איהם צו געפינען די אינערליכע שעהנקייט און מאַכען איהם נאָהענט צום עטישען עסטעטיזם. אין קלימאַקס פון עסטעטישע עמאָ־ציעס און רעפלעקסען ברייינגט עס איהם צוריק צום רעליגיעזען.

„די אמת׳ע שעהנקייט ענטפלעקט זיך ביי דעם מענשען נאָר צייטענווייז, ווען ער ווערט אליין נאַטור... ווען ער ווערט אינגאַנצען דורכגעדרונגען מיט גאַטס ערקענטניס, מיט גאָטס געפיהל און גאָטס ווילען" — דאָס איז די קווינט־עסענץ פון זיין עסטעטיק.

פון איבערקלעהרען קומט ער צו פארקלעהרען זיך, צו ריינער אנשויאונג, צו פאָעטישער הסתכלות. און וואָס דיפערענצירטער זיין פאָעטישער איך ווערט, אלץ מעהר ווערט די עטיק באהאפטען מיט די גרונד יסודות פון זיין כאַראַקטער, אלץ אינטימער, נאָהענטער און באַליבטער ווערען איהם די אָביעקטען פון פאַריגען רעפלעקס גופא און ער געהט צו ווידער דירעקט צו זיי, ווערט נאָך אמאָל דורכגע־דרונגען מיט דער אוממיטעלבאַרער ווירקונג פון זייער נייער פרישקייט און פאַטאָס.

מיט זיין שאַרפען חוש פאר די אָריגינעלע „קניני הרוח" פון פאָלק, שאַפט צייטלין זיין נייעם סטיל, צעמענטירענדיג איהם מיט די פארהייליגטע אַלטע קאָנצעפּציעס און באגריפען.

ניט ער פרישט אָפּ די אַלטע ווערטער, נאָר ער ברייינגט ארויס זייער גאַנצע וויטאַליטעט, כח און קראַפט און זיי באַקומען בירגערליכע רעכט אויף דעם מאָדערנעם פאָן.

אין דער הינזיכט האָט בערדיטשעווסקי׳ן געפעהלט פערספעקטיוו צו זעהן די האַרמאָנישע גאַנצקייט און דעם ברייטען פארנעם פון צייטלינ׳ס שאַפען.

ארייינדרינגען אין די מאָדערנע און נייערע פילאָזאָפישע שיטות און פאָעטישע ריכטונגען פון דער וועלט־ליטעראטור און דאָך דער־פיהלען צוריק די וויטאַליטעט און אָריגינעלע קראַפט פון דעם אידישען גייסט — דאָס צייגט, אז אין צייטלינ׳ען איז דאָ עטוואָס מעהר פון רעליגיעזיטעט. דאָס איז דער גרויסער גייסטיגער אָטעם, דער אינטע־

לעקטועלער שוואונג, וואָס באפרייט זיך פון שקלאַפעריי פון אָרט און צייט, דער שעפּפערישער אינדיווידועלער גייסט, וואָס שעפּפט פון די ערשטע קוועלען, וואָס איז ניט נאָר דרייסט צו ציהען אלע מעג־ליכע קאָנסעקווענצען, נאָר ער באזיצט אויך די אלע לעבענס־זאפטען פון די אָריגינעלע אידישע אידעען און אידעאלען.

דערפאַר סטיליזירט ניט צייטלין דאָס טראַדיציאָנעלע אַלטע, נאָר ער לעבט אין דעם און שאַפט אין דעם.

און אויף אזוי פיעל ווי צייטלין איז א גאָט־זוכער און אן עטישער עסטעטיקער, איז ער אויך א פאָלקס־זוכער.

כמעט קיינער ווי ער, ביז זיין אריינטרעטען אין דער ליטע־ראטור, האָט ניט געהאָט צוטאָן אזוי פיעל און האָט ניט נאָכגעפאָלגט דעם יחיד און זיינע אינדיווידועלע שטרעבונגען מיט אזא טיעפען אינטערעס, אין זיינע גייסטיגע וואַנדערונגען צום אייגענאַרטיגען דיפע־רענצירטען דענקען, צו די טיעפּסטע און ראַפינירטע געפיהלען. „הלכתי אחריך, אך ברכי כשלו מרוב תעות בשדות זרים״, איז צייטלין זיך מתודה אין זיין האַרצענס געבעט.

אָבער פון דעם גייסטיגען בלאָנדזשען, פון דעם שטורם פון זיין האַרץ, קומט ער צוריק צו בעטען פאר זיין פאָלק. די עטישע הויפּט־יסודות פון זיין גייסט זיינען גובר אין איהם, מאַכען איהם העכסט אלטרואיסטיש און אָריענטירען איהם פאָלקסטימליך.

אונערוואַרטעט קומט ער צום געדאַנק, אז דער נאציאָנאליזם וואָלט געדאַרפט טראָגען דעם נאָמען פון פאָלקיזם, פון „עממיות״.

אויך אויף דעם געביעט ברייננגט איהם דער רעפלעקס צוריק צום אוממיטעלבאַרען מקור, דאָס אינדיווידועלע זוכעניש — צוריק צום כלל, צום פאָלקס קאָלעקטיוו, הגם אויף אן אייגענאַרטיגען אופן.

„אינני כדאי להתפלל עליהם. אבל לא אוכל נושא עמלם — עמל... עם גדול וקדוש, ועם כזה — גם צאן נדחות ועזובות״... דאָס גיט אונז דעם שליסעל צו זעהן, ווי די עטישע געפיהלען פון רחמנות און ליעבע טרייבען איהם צו ראָמאַנטיק. עס טרייבט איהם צו נעמען אן אַקטיווען אַנטייל אין דעם באַשטימען דעם גורל פון זיין פאָלק און זיין צוקונפט.

זיין גאַנצע ליטעראַרישע טעטיגקייט, זייט דעם באַוואוסטען בריעף צו זאַנגוויל, און דער פאָלשטענדיגער אַריינטריט אויף דעם פעלד פון אידישען זשורנאַליזם, באשטעטיגט די קאָנקרעטע פאָלקסטימליכע אָריענטירונג און באַפעסטיגונג זיינע.

אין דעם ריין אידעאָלאָגישען זין קאָן מען עס זעהן אין צייט־ליג׳ס באַציהונג צו קבלה און חסידות.

דער רוסישער „יוראָדיווי״, די זקנים, די מיסטישע פיגורען, וואָס ווערען רעפּרעזענטירט ביי האָמערוס, סאָפאָקלוס, אַכילוס, שעק־ספּיר, פּושקין און דאָסטאָיעווסקי, איבסען, וכדומה, זיי פאַרנעמען און באַנעמען ריכטיג דאָס לעבען און די ווירקליכקייט, דריקט זיך אויס צייטלין, און ווייזט דערמיט, אַז ער האָט זיך אָנגעשטעקט מיט דעם פאָלקס גייסט, וואָס אידעאַליזירט און שאַפט זיך זיינע געליעבטע פיגורען, באַשעהנט און באַפּוצט זיי.

ער האָט אָנגעהויבען מיט דעם עקסטרעמען אינדיווידואַליזם, דעם אינדיווידיאום אַן און פאַר זיך, און האָט זיך אומגעקערט צום פאָלקסטימליכען אינדיווידואַליזם, וואָס איז די קאָנצענטרירטע פאָרם פון שאַפען פון פאָלק און פאַר דעם פאָלק.

י. ח. ברענער

אַ טראַגישע פיגור שטעלט מיט זיך פאָר די פערזאָן פון י. ח. ברענער, אלס קינסטלער און דיכטער אין דער אינגערער העברע־אישער ליטעראַטור.

שוין אין זיינע פריצייטיגע קלענערע דערצעהלונגען און סקיצען ערשיטערט ער אונז מיט זיין „שווערען אָטעם", דורך דער דאָזיגער געדיכטער אטמאָספערע פון עלענד און צער, דאָס דאָזיגע זינלאָזע ליידען און שמערצען, דער גרויזאמער עקעל פאר דאָס מיאוסע און פאַרמלאָזע, וואָס רינגעלט ארום אונז אין דער אידישערווירקלאַכ־קייט אין אַזאַ גרויסער מאָס.

דער עסטעטישער געפיהל פון קינסטלער ווערט פגום און באַ־ליידיגט דורך דעם איבערוועלטיגענדען שטויב און עקעלהאַפטען שמוץ, דאָס צוקראַכענקייט און אָפּגעלאָזענקייט אין אונזער לעבען.

עס עסט זיך אריין דאָס אַלעס טיף אין זיין נשמה און עס ווערט פאַרוואַנדעלט אין זיין אייגענער פערזענלאכער טראַגעדיע.

שוין צום אָנהויב אפילו, אין אזעלכע זאַכען ווי „הנדיל" אָדער „חלל", מאַכט ברענער דעם איינדרוק פון איינעם, וואָס ווערט פאַר־פאָלגט פון אומגעווינשטע געדאַנקען און בילדלאכע פאַרשטעלונגען, וואָס ניט נאָר לאָזען זיי איהם ניט אָפּ, נאָר אויך וואָס מעהר ער באַמיט זיך זיי פאַרטרייבען פון זיך, אלץ מעהר פילען זיי אויס דעם חלל פון זיין קינסטלערישער פאַרשטעלונג און דענקונג.

אָבער זיין גאַנץ ווייטערעס לעבען און שעפערישע טעטיגקייט באַשטעטיגט נאָך מעהר און שטעלט פעסט די אורזאַכען און גרונדען פון זיין טראַגישען שאַפען.

ווארום אין אַ געוויסער הינזיכט איז ברענער געווען אָט יענע טראַגישע אידישע קינסטלער־פיגור, וואָס האָט פאַרקערפּערט מיט זיך און אויסגעטראָגען אויף זיך דעם שוידערהאפטיגען וועהטאָג־דיגען פראָצעס, די חבלי־לידה פון קונסט אויף דעם אידישען באָדען. די השכלה ראָמאַנען און די ספרים פון סמאָלענסקי אָדער ברוידעס

זיינען דאָך אין בעסטען פאַל ניט מעהר ווי סכעמען געווען, מעהר רמזים און אָנדייטונגען אויף קונסט איידער קונסט גופא.

אויך אין אידיש האָבען זיך נאָך ניט פאָלקאָם איינגעגעבען די קינסטלערישע פאַרזוכען און פּרוּאוּוען צו רעפלעקטירען די אידישע ווירקלאַכקייט ביז צו יענער צייט.

ברענער איז געוואָרען איינער פון די פּיאָנערען אין העברעאיש פון דער נייערער לענגערער דערצעהלונג און דעם ראָמאַן, אויף וועל־כען מען האָט לענגלאַך שוין געוואַרט און אַרויסגעקוקט.

און אין די ברייטערע פאָרמען פון זיין שאַפען האָט ברענער ערשט אויפגערודערט עד היסוד אונזער גאַנצע אידיש־מענשלאַכע טראַגעדיע און האָט אונז אַנטפּלעקט זיין אייגענעם קינסטלערישען צער און ליי־דען, די שעפערישע יסורים פון זיין געצוואונגען צו פאַרשאַפען פּיין און שמערץ זיך זעלבסט און יענעם.

אַז ער האָט דורכגעמאַכט אַ שווערען, אומאויפהערלאַכען וועג צו זיין קינסטלערישער באַפעסטיגונג און שאַפען איבערהויפּט—צייגט זיך ארויס אין דעם דראַמאַטישען טעמפּאָ פון אינערלאַכע באַווע־גונגען, פון די טיפע פּסיכישע איבערלעבונגען, וועלכע ער גיט איבער מייסטערהאַפט, דאָס ראַנגלענדע וואָס קומט פאָר אין דער נשמה פון אַלע זיינע הויפּט פיגורען און טיפען.

די לעבהאַפטיגקייט פון טעמפּעראַמענט און דאָס אריינדרינגען אין אזעלכע טיפענישען פאַרראַטען די אינטימע נאָהענטערע שייכות פון ברענער זעלבסט צו דעם אָביעקט פון זיין שאַפען.

וואָלט ער געווען בלויז אַ זוכער פון שעהנקייט און פאַרמאָגט מעהר איינבילדונגס קראַפט, אַ ברייטערע פאַנטאַזיע מיט א לייכטען שפּיל פון אילוזיעס, וואָלט ער זיך ניט אָפּגעשטעלט רק אויף דער ווירקלאַכקייט.

אויב ער געפינט דאָ ניט דעם אָביעקט פון עסטעטיק, וואָלט ער זיך געווענדעט צו דער פאַרגאַנגענהייט אָדער זיך זעלבסט געבויט צוקונפטס בילדער.

אָבער זיין פּריציייטיגער טראַגישער צוזאַמענשטויס מיט דער ווירקלאַכקייט, וואָס האָט איהם געשטערט צו אנטוויקלען און פאָלקאָם אויסבילדען דעם קינסטלער אין זיך, האָט זיך פאַרוואַנדעלט, ווייזט אויס, אין זיין לעבענס־טראַגעדיע.

מאָראַלע און אָביעקטיווע סאָציאַלע אידעען שטראָמען וואָס ווייטער ארויס פון זיין עסטעטישען קוואַל, וואָס מאַכען אוממעגלאַך, אַז זיין אייגענע טראַגיק זאָל זיך ניט אַסאָציאַצירען און צוזאַמענבינדען מיט דער גרויסער אידישער טראַגיק, וועלכע ער האָט פאר זיך געזעהען.

די טראַגיק פון אַ פאָלק, וועמען עס פעהלט שעפערישער פאַטאָס און העראָאישער זשעסט צו ווערען נאָך אַמאָל יונג און מוטיג און קאָמפּסלוסטיג צו דעריאָגען און אַניאָגען זיין היסטאָרישע אָפּגעשטאַנענקייט.

עס איז, אזוי צו זאָגען, דער נעגאַטיווער סינטעז מיט דעם אידישען כלל, מיט דער אידישערווירקלאַכקייט, וואָס גיט ברענער׳ן זיין אייגענטימלאכע אייגענאַרטיגקייט און מאכט זיינע רייפערע ווערק גאַנץ אָריגינעל קינסטלעריש, טיף ארייננדרינגענד און ווייט זעהענד.

מיט אַזאַ קינסטלערישען טעמפעראמענט, וועלכען ער האָט פאַרמאָגט, איז ער געצוואונגען געוואָרען, לויט דער אינערלאַכער לאָגיק פון טיפערען ווען און שאַפען, צו פירען א לעבענס־שטייגער פון א נזיר, ווייל נאָר אויף אַזאַ אופן, פון דער ווייטענס, האָט ער זיינע עסטעטישע עמאָציעס ניט פאַרטעמפּט, זיין דיכטערישען פאַטאָס ניט אָפּגעקילט דורך דער באַרירונג מיט דער אוממיטעלבאַרער ווירקלאַכקייט.

אזוי אַרום האָט ער געפונען דעם וועג צו זיין שעפערישען אויסדרוק, געפונען די איינזאַמע טראַגישע שטעגען און זייטיגע ווינקלען און געסלאַך, אויף וועלכע ער האָט געוואָרפען אַזאַ העלען שיין און גלאַנץ.

ברענערס טאַלאַנט האָט זיך הויפטזעכלאַך אנטוויקעלט און איז אויסגעוואַקסען אויף די שאַרפע קאָנטראַסטען, די עקסטרעמע דיסקרימינאַציעס פון לעבען און טויט, פון שעהנקייט און מיאוסקייט, פון דעם שאַרפען זעלבסטבאַוואוסטזיין און דעם אַנטוויקעלטען מח, פון טאַלסטאָאיזם און אידישען נאַציאָנאַליזם, פון פרייהייט פון פאָראורטיילען און שקלאַפישען אונטערגעוואָרפען זיין אונטער היסטאָרישען היפנאָז.

דער געצוואונגענער קינסטלערישער נזיר ברייגגט אָבער און ווידער אַמאָל אַרויס, מיט אַזאַ פרישקייט און וואַרימקייט, דעם לע־

בענס־געפיהל, באַלויכטענדיג מיט א נייער זון דאָס „רעטעניש פון לעבען, וועלכע איז גרעסער פון דעם רעטעניש פון טויט".

„עס איז אַ גליק צו לעבען און הויך שעצען דאָס לעבען מיט אַלע זיינע ערשיטערונגען און מיט דער גאַנצער אומענדלאכער מילד־קייט"... רעפלעקטירט ברענער דורך אַ פריילינגס באַנייאונג אין דעם גייסט פון זיין הויפט פיגור אין „כשול וכשלון". אָדער עס בליצט אויף די העלע שטימונג ווידער ביי דעם יחזקאל חפץ, ווען דאָס לעבען שטעלט זיך איהם פאַר ווי א גרויסע און טייערע מתנה, וואָס איז נאָך ניט געשענקט געוואָרען צו קיינעם.

און פונדעסטוועגען דערגרייכט ניט צו אונז דאָס עכטע פיל־פאַרביגע און פולסירענדעס לעבען מיט זיין גאַנצען געפילדער און גערויש דורך ברענערס בילדער און רעפראָדוקציעס. נאָר דער שטי־לער אָפּקלאַנג, די פאַראיינצעלטע פאַר׳יתום׳טע נאָכוויינישען און נאָכקלאַנגען. דאָס טויט־לעבען, ניט דער לעבענס־טויט.

בנוגע צו עסטעטיק איז ער קיינמאָל ניט פריי געוואָרען פון דעם אָנגעשטרענגטען פאַרשאַרפטען קאַמף מיט זיך און דער אויסער־לאַכער וועלט, שטענדיג זיך געגריבעלט און ארויסגעבראַכט הוילע וואונדען און גרויזאַמע יסורים. אָבער זיכער האָבען אין איהם גע־שפּראָצט און געוואַקסען די קינסטלערישע באַפרוכטענדע אידעען, ווען ער געפינט אין זיך די ענערגיע און קראַפט צו אַרויסברענגען מעהר און מעהר באַדייטענדע ווערק, ווי „בין מים למים", „בחורף", „מסביב לנקודה" אָדער זיין לעצטעס ווערק: „כשול וכשלון".

עס שפּיגעלט זיך אָפּ אין זיי זיין גאַנץ דיכטערישער אויפפאַסען און רעאַגירען אויף דערווירקלאכקייט, אויף דער אידיש־מענשלאכער ווירקלאכקייט, מיט איהרע אַלע פּראָבלעמען און פראַגען, מיט די פּראָבלעמאַטישע דערשיינונגען אין איהר און דעם צווייפעלהאַפטען וואוקס און דיפערענצירונג פון כחות דאָרט.

הויפּטזעכלאך, אָבער, איז דער פסיכאָלאָגישער אַנאַליז, דאָס גרינדלאך אריינדרינגען אין די טיפעניש̈ען פון דער נשמה, דאָס גריבלעניש און זוכעניש דאָרטען, פון גרויס ווערט און באַדייטונג.

ברענער איז געוועזן מסוגל צו אויפנעמען דעם גאַנצען חורבן און דעקאַדענץ פון דעם אידישען נייערען אינטעלעקט, די צעטיילונג, צעברעקלונג, פאַרקלענערונג און צעפאַלונג פון דעם אידישען אינ־דיווידועלען גייסט.

אונטער דעם דרוק פון די נייע נאַציאָנאַלע און וועלטלאכע סאָציאַלע אידעען און באַוועגונגען האָט אַ געוויסער טייל פון אידי־שער אינטעליגענץ דורכגעמאַכט אויך איינעם פון די שרעקלאכסטע קריזיסען.

עס איז פון זיי צוגענומען געוואָרען די מעגלאכקייט צו אויס־קריסטאַליזירען זעלבסטשטענדיג זייער איך און צו האָבען אַ פרייען אויסוואַל אין דער פאַרמירונג פון זייער אייגענער באַציאונג צום כלל.

ברענער וויזט אונז דעם דאָזיגען ריס מייסטענס אין די יונגע נשמות, וואָס די אינדיווידועלע צאַפּלענישען און ראַנגלענישען ברענ־גען זיי אין קלימאַקס צו אַ מין עלעקטרישען גייסטיגען טויטשלאַג, וואָס דערשיטערט זייער גאַנצען וועזען און צעמישט די ריכטענדע און לייטענדע טענדענצען אין זייער גייסטיגער וועלט.

דער קוואַל פון שעפערישער ענערגיע ווערט, ווי דורך אַ וואול־קאַנישען אויסברוך, צורונען און דער פאַרקערטער פּראָצעס פון פאַרניכטונג נעמט די אויבערהאַנט.

הויבען הויבט זיך עס אָן פון דעם אויסטיילען זיך פון דעם כלל, פון דעם פאַרשאַרפטען באַוואוסטזיין פון דעם אייגענעם לעבען. און ענדיגען ענדיגט זיך עס מיט דעם זוכען דעם זין פון לעבען און מיט דער פולער פאַרווירונג און גייסטיגער פאַרטעמפּטקייט.

דער פון זיך זעלבסט קאָנטראָלירענדער צוזאַמענשפּיל פון אָביעקט און סוביעקט בנושא אחד, די דאָזיגע נאָרמאַלע אָרגאַנישע פונקציע, קריגט דעם טויט־קלאַפּ, און דער בעסטער פּאָזיטיווער טיפּ ווערט מטושטש און געהט פאַרלאָרען.

אָט די פּאַטאָלאָגישע אָפּנייגונג האָט געהאַט, וואַרשיינלאך, אַ גרויסע פאַרוואַנדשאַפט מיט ברענערס אייגענער קינסטלערישער אויסבילדונג און דערפאַר האָט ער אריינגעדרונגען און כמעט אויס־געשעפּט די דערשיינונג אין די פּערזאָנען פון הויפּט פיגורען אין די גרעסערע און בעסערע דערציילונגען, ווי ירמיה פייערמאַן, אבראַמזאָן, אָדער יחזקאל חפץ, וועלכע זיינען אַלע מענשען, וואָס שטעהען ביים שוועל אָדער טרעטען אריבער די שוועל פון משוגעת.

גראַדע דאָ טרעטען אָפּ אָן אַ זייט זיינע אַלע קינסטלערישע דעפעקטען און ער שאַפט גאַנצע פיגורען מיט זייער גאַנצער טראַגי־שער אַטמאָספערע, וואָס רינגעלט זיי אַרום און ער דערגרייכט די אָריגינעלע שטופע פון דעם דיכטער, וואָס דערהויבט זיך, מיט זיין

שאַפֿען, צו זיין אייגענעם טעמפּעראַמענט, וואָס ברענגט ארויס זיינע פולע פּאָטענצען און מעגלאכקייטען, וואָס זיינען אין איהם פאַרבאָרגען.

דער דיסהאַרמאָנישער געבוי פון זיין נאַטור, דאָס ניט קענען אַקצעפּטירען דאָס לעבען און דיווירקלאכקייט, ווי זיי זיינען, איז זעהר בולט אויסגעשפּראָכען ניט נאָר אין דער אויסערלאכער פאָרם, און אין דער אינערלאַכער קאָנסטרוקטור פון זיין שאַפען, נאָר אויך, אפילו, אין דעם אויסערלאכען אויסדרוק און דער ארכיטעקטאָנישער זייט פון זיין שפּראַך, וואָס ער געברויכט.

ברענערס העברעאישער סטיל, וואָס איז אַזוי רייך מיט אידישיז־מען, טראָגט אויף זיך ניט נאָר דעם צייכען, נאָר דעם גאַנצען כאַראַקטער פון זיין פערזענלאַכער און קינסטלערישער טראַגיק.

מ. ז. פייערבערג

עס איז נאַטירלאַך, אַז יעדעס פאָלק, ווי דער שעפערישער יחיד, וואָס קומט אַרויס פון איהם, זאָל זיין קאָנצענטרירט אין זיין רייפען צושטאַנד אויף זיך זעלבסט, זאָל האָבען זיינע אייגענע ריכטענדע און לייטענדע טענדענצען, וואָס קאָנטראָלירען זיין גאַנצע עמפינדלאַכקייט און אויפפאַסונג.

דאָס אָפּשליסען זיך אין זיך איז אָבער א לאַנגזאַמער און דויע־רענדער פראָצעס פון אינערלאַכען שטרייטען און ראַנגלעניש, א געדראַנג און צוזאַמענשטויס פון צווייערליי כחות, פון די צענטראַ־פוגאַלע און עקסצענטרישע.

און אָט דעם שעפערישען קולטורעלען פראָצעס אין זיין טיפען דראַמאַטישען זיין און וועזען האָט ארויסגעבראַכט פייערבערג מיט זיין שאַרפען דורכשניידען ווי א מעטעאָרישע דערשיינונג דעם הימעל פון אונזער אינגערער ליטעראַטור.

אין גאַנצען משך פון זיין טראַגיש קורצער אָבער זעהר בולט און שאַרף אויסגעשפּראָכענער שעפערישער טעטיגקייט, אין זיין פער־זענלאַכען אינדיווידועלען שוואונג, אזוי ווי אין דעם אידעאַלאָגיזירען דאָס אידישע וועזען, די דראַמאַטישע קאָנפליקטען פון דעם היסטאָ־רישען אידישען גייסט, געהט דורך, ווי א ריכטס־שנור און דעמאַר־קאַציאָנס־ליניע, די דאָזיגע נייגונג צו זעלבסט־באַשטימונג און זעלבסט־אָפּשליסונג.

כאָטש כמעט ניט אין קיין דירעקטען קאָנטאַקט און נאָהענטער באַרירונג מיט דער אויסערער וועלט, אָדער, ווייל ניט פאַרכאַפּט אין סאַמע מיטען פון די נייע קרייזען און קאָראָהאָדען, קומט פייערבערג צו צו דער דאָזיגער מאָדערנער פאַרשאַרפטקייט פון אַן אויסגעע־שפּראָכענעם איך דוקאָ דורך דעם דאָזיגען טיפען היפנאָז פון דעם גאַנצען היסטאָרישען אידישען עבר, פאַר וועלכען ער איז אזוי עמפינדלאַך.

דאָס איז דער היפּנאָז, וועלכער איז ערשט ניט לאַנג פאַר איהם, געהאַנגען ווי א קאָשמאַר איבער די מחות פון די השכלה־טרעגער און האָט אפילו די בעסערע עלעמענטען פון זיי געטריבען צו ווערען ווילדע דעזערטירער און אָפּטריניגע פון דער מחנה.

און די השכלה האָט דאָך נאָך ניט פאַרענדיגט איהרע חשבונות מיט דער אידישער ווירקלאַכקייט, אפילו איצט אין דעם סאַמע ברען פון דעם נאַציאָנאַלען אויפשוואונג אונזערען. אַזעלכע עלעמענטען ווי די „מרחיבים“, די אויסברייטערער ביי אונז, מכל המינים, וועלכע נעמען אויף זיך דעם חוב און די מצוה צו אָפּראַמען יעדען אָפּהאַלט, צו מקרב זיין די גאולה פון זעלבסט אויפלעזונג פון אידישען פאָלק — זיי אַלע האָבען נאָך א גרויסע שייכות צו דער אויפקלערונגס עפּאָכע.

דאָס עכטע אידישע שאַפען איז אָבער שטענדיג באַשטאַנען פון דעם זעלבסט באַגרענעצען און אויסטיילען זיך, אין דער קאָנצענט־רירונג און צמצום, אין די צוריקהאַלטענדע כחות, וואָס האָבען באַ־הערשט דעם אינערלאַכען כאָאָס.

פאַר יאָהרהונדערטע איז עס קולטיווירט געוואָרען און איבער־געגאַנגען בירושה פון דור צו דור און די טראַדיציע איז געוואָרען אן אייגענאַרטיגע קולטור, אן אָריגינעלעס אידישעס דענקען און רעאַ־גירען אויף דעם, לויט ווי עס דיקטירט דער אָרגאַנישער אינער־לאַכער דראַנג.

פּייערבערג, וועלכער האָט פאַרמאָגט די דאָזיגע עכט־אידישע קינסטלער־נשמה, וואָס זאַמעלט צונויף אין זיך אַלע שטראַהלען פון דער פאָלקס־נשמה ווי אין א פאָקוס, האָט אונז געגעבען דעם איבער־ברוך פון קאָלירען, דעם פּריזמאַטישען רעפלעקס, וועלכער טויכט אויף און באַלויכט די גרויסע שטרעקעס פון דער פאַרגאַנגענהייט און מאכט זיי פאַר אַ רעאַלע ווירקלאַכקייט — און מיר דערפילען דעם פולסירענדען ריטם און דראַמאַטישען שטורם פון א לעבעדיגען אָרגאַניזם.

דאָס קינסטלערישע רעפלעקטירען אפילו פון פּייערבערג איז א פרייערע און שטאָלצערע, ווארום ער וויל ניט און קאָן זיך ניט אָפּזאָגען פון זיך זעלבסט אָדער פאַרשקלאַפען זיך צו דער ארומיגער גרויסער און ברייטער וועלט.

אמת, ער טראָגט דערפאַר אין זיין האַרץ אַן איבעריגען שלאַכט־פראָנט; דער דיכטער אין איהם פיהלט זיך אָבער פעסט אויף זיין באָדען, אויף וועלכען ער איז אויסגעוואַקסען און קאָן פון דאָרטען אָנפירען די דעפענסיווע.

אלס דיכטערישע נאַטור איז פייערבערג פריער פאַר אַלעם פאַר־אינטערעסירט געוואָרען צו זיך צוהערען צו די מאָטיווען, וואָס קלינגען און פליסען אין זיין אייגענער נשמה. ער זוכט פריער אונטער דעם מאַנטעל פון „חפני בעל דמיון" און דערנאָך אונטער נחמנ׳ס פיגור אין „לאן?" צו רעאַגירען זעלבסטשטענדיג און באַפעס־טיגען זיך, צו געפינען דעם אויסדרוק פאַר דעם פּאָעטישען ברויזען און אויפוואַכען אין איהם, פאַר דעם אינערלאַכען בראַנד „התבערה ממסתרים".

די אַדאַפּטירטע קונסט דאַרף היילען די וואונדען פון זיין האַרץ און איהם געבען כחות צו לעזען די ארויסגעשוואומענע פּראָבלעמען.

קורץ זיינען געווען זיינע טעג פון שאַפען און א קליינעם ליטע־ראַרישען באַגאַזש האָט ער אונז איבערגעלאַזט.

אָבער די אָפּגעהאַקטע און איבערגעריסענע אַקאָרדען טראָגען מיט זיך טענער פון אַלטע מעלאָדיעס, די ליריק פון דער אידישער פאַר־גאַנגענהייט מיט דעם גאַנצען פּסיכאָלאָגישען פּלאָנטער פון רעגענדע און לעבענדע אָרגאַנישע כחות.

ער האָט אפשר נאָך ניט גענוג צייט געהאַט צו ארויסברענגען זיין פאָלקאָם אייגענאַרטיגע פאָרם אין שאַפען. פון די קלענערע זאַכען איז זיין „קמיע" אין דער קינסטלערישער פאָרם פאָלקאָם גע־לונגען.

אָבער אין אַלעס האָבען מיר זיכער דאָ דעם גאַנצען עלעגישען ליריזם פון א קינסטלערישער פאַרבלאָנדזשעטער נאַטור, פון אינער־לאַכע שטרייטען און זוכענישען אין אזעלכע רעפלעקסען, ווי אין „בליל אָביב" אָדער „צללים".

און טראַגיש איז געוואָרען זיין גאַנצע אַטמאָספערע, ווען, ווי נחמן, איז ער נאָך אַ נאַכט פון חשבון הנפש אויפגעשטאַנען אָהן א גאָט אין האַרצען... אַן אויסגעפּאָרמירטער דיכטער, אַן עלענדער, אליין מיט זיין גרויס האַרץ, אָפּגעטיילט און אָפּגעשניטען פון זיין פאָלק, „נכרת מעמיו".

דאָס שעפערישע אַנאַליזירען זיך, בכדי נאָך אַמאָל און טיפער

אינטימער באַהעפטעט זיך מיט דער גרויסער אידישער פאָלקס־נשמה, איז פאַר איהם געוואָרען א קוואַל פון טרויער און צער.

די דיכטערישע שעפערישע פּאַטענצען האָבען געדרימעלט און געשלימערט אין איהם פון דער פריער יוגענד און קינדהייט אין זיין אילוזאָרישער נאַאיווער וועלט, אין דער אומבאַרירטער סביבה, ווען ער זעהט נאָך די אינערלאכע גאַנצקייט און האַרמאָניע, אָדער שפּעטער אפילו דעם צוזאַמענשטויסען פון די לעבעדיגע און וויר־קענדע כחות פון דער גאַנצער אידישער געשיכטלאכער טראַדיציע.

„די גאַנצע וועלט איז נאָר א פינטעלע אין מיין האַרצען און מיין האַרץ איז נאָר א קליין פינטעלע אין מיין אלטען בית־המדרש. איך קוק אויף דעם בית־המדרש ווי אויף א בנין, וואָס שטעהט אין צענטער פון דער וועלט, וואָס שטראַלט אויס ליכט אויף אַלץ, וואָס טראָגט אויף זיך דעם נאָמען מענש".

אַזוי רעדט דער פרי אויפגעוואַכטער דיכטערישער באַוואוסטזיין, וואָס איז אריינגעוועבט אין דעם אַלגעמיין־אידישען.

דער דיכטער אין פייערבערג'ען וואַקסט איבער איהם זעלבסט אין דער זעלבער צייט, ווען ער דרינגט אריין אין דעם אידישען געשיכטלאך שעפערישען צמצום פון פאָלקס אייגענאַרטיגען דענקען, פיהלען און רעאַגירען.

פון איין זייט איז ער געווען מסוגל, צוליב זיין באַזונדער אינ־טימער פאַרבינדענקייט און צונויפוואוקס, נאָכפאָלגען, אזוי צו זאָגען, רעטראָספּעקטיוו דעם אָרגאַנישען אידישען וואוקס פון זעלבסטשטענ־דיגקייט און אייגענאַרטיגקייט. פון דער אַנדערער זייט, איז ער אליין באַפרוכטעט געוואָרען און זיין האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרען מיט די זיך זעלבסט אויסזינגענדע מעלאָדיען אין דער פאָרם פון רעפלעקסען און נאָכקלערען, וואו ער איז שוין מיט זיך אליין, מיט זיינע אייגענע קינסטלער־וועהען און וועהטאָגען. פריער זיינען אפילו די „שאָטענס" אויף די ווענט פון בית־המדרש לעבעדיגע בילדער, פיגורען און געשטאַלטען, וואָס פאַרקערפּערען א צווייטע ווירקלאָכקייט.

און אויב עס רייסען זיך אריין די פראַגען, צו דאַרף איטלאכער זיין א סאָלדאַט, וואָס זאָל אימער שטעהן אויף דער וואַך, איז עס די אַנדייטונג פון דער — אין פייערבערג טיף נאָך פאַרבאָרגענער — פּאָעטישער פרייערער אייגענער נאַטור, א רוף צו איהם זעלבסט, אז

אַנזאָג פאַר אַנדערע מעגלאַכקייטען אין איהם, ווי די בלויזע פּאַסיווע עמפינדונג.

ער הויבט אָבער אָן זיך אַרומקוקען, ער עפענט די אויגען צו אריינקוקען אליין און ער דערזעהט דעם גאַנצען חורבן פון דער דאָזיגער פּראַכטפולער פאַנטאַסטישער געביידע, וואָס ער האָט זיך אויפגעשטעלט.

די ווענט פון דעם דאָזיגען בית־המדרש, וואו זיין פאַנטאַזיע האָט צונויפגעזאַמעלט די הערלאישע געשטאַלטען פון דער אידישער גע־שיכטע, זיינען צופאַלען און דאָס פאָלק איז געבליבען אויף דעם זעלביגען אָרט.

זיין האַרץ, דאָס האַרץ פון א גאָט געבענשטען דיכטער, איז געוואָרען ברייט און שוואָמיג, און, ווי ער דריקט זיך אויס פריער אויף אַן אַנדערען אופן, הויבט ער אָן איצט אריינעמען דאָס פאָלק אין צענטער, וואָרום ער איז אויסגעוואַקסען צו דער אינדיווידועלער פּאָעטישער הויך, וואו די צענטער און געוויכטס פונקטען האָבען זיך געביטען און איבערגעטוישט אין איהם.

און ער דערזעהט דאָס נידעריגקייט, דאָס געפאַלענקייט און שפלות פון דער אידישער ווירקלאַכקייט, הויבט אָן פּראָטעסטירענד נאָכצופרעגען: „צו צוליב דעם האָסטו, גאָט, באַשאַפען אַזאַ שעהנע גוטע וועלט, הימעל און שטערען, לבנה, פעלדער און וועלדער, בכדי דיין אויסדערוועהלט פאָלק זאָל זיך געפינען אַ פּלאַץ אין דעם איינגען נידריגען שפל׳דיגען בית־המדרש?"

און אַ שוידער כאַפּט איהם אַרום, ווען, פּלוצים, ווי דורך אַן אויפרייסענדען בליץ, ווערט איהם אַנטפּלעקט, אַז דער דאָזיגער אייביגער שטרייט, וואָס דאָס פאָלק האַלט אָן פאַר עקזיסטענץ, פאַר זיין העכערער קולטור און אייגענאַרטיגען שאַפען, איז ניט מעהר ווי די העלדישע מלחמה פון א פרינץ צוליב א טויטער בת־מלכה.

וואָלט דער דאָזיגער שרעקלאַכער קלאַפּ, די דאָזיגע שוידער־האַפטיגע אַנטוישונג געטראָפען פייערבערג׳ען אין אַ צאַרטערען צו־שטאַנד, איידער ער האָט באַפעסטיגט זיך אין זיין שאַפען, וואָלט עס זיכער געווען אַ גייסטיגער טויט־שלאַג פאַר איהם, אַזוי ווי עס איז געוואָרען פון דער פיגור פון נחמן אין זיין „לאָן?"

איז ער אָבער איצט אַ רייפערער דיכטער מיט זיין אייגענער וועלט, וואָס באַזיצט די אויסלעזענדע מאַכט פון קונסט.

ער, וועלכער איז געווען אַזוי עמפּינדלאַך צום שעפערישען גייסט פון פאָלק, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט זיינע היילינגטימער, האָט ערשט איצט באַנומען ווי נויטווענדיג עס איז דאָס אָפּשליסען זיך, דאָס פאַרטיפען זיך אין זיך און דאָס צוהערען זיך צו די אייגענע שעפע־רישע מעגלאַכקייטען.

אַ פאָלק, וועמענס גרויסע געשיכטלאַכע פעריאָדען זיינען אויך גרויסע פעריאָדען אין דער וועלט געשיכטע, טאָר ניט אוועקשליי־דערען אַזוי כלאחר־יד זיין טיפע קולטור צוליב דעם גלאַנץ פון דער אייראָפּייאישער ציוויליזאַציע אָדער זיך אָפּזאָגען פון דער איי־גענער צוליב אַן אַנדערענס.

ער האָט אַרויסגעבראַכט דערפאַר דאָס גרויסע וואָרט פון אונזער צייט, אַז „דאָס אידענטום האָט נאָך ניט פאַרענדיגט זיינע חשבונות מיט דער גרויסער וועלט", אַז דער גרויסער היסטאָרישער אידישער שעפערישער גייסט איז נאָך ניט קיין פאַנטאָם, פאָלקאָם אויסגעשפּילט און אַראָפּ פון דער אַרענאַ, נאָר עס קאָן נאָך צוריק אויפלעבען און באַלעבען.

דאָס אַלעס איז געווען דער רעזולטאַט פון זיין דיכטערישען וואוקס און אַנטוויקלונג.

זיין פּאָעטישער איך האָט אָבער אריינגעבראַכט אינערלאַכע טראַגיק אין זיין וועזען, ווארום אין דעם ניט רעפלעקטיווען, פאַר־העלטניסמעסיג אוממיטעלבאַרען צושטאַנד, איז פייערבערג איין גאָר מיט דעם אָביעקט פון זיין פיהלען און דענקען.

עס האָט אָבער געלויערט אויף איהם פון דער באַהעלטעניש זיין צווייטער איך, וועלכער האָט אַלץ געזוכט די געלעגענהייט און מעג־ליכקייט צו אַרויסטרעטען מיט דער גאַנצער קראַפט, וואָס ער האָט אָנגעזאַמעלט און צו באַהערשען פייערבערג'ען זעלבסט, וואָס עס איז, ביז א געוויסען גראַד, איהם געלונגען.

עס איז איהם געלונגען צו צושטערען די אינערלאַכע רוהע פון פייערבערג'ען און אריינברענגען דעם ביטערען רעפלעקס אין זיין נשמה, וועלכער האָט איהם געצוואונגען זיך צו פאַרקלערען און האָט קאָמפּליצירט, צומישט זיינע געפיהלען. זיין פּערזענלאַכקייט איז געוואַקסען און רייכער געוואָרען.

אָבער אפילו דער רעפלעקס האָט ניט ארויסגעטריבען פון איהם די באַזונדערע וואַרימע באציאונג צו דער אייגענער אידישער פאַר־

גאַנגענהייט, האָט ניט דערנידעריגט איהר אומשעצבאַרען ווערט און באַדייטונג אין זיינע אויגען.

דערפאַר האָבען לאַגישערווייזע, אזוי ווי געפיהלאַרטיג, פון דעם דאַזיגען קוואַל געפאָלגט זיינע אָנוועגדונגען און אויסזיכטען אויף דער צוקונפט פון אידישען פאָלק און זיין ליטעראַטור.

ער האָט פאַרטריבען די לעצטע שאָטענס פון דער אַסימילאַטאָרישער השכלה דורך זיין פאָעטישען ראָמאַנטיזם און קינסטלערישען אמת און, אזוי אַרום, מיטגעהאָלפען דעם אויפשוואונג פון דעם נעאָ־חסידיזם אין אונזער ליטעראַטור און האָט אַרויפגעצוואונגען איבער־הויפט אַן ערנסטערע, ווידער שעצענדע באַציאונג צו דער אידישער טראַדיציע מצד פון די נייערע נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטען אין אונזער געזעלשאַפט.

און ווייל זיין ווירקען און איינפלוס איז געווען אַ ריין דיכטע־רישער און קינסטלערישער, איז ער אַזוי וואַרים אויפגענומען גע־וואָרען אפילו מיט די מינדעסטע סקיצען זיינע.

קורץ זיינען געווען זיינע טעג — געבענשט זיין שאַפען.

ש. צ. זעצער

די אידישע וועלטלאכע ליטעראטור, באזונדערס אויף דעם אמע־ריקאנעם באָדען, איז אויפגעוואקסען כמעט ספאראדיש, אָן דעם צוזאַ־מענהאנג און טיפער פארבינדונג מיט די רייכע אוצרות פון דער אידישער גייסטיגער קולטור אין דער פארגאנגענהייט, דער נאָענטער אָדער ווייטער.

געטריבען פון רעוואָלוציאָנערען אימפעט צו איגנאָרירען אדער אינגאנצען איבעררייסען די קייטען פון אלטע אדער פארעלטערטע אידעען פון דעם פאַרגאַנגענעם אידישען לעבענס־שטייגער, איז אונ־זער וועלטלאכעס שאַפען אויסגעליידיגט געוואָרען, אראָפּוואַרפענדיג אונזער אלטע קולטורעלע מלבושים און צו קיין נייע ניט דערשלאָגענדיג זיך.

דעריבער דארפען מיר באזונדער דאנקבאר זיין צו אזא שעפע־רישער פערזענלאכקייט, וועלכע ש. צ. זעצער שטעלט מיט זיך פאָר, אין זיין 35־6 יאָהריגע ליטעראַרישע טעטיגקייט, בפרט, פאַר דעם לעצטען פעריאָד אין זיין שאפען אויף דעם אמעריקאניש־אידישען באָדען.

זייער יונג און באשיידען געהט ער אויף ווי א נייער שטערען אויף דעם נאָך ניט פיל אויסגעלייטערטען ליטעראַרישען הימעל, ווערט א באַרימטהייט צווישען די ליטעראַרישע „לייבען”, אויפגענומען פון ניט קיין קלענערען, ווי דוד פרישמאן אין זיין „הדור”.

אין א העפטיגען וכוח מיט דר. ש. בערנפעלד איבער דער אידי־שער קולטור מאכט דער יונגער זעצער זיין דעביוט און צייגט ארויס אזוי פיל חריפות, שאַרפען אַנאַליז און רייפען אידישען דענקען, אז ער איז מנצח.

איינצייטיג טרעט ער ארויס מיט עסייען וועגען מאקס שטירנער און, דער עיקר, פרידריך ניטשע פול מיט בליציקע געדאַנקען פון אמת׳ער גאונות, מיט וועלכע ער פארנעמט באַלד אן אָנגעזעהענעם פלאַץ אין דער ליטעראַטור.

איז אין זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט אין ווארשא, אין דער אידיש־העברעאישער באקליידונג, געווען דער איבערוואג פון דעם פּראָגרעסיוו־ראַציאָנאַלען געדאַנק.

עס איז דער פעריאָד, ווען די וועלט ארום האָט אויסגעברייטערט פאַר איהם די האָריזאָנטען, אָבער געבליבען איז ער טריי צו זיך זעלבסט און צום מקור מחצבתו.

ווי יעדער נאַציאָנאַלער אידישער דענקער, טראָגט ער איז זיך די קערנער פון מיסטיק פאַרבאָרגען און פאָטענציעל פון סאַמע אָנהויב אָן.

אָבער פונדעסטוועגען איז אָפיצעל מיסטיק טאבו פאר זיך, ווארים אקאָרשט האָט מען דאָך פאַרטריבען פון זיך די „מורדי אור", די פינסטערע רעאַקציע, רחמנא לצלן, געגען וועלכע די גאנצע חבריה, דער קרייז פון מ. ז. פייערבערג, צווישען וועלכע אויך זעצער געפינט זיך, האָט רעוואָלטירט, כאָטש אזוי פארשפעטיגט אין דעם גאַנג פון דער השכלה.

און אפשר דערפאר איז מען אין דעם דאָזיגען קרייז פארבליבען פאַרפעסטיגט אין דער עבר־ראָמאַנטיק און מיט דעם גאנצען יוגענט־לאכען ברען און פייערדיגער פאַנטאַזיע האָט מען גענומען וועבען די חלומות פון אונזער פאָלק.

אָבער מערקווירדיג איז דאָס, וואָס ערשט נאָך זיין אריבער־טרעטען דעם אַמעריקאנישען אידישען באָדען, איז פארגעקומען דער קריזיס אין זעצער׳ס שאַפען, דער איבערברוך און אויסברוך פון א נייער שפע פון שאַפען, וואָס שטעלט איהם אוועק אין די פאָדערשטע רייען פון די שעפער פון אומשעצבארע קולטור און ליטעראטור ווערטען.

געוויס האָט ער שוין פריער געהאט זיין אויסגעשפּראָכענע פיזיאָ־נאָמיע, זיינע בולטע כאַראַקטער־שטריכען, אָבער דאָ גראדע האָט זעצער איבערגעבראָכען זיין העברעאישע פען אין אידיש, האָט זיך מצטרף געווען צו אידיש מיט יענער התלהבות, וואָס עס קומט פון פלוצימדיגער אנטפלעקונג, פון ריין אינטואיטיווער אויפטויכונג פון אידעען און געדאַנקען, עכט אידישע לויט זייער פאָרם און אינהאַלט.

זעצער אנטדעקט, אז „ניט נאָר אין דער קונסט, נאָר אויך אין דער וויסענשאפט איז פאַראַן דאָס, וואָס מען רופט אינטואיציע. „עס פאַרקלייבט זיך אמאָל א געוויסע באציהונג צו אן ערשיינונג, א געוויסע אויפפאַסונג וועגען א פּראָבלעם אין מאָרך פון א מענשען דורך אינטואיציע — אָדער צו פאָרמולירען נאָך פּינקטלאכער דעם געדאַנק: עס ווערט דאָס אלעס דורך געהיימע פאַרבאָרגענע כחות אין מענשען פאַרפלאנצט און אויף וויפיל דאָס איז אינטואיציע פאר

איהם, איז דאָס אויך זיין סוביעקטיווער אמת... מוז דאָס אויך דער סוביעקטיווער אמת פון לעבען ווערען... דער פסיכישער היפנאָז פון דעם דורכגעלעבטען סוביעקטיווען אמת פון שרייבער, עפענען פאר איהם (דעם לעזער) די טויערען פון גלויבען אויף...״

זעצער, דער רעפלעקטיווער אינטעלעקט, מאכט אליין אויך דורך דעם זעלביגען פראָצעס, וואָס דער קינסטלער אין זיינע אנטפלעקונגען און אויפדעקונגען, אין איבערלעבונגען און באַלעבונגען.

אָבער דער הויפט ווענדונגס־פונקט פון זעצער באשטעהט דעריך, וואָס ער קערט זיך אום צו יענע אורשפרינגלאכע פאָנטאַנען פון דעם אידישען פאָלקס־געניע, וואָס געבען דעם הינטערגרונד פון דער גאַנצער אידישער קולטור.

די אידישע מאָראַל און עטיק, דער אידישער רעליגיעז־פילאָזאָפישער געדאנק, די ספעציפיש אידישע אויפפאסונג פון מענש און גאָט, פון וועלט און לעבען, פון יחיד און כלל.

ער אנטדעקט און אנטוויקעלט יענע פיינסטע מיסטישע עסענץ, וואָס האַלט צוזאַמען, אָהן זיין אייגענעם וויסען, דאָס גאנצע אידישע פאָלק דורך יאָהר־טויזענטער פון זיין עקזיסטענץ און עפענט יענע פארשטאָפטע קוואַלען פון דעם אזוי־פארמאַטעריאַליזירטען אידישען קאָלעקטיוו פון אונזער צייט. דאָס זיינען די קוואַלען פון אידישען רעליגיעזען דענקען און שאַפען, אין וועלכע מיר האָבען אָנגעקליבען אזוי פיל ווערטפולע אוצרות פאַר דער גאַנצער מענשהייט.

„קדושה לויט דעם העברעען אינהאלט, וואָס דאָס אידענטום לייגט אריין אין דעם וואָרט, דערקלערט זעצער, פאַראייניגט צוויי באַגריפען, צוויי געגענגעזעצטע באַגריפען, וואָס דאָס אידענטום לייגט אריין אין דעם וואָרט. עס אנטהאלט אין זיך דעם באגריף פון נזירות, פון התבודדות, פון זיין מיט זיך אליין, פון שטעהן איבער און אויסער אלעמען און צוזאמען מיט דעם באגריף אויך דעם באגריף פון צונויפמישען זיך און צונויפשמעלצען מיט אלעמען... נזירות איז פעסימיזם, קדושה־אָפטימיזם; נזירות איז דאָס אנטלויפען פון דער וועלט, דאָס פארשעלטען דאָס. דער טיף־אין־זיך איינגעגראָבענער אינדיווידואליזם. דאַן ווען די קדושה איז דאָס באהעפטען זיך פון יחיד מיט דעם קאָלעקטיוו, דאָס אנטקעגען קומען דעם לעבען מיט א ברכה אויף די ליפען, דאָס טראָגען שטענדיג אויף דעם געזיכט א זוניגען שמייכעל פאר דער גאנצער וועלט״.

אַט דאָס איז די קלאָרע דורכזיכטיגע לויטערקייט פון געדאַנק, וועלכע דערשיינט מיט א וויזיאָנערישע קראַפט פון אינטואיציע, די פּאָעטישע פילאָזאָפישע אינטואיציע, וועלכע מאַכט די פּערזאָן און דאָס שאַפען פון זעצער׳ן פאַר איינע פון די אָריגינעלע דערשיינונגען אויף דער אידישער אמעריקא.

וואָהלין, זעצער׳ס געבורט־אָרט, איז אויך דאָס וויגעלע פון חסידיזם געווען און האָט צוגעגרייט דעם גרונט פאַר זיין עמפּינד־לאַכקייט פאַר דער אידישער מיסטיק און האָט איהם געגעבען די נייגונג צו סינטעזירען דעם ראַציאָנאַליזם מיט דער מיסטיק אין זיין שאַפען.

ער שאַפט די פיגורען פון בעל שם און ר׳ נחמן בראַסלאווער (זעה זיינע ווערק „ר׳ ישראל בעל שם טוב״, „ספורי מעשיות פון ר׳ נחמן בראַסלאָווער״, „די נסיעה פון רבי נחמן בראַסלאָווער״ א. ז. וו.), אין וועלכע עס ווערט פאַרטיפט און אויסגעשפּראָכען די אייגענטימ־לאַכע באַגאַבטקייט און ארויסגעבראַכט דער גאַנצער קאָמפּלעקס פון זיין שאַפען.

„ער (דער בע״שט) האָט די רייכע אוצרות פון זייער (דעם פּאָלקס ש. ל.) אייגענע נשמה באַפרייט און האָט מיט זיי זייער גרויע און אָרימע וועלט באַצירט. ער האָט פאַר זיי זיין רייכע און שעהנע אינערלאַכע וועלט אנטפּלעקט און זיי האָבען אין איהר די אָפּשפּיג־לונג פון זייער אייגענער אינערלאַכער וועלט דערזעהען... ער האָט פריי און אומגעשטערט זיינע פּאָעטישע אינסטינקטען געקאָנט זיך איבערגעבען״...

אזוי כאַראַקטעריזירט זעצער דעם בעל שם.

אין דער קבלה און חסידיזם, איבערהויפּט, זעהט זעצער די פּאָע־טישע פילאָזאָפישע פאָרם און אינהאַלט פון דער באַנייטער רעליגיעזער אידישער קאָנצעפּציע.

אלס מאָדערנער דענקער הערט ער ניט אויף צו ראַציאָנאַליזירען, צו אַנאַליזירען אויך אין דער דאָזיגער נייער פאַזע פון שאַפען.

אזוי, למשל, זעהט ער אין דער התגלות פון בעל־שם די העכסטע דערגרייכונג, צו וועלכער די פּאַרפּאָלקאָמונג און השלמה פון זיין שעפּערישער פּערזענלאַכקייט האָט איהם געבראַכט אין זיין אנטוויק־לונג, ניט ווי עס זעהט אויס אין דער פּאָלקס־לעגענדע.

דאָס עלעמענטאַר־רעליגיעזע דענקען פון בעל־שם איז, לויט זע־

צער'ן, „די אָפּשפּיגלונג פון אייביגען לעבען אין דעם פאַרבייגעהענדען, דער גאָט פון בעל־שם האָט ניט נאָר אלעס באַשאַפען, ער איז פאַר־קערפּערט אין אלעס. און אויב מען קאָן איהם ניט זעהען קיינמאָל, קאָן מען איהם אָבער פיהלען שטענדיג. עס איז ניטאָ קיין ווינקעלע, וואו ער איז ניטאָ"...

און ווייטער „גאָט איז אומעטום און איבעראל אי דאָ, אי דאָרט און ווילסטו איהם זעהען איז ער אין ערגעץ ניט, וואָס מעהר דו דערנעהנטערסט זיך צו איהם אלץ מעהר ווערט ער פון דיר ווייטער, וואָס מעהר דו פיהלסט די עקזיסטענץ זיינע, אלץ ווייניגער קאָנסטו זיין ווירקלאכקייט באגרייפען, וואָס מעהר דו זוכסט איהם אלץ מעהר קומסטו צו דער איבערצייגונג, אז דו קאָנסט איהם ניט געפינען"...

דאָס איז די קווינט־עסענץ פון רעליגיעז־אידישען דענקען און פיהלען פון בעל־שם, וועלכער פאַרמאָגט דאָך אַזאַ וויזיאָנערישע מאכט, אזוי פיל עמאָציעס און איבערלעבונג, אויסגעגאָסען אין תפילה דביקות, פרייד און ליבע צו אלע באשעפענישען.

מיט דעם פולען באַוואוסטזיין פון א שעפערישער פערזענלאכקייט דריקט דער בע"שט זיך אויס: „איך בין געקומען אויף דער וועלט איך זאָל א נייעם דרך אין עבודת השם דער וועלט לערנען"...

אן אַנדערע הערלאכע פיגור איז די פון ר' נחמן בראסלאָווער, ארויסגעבראכט פון זעצער'ן.

„מיר האָבען פאר זיך אין זיי („די ספורי מעשיות") א זעלטענע קאָמבינירונג פון גרויסען קינסטלערישען טאַלאַנט און הייליגען פילאָזאָפישען זוכען: פון פרייען פּאָעטישען שוואונג און ארויפגע־צוואונגענער דיקדאַקטישער איינגעצאמטקייט, פון ריין קינסטלע־רישער אקטיוויטעט פון א גרויסען שעפרישען גייסט, וועלכער איז גלייכצייטיג אויך א מין עבודת השם פראַווען פון א גרויסען צדיק, וואָס איז פארנומען כל ימיו, נאָר מיט גאָט דינען"...

און ווייטער: „דאָס אינטימע שאַפען זיינס, דאָס אומבאַוואוסט באפרידיגען זיינס דעם דראַנג פון זיין שעפערישען גייסט צום קינסט־לערישען אויסדרוק קומען, איז פאַרגעקומען ביי איהם אין דער באַ־גלייטונג פון דער איבערצייגונג, אז נאָר דאָס איז ער אויסען א פּרוזדור צו בויען, דורך וועלכען ער זאָל צוקומען צום הייליגען טרקלין, דאָס בילד פון וועלכען ער האָט אין געדאנק זיינעם געזעהען, אז נאָר דאָס איז ער אויסען — א לבוש צו שאַפען פאר די הויכע

געטלאכע השגות, מיט וועלכע דער געדאַנק זיינער איז פארנומען געווען, א פאַסיגען משל צו געפינען. פאר דעם נמשל, וואָס ער האָט געוואָלט סימבאָליזירען".

אַזאַ מין בילד און כאַראַקטעריסטיק האָבען מיר פון אונזער איינציגארטיגען רעליגיעזען קינסטלערישען קלאַסיקער.

פאָעזי און רעליגיע שטייגען אריבער איינע די אנדערע און זיינען זיך משיג גבול.

אין דער „נסיעה" פון צדיק טרעט ארויס די גאנצע עקסצענט־רישקייט פון דער דאָזיגער קינסטלעריש־רעליגעזער נאַטור אין איהר גאנצער קאָמפליצירטקייט. די פראכטפולע אויסגאבע פון די „מעשיות" צייגט וויפיל מיה און אריינדרינגונג זעצער האָט באנוצט, וואָס פאר אן עסטעטישען חן ער גיט צו מיט זיין גאַנצען טאַלאַנט פאר דער עסטעטישער אידישער פאָרם צו באלעבען אונזער איינציגארטיגען רעליגיעז־קינסטלערישען קלאַסיקער.

מיט גרויס עמפינדלאכקייט פאר די קניני הרוח, פאר די גייסטיגע ווערטען פון אונזער אלטער קולטור, קאָמבינירענדיג זיין שארפען אַנאַליז און אינטואיטיווען דענקען, האָט זעצער אויסגעפאָרשט דאָס גרעסטע קלאסישע ווערק פון קבלה, דעם „זוהר" און פון איהם איבער־געזעצט, איבערגעדיכטעט אויף אידיש, באררייכערנדיג די אידישע לי־טעראַטור מיט אזעלכע ווערטען, פון וועלכע אונזער דור און אונזער צייט ווערען וואָס ווייטער מעהר פארפרעמדט, ווערען וואָס ווייטער אָפגעריסען און אויסגעטריקענט פון דעם מקור היים, פון די לעבענס־זאַפטען פון עכטען אידישען שאַפען.

און נאָך אויף אן אנדער געביט פארנעמט זיך זעצער, דער געביט פון פאָרשונג פון אידישער עטיק. אין דעם ווערק „מדת הרחמים" געהט ער דורך כמעט דעם גאַנצען אידישען עפאס און עלטערען פאָלקלאָר, אריינרעכענענדיג דעם „זוהר", און ברייננגט ארויס די פערלען פון אידשער עטיק, די גרונט־יסודות פון מאָראַל, דער גרונט פון דער אידישער קולטור פון דור דורות, פון „רחמנות, דורך וועל־כער די וועלט איז צושטאַנד געקומען".

אין דעם ווערק „אנטשטעהונג פון קריסטענטום" האָט דאָס אינ־טואיטיווע דענקען פון זעצער מיט באזונדער קראפט דורכגעבראָכען צווישען אזוי פיל טעאָריען, השערות און היפאָטעזען, וואָס ווערען ארויסגעבראכט אין יעדען דור וועגען דעם דאָזיגען עניך, אין וועל־

כען זעצער ציִיגט ארויס טיפען ארײַנדרינגען און טרעפלאכען אויס־וואַהל, ציִענדיג פון עכטען אידישען מקור.

אין דעם בוך „פיגורען" צייגט זיך ארויס דער גאנצער עטישער און עסטעטישער חוש פון קולטיווירטען גייסט, וועלכער וויברירט אויף פילע און פאַרשידענארטיגע טענער און רופט זיך אָפּ מיט זיין אייגענעם אָפּקלאנג אויף יעדער גייסטיגער דערשיינונג פון אונזער צייט.

אָבער פון ווערק צו ווערק ווערט זעצער געטריבען צו מיסטיק, צו דער פאַרטיפונג פון זיין אייגענעם אינערלאכען מהות, וועלכע שאפט בריקען צווישען וועלטען און אידעען, פאראייניגט די זעהבארע מיט דער „אומזעהבארער" ווירקלאכקייט אין איין קייט פון געשלאָסענע דערשיינונגען, אונטערגעוואָרפענע צו העכערע געזעצען.

„מיסטישע עמפינדונג, פאר זעצער׳ן, הייסט הערען דעם רוישען פון די קוואליעס אין דעם גרויסען טיפען אומזעהבארען תהום, וואו די אלע טייכען פון די פארשיידענסטע לעבענס־פענאָמענען פאלען אריין, פיהלען דאָס צונויפגיסען זיך פון די פארשידענסטע דערשיינונגען אין איין גרויסען שטראָם — פון יענער זייט פון דער רעאלער וועלט".

אין איינע פון זיינע לעצטע עסייען וועגען תוך און תמצית פון מיסטיק שטעלט ער פאַר דעם גאנצען דראמאַטישען דראַנג צו מיסטיק, וואָס דער מיסטיקער לעבט איבער, די אינערלאכע ראַנגלענישען צווי־שען דער אביעקטיווער וועלט פון דערשיינונגען, צווישען דעם ריין ראַציאָנאלען און דעם מיסטישען עלעמענט.

דערביי איז ביי איהם די מיסטיק ניט איראַציאָנאל נאָר פאר זיך א ראַציאָנאַליזם פון אן אנדער קאטעגאָריע, פאראייניגט און אײנגע־שלאָסען אין „שכל העליון", וואָס איז שולט אי אויף דער ראַציאָ־נאַלער אי אויף דער מיסטישער קאַטעגאָריע פון דערשיינונגען.

אונטער די אומשטענדען, אונטער וועלכע זעצער׳ן קומט אויס צו שאַפען אויף דעם פאן פון דער אידישער ליטעראַטור און קולטור, איז עס א העלדישער טהאַט צו ארויסברייגגען יעדען בוך, יעדען ווערק, וואָס ער האָט פארעפענטלאכט, אפילו יעדער עסיי.

עס איז א גייסטיגער הערָאיזם צו באַרייכערען די אידישע קול־טור מיט אזעלכע אומשעצבארע ווערטען אין דער צייט, ווען די אידישע ווירקלאכקייט איזאָלירט זיך פון איהם און פארלאָזט כמעט אלעס אונטער זיך.

ראובן ברײנין

צום גליק פון דער פֿאַרוועלטלאכונג פון דער העברעאישער ליטע־ראַטור, איהר אויפשטײג און איהרע נײערע דערגרײכונגען האָט די דערשײנונג און אנטוויקלונג פון אַזאַ שעפערישע פערזענלאכקײט ווי — ברײנין געדינט.

עס איז הויפטזעכלאך געוועזן דער גליק פון דער העברעאישער ליטעראטור, וועלכע האָט געגאָסען אין א פולער מאָס יענע גלענ־צענדע ראַפינירטקײט און די שפע רײכקײט פון די אָריגינעלסטע און באדײטענדסטע אײראָפעאישע גײסטער, פון די טרעגער און שע־פער פון מענשלאכער קולטור אין איהר ראַפינירטעסטער פאָרם און אויסדרוק, פאר וועלכע אויך די אידישע ליטעראַטור האָט געפונען ענדלאך אן אָפּקלאַנג און האָט די העברעאישע ליטעראטור איבער־געשטיגען. עס איז כמעט באַנאַל הײנט צו טאָג צו רײדען פון ברײ־נינ׳ען אלס דעם, וועלכער האָט אריינגעבראכט דעם מערב, דעם עכטען אײראָפעאישען גײסט, צו אונז אין דעם מזרח, אין אונזער ליטעראַרישען שאפען.

דער פאקט איז, אז די לײכטקײט און עלעגאנץ פון אלעס, וואָס איז ארויס פון ברײנינ׳ס פען, זײן אײנפּאַכער אײגענארטיגער סטיל, אפילו, האָט אריינגעבראכט דעם טאָן און רײץ, דעם געווירץ און אַראָמאַט פון דער פולער רײפקײט און אויסגעצײטיגטער מערב־אײראָפּעאישער קולטור אין דער ספערע פון דער דאמלאָסדיגער השכלה׳שער בטלנות און אָפּגעלאָזענקײט, אין דעם סקעפּטיציזם און לצנות פון „חכמי הליזשאנקא״ מיט דער אומבאהאָלפענקײט פון יעדען ליטעראַרישען פארזוך אויף וואָס פאר א געביט עס זאָל ניט זײן.

„פאר דער גאַנצער צײט, וואָס מיר זײנען אָפּגעשפּאַרט אין ענגען תחום, זײנען מיר געוואָרען טרוקענע מענשען, בעלי־חשבון, אָהן דעם גײסטיגען פרוכטבארען כח, די קוואלען פון לעבען און שאַפען זײנען פאַרשפּארט געוואָרען בײ אונז, ווי שאָטען בלאנקען מיר אום אין עולם התהו. איצט, ווען עס איז געבאָרען געווארען דער ווילען

צו ווירקען און שאַפען נייע ווערטען אין לעבען — איצטער וועט די קונסט אונז זיין ווי אן דערלייזונג, ווי דער טוי פון ווידערלעבונג״.

מיט אזעלכע געדאנקען טראַגט זיך ארום דער יונגער בריינין פון דעם פריצייטיגען פעריאָד פון זיין רייכער און קלאָריפולער ליטעראַרישער קאַריערע.

„דער געדאנק, באאיינפלוסט און ווירקט נאָר אויף דעם מח, נאָר אויף א קליינעם טייל פון דעם מענשען. ניט אזוי דער געפיהל, וועלכער וועקט און רעגט אויף דעם גאַנצען מענשען, זיין גאנצען וועזען און אינערלאכען מהות. די צוקונפטיגע אידישע קונסט וועט אונז פארשטעלען ניט נאָר דעם גוף אין דעם מענשען, נאָר אויך זיינע באוועגונגען... די אידישע קונסט וועט זיין א סימבאָל און אינטערפרעטאציע פאַר דער זעעלישער מעכאַניק, וועט פאַרשטאַרקען אין דער וועלט די הערשאפט פון גייסט און וועט ווירקען אויף דעם לעבען זעלבסט צו דערהויבען און לייטערען עס״...

אזעלכע אויסרופען און דעקלאַראַציעס הערט מען ביים יונגען בריינינען, וועלכער האָט אליין, באַזיצענדיג די קינסטלערישע נאַטור, זיך פאַרמאָסטען צו שרייבען בעלעטריסטיש, ניט דערגרייכענדיג אין זיינע פּרובען די הויכע מדרגה פון קונסט, וואָס וואָלט איהם אליין באַפרידיגט.

די עמפינדלאכקייט פאר שעהנקייט און פאָלקאָמענהייט אין דער עסטעטישער פאָרם איז איהם אָבער א היבש ביסעל צונוץ געקומען אין דער אויסגעצייכענטער פאָרם פון דער עסעי, וועלכע ער האָט אַדאָפּטירט אין זיינע מאָנאָגראַפיעס, אין זיינע ליטעראַרישע איבערבליקען און אימפּרעסיאָנען.

כאָטש אזוי פיל אָנגעהויכט מיט עסטעטיק, איז ביי איהם „קונסט לשם קונסט״ א פרעמדער באגריף פאר דער אידישער אָריגינעלער ליטעראַטור.

„קונסט צוליב קונסט איז געצענדינעריי. די אידישע קונסט האָט אין זיך גאָטעס דינסט, דעם קולט פון גאָט פון אמת און גערעכטיגקייט״.

״...נאָרדוי אין זיינע אינזיכטען איבער קונסט, שרייבט בריינין, אין זיינע פאָדערונגען פון דער ליטעראַטור, איז אן עכטער און רעכטער איד. ער שטעלט די עטיק, די מאָראָל העכער ווי עסטעטיק די שעהנקייט. ער זוכט דעם תכלית, די נוצען פון דעם לעבען, די

קונסט צוליב קונסט איז ביי איהם דברים בטלים, א ברכה לבטלה, אבוואל נאַרדוי איז א געפיהלס־מענש, א מענש מיט א וואָרים הארץ, מיט א רייכער נשמה, א מענש מיט שטארקע שארפע נייגונגען און אפנייגונגען, דאָך איז די לאָגיק די מלכה פון זיין זעעלען לעבען; דער געזונטער שכל איז דער קעניג אין זיין גלענצענדען אינטעלעקט".

דער שעפערישער גייסט פון ברייניך האָט זיך ארויסגעצייגט אין זיין פרישער באגייסטערונג, אין די פרייע און פרישע באנייטע אויפקלערונגען, מאָטיוון און אויסרופען.

יעדער וואָס רעדט אמת, דער וואָס בייזערט זיך און שטראפט, דער וואָס הויבט א האק אויף אָפגעטער, וואָס דערהויבט דעם מענש־לאכען גייסט... דער וואָס לערענט זיינע מיטמענשען וויסען און פאַרשטאַנד, דער וואָס רעגט אויף און סטימולירט די געפיהלען אין די פארקעלטערטע הערצער פון מענשען, דער וואָס זעהט, וויזואלי־זירט איז שוין א נביא, איז שוין איינער פון די אָנזאָגער, אז דער גרויסער נביא, אויף וועמען מען האָפט און וואַרט, וועט זיכער קו־מען... (הנביאים עוד לא מתו).

דערפאר איז, למשל, די קריטיק פון געאָרג בראנדעס אין בריי־ניכ'ס אויגען א באזונדערע זעלבסטשטענדיגע קונסט, א שעהנע און לעבעדיגע קונסט, וואו די שרייבער און די ביכער, די מענשען און טאַטען זיינען נאָר דער שטאָף פאר שאפען. און די אידישע שריפט־שטעלער אין די אייראָפּעאישע שפראכען זיינען שטענדיג דער אַוואַנ־גאַרד און פון די ערשטע צו דערשפירען און אקצעפטירען נייע אנט־פלעקונגען פון גייסט, צו פארטיידיגען נייע ליטעראַרישע דערשיי־נונגען, אפשר, דערפאר וואָס ביי זיי איז דא אזעלכע פאָדערונגען, וועלכע זיינען ניט קלאָר פאר זיי זעלבסט און וועלכע קיין ליטעראַ־רישער געניע קאָן ניט באַפרידיגען, און פאַלגלאך, זוכען זיי נייע געטער, נייע אנטפלעקונגען, דאָס נייע וואָרט.

עס איז נאָך קיין חידוש ניט, וואָס האָבענדיג געשעפט פון די אָריגינעלע מקורות פון מענשלאכען געניע, ווענדעט זיך ברייניך צום אורקוואַל פון אידישען שאַפען און אידישען געניע, צו דער ביבעל, און דערשפירט דאָרט דעם דאָזיגען עלעמענטארען אומאויסשעפּלאכען קוואַל פון אלמענשלאכען שאפען, אין וועלכען מען געפינט אימער נייעם און באנייטען אינהאלט, נייע אינספיראציע, פאר נייע שפראַ־צונגען פאר ווייטערען וואקסען.

„וויפיל ביכער האָב איך שוין אין מיין לעבען געלעזען און וויפיל ביכער האָבען שוין מיין נשמה באוועגט, מיין הארץ גערירט, מיין גייסט באפרוכפערט, מיינע געדאנקען רעוואָלוציאָניזירט, מיינע געפילען, געדאנקען און סימפאטיען פאראנדערשט און דאָך איז ביז היינט (און איך וויל גלויבען דאָס אויך ביז דער לעצטער מינוט אין מיין לעבען) דער תנ״ך מיין בעסטעס, שענסטעס און טיפסטעס בוך... דער תנ״ך אין מיינע אויגען איז די נשמה פון מיין נשמה, די נשמה יתירה פון מיין פאָלק. און אלע פרימאָרגען לעז איך מעהר אָדער ווייניגער דעם תנ״ך און דאָס גיט מיר גייסטיגע כחות און מוט אויף דעם גאנצען טאָג. דער תנ״ך איז אין מיינע אויגען ניט נאָר דאָס גרעסטע בוך פון דער פאַרגאַנגענהייט; דער תנ״ך איז אויך דאָס בוך פון דער צוקונפט. אויך אין דער ווייטערער צוקונפט וועלען די פילאָזאָפען, די פאָעטען און די מענער פון דער וויסענשאפט, איבערהויפט אלע גרויסע גייסטער, — וועלען זיי זיך ווענדען אלע איבער א נייעס צו דער ביבעל און וועלען געפינען אין תנ״ך פרישע, לעבעדיגע, אייביג דערקוויקענדע גייסטיגע קוואַלען. פיל דורות האָבען געטרונקען פון זיי און נאָך פיל מעהר וועלען ערשט פון זיי טרינקען״.

פונדעסטוועגען איז ברייניני׳ס עמפינדלאכע קינסטלערישע נאַטור אין א שטענדיגען געיעג נאָך פרישע און נייע אימפרעסיעס און זיין דורשט פאר איינדריקע פון די עכטע און ערשטע קוואלען פון קינסטלעריש־ליטעראַרישען שאַפען — איז קיינמאָל ניט געשטילט.

ער איז, אזוי צו זאָגען, דער גייסטיגער אוואנטיוריסט, וועלכער שוועבט און וועבט אין די היכלות פון גייסט און שאַפונג, וועלכע נעמען אן אינדיווידועלע מענשלאכע געשטאלטען. דער טיפער דראנג צו ארייַנדרינגען און דערקענען דעם מענשלאכען געניע און מענשלאכען שאפען אין אלע מעגלאכע קאפריזען אָדער פענאָמענאלע דערשיינונגען גיט איהם די גייסטיגע „וואנדערענדע״ אומרוהיגקייט און טרייב־קראַפט. זיינע צוזייטע און צושפרייטע ווערק, וועלכע זיינען געוועזן געפלאָנט פאַר א 30 בענדיגע אויסגאבע, שטעלען מיט זיך פאַר איינע פון די רייכסטע גאלערעען פון פערזענלאכקייטען און אינדיווידועלע עקזעמפליארען פון מענשלאכען מין, פאר וועלכער מיר קאָנען אפשר ניט געפינען קיין פאַרגלייך ביי קיין שום אַנדער שרייבער אָדער קינסטלער.

אָריענטירט און גערי‏כטעט אויף דעם אייגענאַרטיגען און איי־גענטימלאכען, אויף די ספּעציפישע אייגנשאפטען פון כאַראַקטער און אינדיווידועלער דערשיינונג איז ברייניז אויף א זיכערען באָדען אין דער אָנווענדונג פון זיין קריטעריום. „אויב מיר לייענען פאר א לענגערער צייט אין דער וועלט־ליטעראַטור און מיר געוואוינען זיך צו צו די קלאַסישע מוסטערען פון די געניאלע גייסטער, וועלכע ווערען געלייטערט און פּאָלירט געטנוי און מיר קערען זיך אום צו די ווערק פון סמאָלענסקי׳ן, דערפיהלען מיר יענעם געפיהל פון איינעם, וועלכער קומט פון א באַזעצט לאַנד, א קולטורעל לאַנד פון בילדונג און ציוויליזאציע אין א ווילדערניס דאָרטען, וואו די כחות פון דער נאַטור דרימלען נאָך און קיין בן־אדם האָט זיי נאָך ניט אויפגעוועקט: די אוצרות פון לאַנד זיינען פול און שעצבאר, אבער קיינער האָט זיך נאָך ניט באַנוצט מיט זיי. דער, וואָס לייענט סמאָ־לענסקי׳ס דערציילונגען מיט אויפמערקזאמקייט, קאָן זיך איבערצייגען אז דער דערציילער פארמאָגט ריזיגע כחות, באַהאַלטען טיף אין זיין נשמה, אָבער די דאָזיגע כחות זיינען ניט אנטוויקעלט, ווייל זיי האָבען איהם באהערשט און ניט ער זיי... סתם א דאקטאָר היילט די קראנק־הייט, אָבער א קלוגער דאקטאר היילט דעם חולה: א דערציילער, א בעל־מלאכה, באשרייבט די ליבע און די שנאה, אָבער א דערציילער, א קינסטלער באשרייבט דעם, וואָס ליבט אדער האסט, מחמת יעדער מענש ליבט אָדער האסט לויט זיין שטייגער און אין זיין סטיל.

ביי איטלאכען פון אונז איז אן אייגענע קדושה, א באזונדערע שעהנקייט, און א באזונדערע עטיק. אויך סמאָלענסקי איז געוועזן א סתם דערציילער, ווייל ער איז געווען א באַגאַבטער און מיט טאַלאַנט, דעריבער האָט ער אין זיינע דערציילונגען באשריבען די ליבע און ניט די פארליבטע, די זינד און ניט די זינדיגע״.

אָבער צומאָלס האַלט דער דערמאָנטער קריטעריום ניט אויס און ברייניז פאַלט דורך. למשל, אין זיין איבערזיכט איבער אַש און נאָמבערג׳ן אין 1902 שרייבט אונזער געעהרטער ברייניז:

„ביי אַש און נאָמבערג געפין איך אפילו קיין שאָטען פון פער־זענלאכקייט. דער ערשטער האָט נאָך אין געוויסער מאָס אן אויג צו זעהען דאָס אויסערלאכע לעבען. ער ווייס ווי צו מאָלען א פּאַר־ביילויפענדע דערשיינונג פון דעם מאָמענט, אבער קיין פאַרבען

האָט ער ניט, ניט קיין אייגענע און ניט קיין פרעמדע, כאָטש ער פאַר־מאָגט א נאָכאהמונגס טאַלאַנט. נאָמבערג איז אָבער טיפער און איז געניגט צו פסיכאָלאָגישען אַנאַליז. אָבער זיין פסיכאָלאָגיע איז קינ־דיש נאַאיוו. דער פאַרצוג פון נאָמבערג איבער אַש'ן איז דאָס, וואָס א דיכטערישער גייסט באַלעבט זיין טאַלאַנט און דערמיט, וואָס ער באַארבעט די העברעאישע שפּראַך, וועלכע ער האָט צוגעפּאסט אין דער צייט וואָס אַש איז א בעל־מום בנוגע דער שפּראַך".

א באזונדער באדייטונג און געוויכט לייגט ברייניו אויף דעם סטיל און דער שפּראַך פון שרייבער, וועלכע טראָגט א נאַטירלאכע אינטימע שייכות צום ספּעציפישען אייגענטימלאכען שאַפען.

„איך בין געוועזן גרייט צו רעבעלירען געגען מיין העברעאישען סטיל, איך בין גרייט צו צוברעכען די קייטען פון קנעכטשאַפט, די קייטען פון ליטעראַרישער געוואוינהייט (טראַדיציע) פון מיין גייסט און מיין פען, בכדי צו ארויסגעהן אויף דער פריי, אום צו אויס־קלייבען דעם סטיל, וועלכער געפעלט מיר, אמאָל אזוינער און אמאָל אן אנדערער. איך בין דאָך ניט געפאנגען אין דעם רשות פון מיין סטיל, ווער פון אונז שרייבער האָט דאָס רעכט צו ארויסגעבען געזע־צען פאר אנדערע, אויב זיי האָבען נאָר טאַלאַנט און קענטעניש פון דער שפּראַך אין איהר ברייט און טיף: אזוי און אזוי דאַרף מען שרייבען, אזוי און אזוי מעג מען זיך באנוצען מיט דער שפּראַך, און אזוי און אזוי איז פארבאָטען און אומגעזעצלאך. אפשר ריכטיגער, אזוי און אזוי קלער איך און טראַכט, אזוי און אזוי פיהל איך — אזוי און אזוי און ניט אויף אן אנדער אופן עמפינד איך די איינ־דריקע פון אויסען און אינערלאך, דעריבער שרייב איך אזוי און אזוי און האָב א רעכט אזוי צו שרייבען". (על הסגנון).

א גרויסער מקפּיד אויף דער אויסערלאכקייט און קלאָרקייט, איינפאכקייט פון דער שפּראַך האָט ברייניו געשריבען זיין באוואוסטען „אָפענעם בריף צום פּאָעט י. ל. פּרץ", אין וועלכען ער איז אפילו פּרצ'ן ניט נושא פנים. און דאָך דריקט ער זיך אויס, אז א שרייבער, וועלכען מען קאָן ניט דערקענען אפילו אָן א אונטערשריפט לויט א צאָל שורות פון זיין פען, איז ניט ווערט צו טראָגען דעם נאָמען שריי־בער.

* * *

ראובן ברייני̇ן פאַרדינט אונזער ספּעציעלע אכטונג און פאַר־עהרונג צוליב דעם, וואָס ער איז כמעט איינער פון די לעצטע מאהי־קאנער, איינער פון די לעצטע פון דער פּלעיאדע, וועלכע האָבען מיט זיך און אין זייער שאַפען פאראייניגט די אידישע און העברעאישע ליטעראַטור, וועלכע סימבאָליזירען די גאַנצקייט פון אונזער גייסטיגער ירושה, פון אונזער קולטור און פון אונזער שאַפען.

אין יענעם פעריאָד, פאר וועלכען בעל־מחשבות האָט געפונען זיין טרעפלאכע פאָרמול: „צוויי שפּראַכען — איין ליטעראַטור", האָט כמעט יעדער העברעאישער שרייבער אָנגעהאלטען די טראַדיציע פון מענדעלי מו״ס צו שרייבען אויך אידיש און צו מאכען פיהלען מיט אַקטיווען אנטיילביידע ליטעראטורען ווי לייבלאכע שוועסטער. „דעם אמת געזאָגט בין איך קיין גרויסער למדן אין זשארגאָנישער ליטעראטור. איך זאָג דאָס און שעהם זיך דערמיט, ווייל איך רעכען, דאָס יעדער העברעאישער שריפטשטעלער, יעדער פריינט פון אונזער המון איז עס מחויב צו וויסען און צו לעזען אלעס, וואָס עס ווערט פאַר אונזער פאָלק געשריבען אין זיין גלות שפּראך", אזוי שרייבט ברייני̇ן פריצייטיג וועגען אידיש. אין זיין געוויסען ארטיקעל וועגען מאָריס ראָזענפעלד דריקט ער אויס פאָלגענדעס:

„...ווי שטארק האָב איך זיך געשעמט, ווען זאנגוויל, דער גרויסער דערציילער פון אידישען לעבען אין דער ענגלישער שפּראך, האָט מיך מיט א פאָר יאָהר צוריק אויפמערקזאם געמאכט אויף מאריס ראָזענפעלד און איך האָב ניט געוואוסט ווער ער איז" (שריפּ־טען 1916).

ברייני̇ן'ס באציאונג צו אידיש איז א קאַפּיטעל פאר זיך, וועלכער נויטיגט זיך נאָך אין אויפקלערונג און באלייכטונג, אבער יעדענפאלס ווערט וואָס וויטער קלאָרער אז ער ווערט א היימישער, א תושב ביי אונז. פריער אפשר פאַרזיכטיגער און ענדלאך זיכער און פעסט אנטשלאָסען, ווען ער צושטערט אליין יעדע מחיצה צווישען העברע־איש און אידיש.

„איך ווענדע זיך צו דער אינגסטער אידישער ליטעראַטור, אונזער אינגסטער אידישער שאַפונג, און זאָג אָהן קונצען דאָס, וואָס איך דענק און פיהל: דו שעהנע פריילין, דו חנוו'דיגע אידישע טאָכטער: איך וויל דיך ליב האָבען, איך וויל זיך אין דיר זאָגאר פארליבען, אָבער זיי מיר מוחל פאר אן אמת; דיר פעלט די עכטע אידישע

צניעות, דו פאַרדרייסט מיר צופיל דיין קעפּל, דו ווערסט צופיל נתפּעל, ווען א גוי גיט דיר א קניפּ אין בעקל... און צווישען אונז רעדענדיג ביזטו צו נערוועז, דו ווערסט גלייך אויפגעבראכט, ווען מען זאָגט דיר, דאָס דיין עלטערע שוועסטער, מאדאם העברעאישע ליטעראטור, איז שעהן, האָט מעלות און דו קאָנסט פון איהר וואָס לערנען. איהר זייט דאָך שוועסטער פון איין מוטער און אויף דעם שויס פון דער עלטערער שוועסטער ביזטו דאָך אויפגעפּאָדעוועט געװאָרען. אפשר ניט? איך וועל דיר קיין מוסר ניט זאָגען... איך האָב דיר נאָר געוואָלט זאָגען: מערק זיך דעם אלטען אויסשפּרוך: בעסער א ביס פון א פריינט אלס א קוש פון א פיינט".

כאָטש ברייניב׳ס באציהונגען צו זיין פאָריגער עפּאָכע און זיינע פאָריגע ווערק האָט זיך ראַדיקאַל געביטען, כאָטש ער אליין קומט איצט ארויס אין זיין הקדמה צו דער 1930 אויסגאַבע מיט כמעט פארלייקענונג און אָפּקערונג פון זיין פאָריגער ליטערארישער און געזעלשאפטליכער טעטיגקייט, איז ער אָבער פאַר דער ליטעראטור די פארקערפּערונג פון זיין דור און זיין צייט, ווארים קיין נייע עפּאָכע־מאכענדע ווערק איז שוין ניט צו דערווארטען פון אונזער אזוי אויך פאַרדינסטפולען און אומפארגעסלאכען גרייז־גרויען וועטעראַן פון אידישען שאַפען.

זיינע אויפטואונגען און דערגרייכונגען זיינען אבסארבירט געוואָרען אין דער ליטעראטור סיי אויף אידיש סיי אויף העברעאיש און זיינען געווארען אונזער אלעמענס אייגענטום.

און אויב אונזער ליטעראטור האָט דערגרייכט נייע הויכען אויף דער מדרגה פון וועלטלאכער באדייטונג האָבען מיר עס איהם צו פאַרדאַנקען.

ער אליין זאָגט: „איך ברייננ ניט אריין קיין שום ענדערונג אין דעם אינהאַלט פון מיינע פאָריגע ארטיקלען אפילו אין יענע, אין וועלכע איך האָב ארויסגעזאָגט מיינונגען און געדאנקען, צו וועלכע איך בין א געגנער מיט מיין גאנצען הארצען, אדער אין וועלכע איך האָב נעגירט אלעס, צו וועלכען איך האָב א פאָזיטיווע שטעלונג גענומען".

עס איז כדאי זיך אָפּשטעלען דארויף, וואָס ברייניין, וועלכער האָט אריינגעבראכט אייגענטלאך די ביאָגראפיע אין אונזער ליטערא־

טור, האָט ניט געפונען פאר נויטיג צו געבען אונז זיין אויטאָביאָגראַ־פיע, די מעמוארען פון אַזאַ גלאַרייכער און פארבענרייכער לאנג־יאָהריגער ליטעראַרישער קאַריערע.

צו דער געלעגענהייט פון א פאַריגען יובילעאום אויסגאבע פון זיינע ווערק שרייבט ברייני: „שרייבען מיין ביאָגראפיע? דאָס הייסט צו איבערקייען מיין לעבען ביז איצט, צו ארויסברייגען פון דער פאר־גאַנגענהיים און אויפוועקען טויטע פון די קברים — ווען מיינע אויגען זיינען געווענדעט צו די קומענדע טעג, צום נייעם לעבען, אין וועלכען עס זאָל ניט זיין קיין קנעכטשאפט און קיין גלות, צום לעבען פון א זון פון א פאָלק, וועלכעס זיצט אויף זיין לאַנד, אויף דעם לאַנד פון זיינע עלטערן און זיין הערשאפט און זיין קולטור איז אין זיינע אייגענע הענט"...

„צו דערצעהלען מיין ביאָגראפיע — וועל איך שוין בעסער דער־צעהלען די ביאָגראפיעס פון אנדערע... אפילו דער שרייבער האָט זיין קדשי־קדשים ביי זיך טיף אין דער נשמה און קיין פרעמדער זאָל צו זיי זיך ניט דערנענערען... זאָל איך, לעזער, דערציילען וועגען מיינע ביכער און ארטיקלען, מיינע סקיצען און איבערזיכטען און זייער געשיכטע, אבער דאָס אויסגעצייכענסטע פון מיינע ביכער איז דאָך דאָס נאָך ניט געשריבענע, דאָס בוך וואָס איך וויל ערשט שריי־בען." (אין דער הקדמה צו זיינע ווערק 1917).

אפילו איצט, צו דער טיפער עלטער, האַלט זיך אָפּ אונזער פאַר־ערטער שרייבער צו פובליקירען מעמוארען און פאַרשפרעכט אונז אנשטאָט דעם זיינע טאגע־ביכער.

ל. שאַפּירא

אַ באַזונדער פּלאַץ פאַרנעמט אין דער אידישער ליטעראַטור די שאַפונג פון דעם דאַזיגען אייגענאַרטיגען און אָריגינעלען קינסטלער און דיכטער.

לויט דעם גאַנצען עצם און מהות פון זיין שאַפען, איז ער דער אינדיווידואַליסטישער קינסטלער Par excellence אין אונזער ליטעראַטור.

מיר געפינען ניט כמעט קיין שפּורען און צייכענס פון שטופּענווייזער אויסבילדונג און אויפשטעלונג פון דעם דיכטער אין דעם אָנהויב פון זיין אַנטוויקלונגסגאַנג, וואָרים ל. שאַפּירא דערשיינט פאַר אונז פון אָנפאַנג אָן כמעט מיט דער גאַנצער השלמה פון א רייפען און קאָנצענטרירטען קינסטלער.

נאָכפאָלגענדיג אָבער דעם כאַראַקטער פון זיין שאַפען און די הויפּט־שטריכען פון זיינע קינסטלערישע אויסדרוקס־מיטלען, ווערט אונז קלאָר, פאַר וואָס ער דערשיינט אלס פאַלקאָמער שעפערישער טאַלאַנט פון דעם כמעט סאַמע אָנפאַנג פון זיין ליטעראַרישער קאַריערע.

וואָרים אלס אינטעלעקטועלער און רעפלעקסיווער קינסטלער האָט דער דיכטער געזוכט „די געדיכטע שטילקייט״, ווען „די נאַכט האָט געלאָשען אונטער זיך איינעם נאָך דעם צווייטען די שאַרפע קלאַנגען ביז איבער דער ערד און דורך דער לופט איז געגאַנגען בלויז א שאָרך, א פּליסטער, א זיפץ, שוואַך ווי אַן אָטעם — און דאָס איז די שטילקייט״.

אין דעם דאַזיגען צמצום און קאָנצענטרירטקייט, אין דער דאָזיגער איזאָלירונג און אָפּגעשלאָסענקייט איז איהם געלונגען צו אָפּהיטען און אויפנעמען די פונקען פון קינסטלערישע וויזיאָנען, צו געפינען זיך זעלבסט.

ער גיט זיך איבער דעם אויפוואַכענדען קרעאַטיווען פּאַטאָס און דערשפּירט די אינטימע פאַרבינדונגען פון זיין קינסטלערישען איך

מיט זיין קינסטלערישען שאַפען, דעם דאָזיגען אייגענאַרטיגען ליריזם, וואָס כאַראַקטעריזירט אזוי דעם דערצעהלער און נאָוועליסט.

דאָס איז, וואַרשיינלאך, דער וויכטיגסטער מאָמענט, אין וועלכען די קונסט האָט איהם באַשאָנקען מיט די אָדלער־פליגלען צו פאַרפליען אין די העכערע רעגיאָנען פון שאַפען, וואו דיכטונג און דענקונג באַהעפטען זיך, — ווען דאָס פאָעטישעס נאָכדענקען און נאָכטראַכ־טען קאָן פאַרוואַנדעלט ווערען אין אקטיווען שעפערישען כח און קאָן אָננעמען קאָנקרעטע פאָרמען פון אויסדרוק.

ער דרינגט אריין אין „א וועלט צווישען אומצעהליגע באַגילדעטע עפּעסען און האַסטיגען געדראַנג און צווישען בלאַסען דורכזיכטיגען גאַרנישט”.

זעהר אָפט און כאַראַקטעריסטיש איז ביי איהם די דאָזיגע באַ־שרייבונג פון שטילקייט מיט איהרע שעפערישע וואַריאַציעס. „זעהר שטיל און, ווי מינוטען, א פּאָר שטונדען — אָדער יאָהרען, געהען דורך פאַרביי, ווערט די שטילקייט טיפער, געדיכטער, שטייפער ביז זי הויבט אָן צו ציטערען ווי א געשפּאַנטע סטרונע און פּלאַצט ארויס אין איינציגען דריבנעם מעטאַלענעם קלאַנג, וואָס שטעכט דורך דעם גאַנצען חלל ביז די ווייטע ווינקלען”...

דאָס איז די שטילקייט פון דעם דיכטערס זיך איינהערען אין זיך זעלבסט, פון זיין גאנצער שעפערישער קאָנצענטרירטקייט, די שטילקייט, וואָס ער כשופ׳ט ארויס פון זיין פאַנטאַזיע און געפינט דעם קינסטלערישען תיקון פאר זיין אינטעלעקטועלען רעפלעקס.

עס פּראַלט ארויס די קינסטלערישע ענערגיע, וועלכע באַקליידט זיך אין וויזיאָנען און בילדער, וואָס פאַרקערפּערען דעם קינסטלע־רישען דראַנג.

עס פייערט די קינסטלערישע עמאַנציפּאַציע און באפרייאונג אין דעם לירישען טאָן פון זיינע ווערק און רעגט און רייצט מיט זיין סטיל, מיט דער דרינגענדער שאַרפקייט און געשליפענקייט פון זיין שפּראַך.

ער, דער אינטעלעקטואַל, דער נאָכטראַכטער און מעדיטאַטאָר פון די „ים בילדער”, ווערט דער ראָמאַנטיקער פון קונסט, וואָס לעבט אין איין דימענזיאָן, שוועבט אין דער הויך אָדער, וואָס איז עקוויוואלענט צו דעם, דרינגט אריין אין דער טיף.

דאָס טיף אריינדרינגענדע אויג פון קינסטלער ווערט אזוי העל־זעהעריש, שאַרף און בליציג צו דערשפּירען און אַנאַליזירען דאָס פּרימיטיווע, אורשפּרינגלאכע, די סאמע עלעמענטען פון דער שטיל־קייט, וואָס ער רופט ארויס מיט א מאַנישען צייכען פון צווישען גרויסען געטומעל און גערודער פון לעבען אדער די שטילקייט נאָך דער ברויזיגער און קאָכיגער קאַטאַסטראָפע, ווען „עס האָט אויס־געזעהען, ווי די וועלט קערט זיך אום צוריק צום תהו ובהו, פון וועלכען זי איז אנטשטאַנען, פון וועלכען זי איז אזוי ווייניג ווייט אוועקגעגאנגען״ . . .

צוזאמען מיט דעם אויטאָר לאָזען מיר זיך ארויס אויף אן עקס־פּעדיציע צו די אורקוואַלען פון לעבען, וואו דער קינסטלער זוכט אויס די געבראָכענע ליניעס, דעם זיג־זאַג, די גאַנצע אייגענאַרטיגע און אייגענפאַרביגע פאַרווירונג פון אן אייגען ווילען און וויסען צו שאַפען.

שאַפּיראָ, דער באַוואוסטזיניגער קינסטלער, אָדער זיין קינסט־לערישער באַוואוסטזיין, האָט אפשר דערשפירט און דערקענט אין זיך די הויפּט שעפערישע עלעמענטען פון די יחידי סגולה, פון די אויסדערוויילטע קרעאַטיווע גייסטער, שעפער און מיטשעפער אין מעשי בראשית אין דעם לעבען פון א פאָלק, אין זיין היסטאָרישען גורל און זיין געשיכטלאכער געשטאַלטונג און פאָרמירונג — און האָט אפשר געוואָלט און געזאָלט זיין יענע קינסטלערישע „ראַקעטע״ פון אן אַנגעלאָדענעם פאָעטישען גייסט, וואָס כאַראַקטעריזירט אזוי זיין ליבלינגס־העלד אין זיינע דערציילונגען.

איז דאָך טיף פאַראַנקערט דעם דיכטערס גייסט אין דעם פאָלקס גייסט, אין די רייכע אוצרות פון דער אידישער קולטור.

מעגלאך, מיט זיינע קינסטלערישע וויזיאָנען וואָלט ער געקאָנט אויפהויבען און אויפדעקען דעם פאַרהאַנג און אריינקוקען אינ׳ם בית מלאכת מחשבת און גייסטיגער לאַבאָראַטאָריע, אריינדרינגען אין טיפע אָפּגרונטען פון דער פאָלקס־נשמה, פון אַזאַ רעזעלהאַפט און געשיכטלאך אומפאַרשטענדלאך פאָלק, ווי דאָס אידישע פאָלק.

איז אָבער דאָ א טראַגישע סתירה אין דעם צוזאַמענשטעל פון די עלעמענטען פון זיין שאַפען און נייער אינערלאכער אָרגאַנישער קאָמבינירונג און צוזאַמענהאַנג, א קאָנפליקט, וואָס עס מאכט שאַ־

פּיראָ'ס שאַפן דערוויל ביז איצט, אלס דעם סימבאָל פון דער טראַגיק פון דער אידישער קונסט און ליטעראַטור בכלל.

אלס אינדיווידועלער קינסטלער, איז איהם אויף א העכסטען אופן געלונגען צו דורכמאַכען זיין דיפערענצירונג און אויסטיילונג, צו איינשפּאַנען דעם הויכען אינטעלעקט אין זיינע פּאַטעטישע וויזיאָנען, און אזוי ארום דורכגעהן דעם ציקל פון זעלבסטשטענדיגען און אָרי־גינעלען קינסטלערישען שאַפען.

ער דערגרייכט יענעם קינסטלערישען באַלאַנס און אינערלאכע האַרמאָניע, אז ער זעהט ווי „שעהן האָט געברענט דאָס פייער אויף דעם גרויסען מזבח: די געשרייען פון די קרבנות לאַנגע, געצויגענע, ענדלאָזע — זיינען געוועזן זיס אין די אויערען פון א גאָט, אזוי אייביג, ווי דער אייביגער גאָט, און די צאַרטע טיילען, שענקעל און ברוסט, האָט געקראָגען דער כהן".

עס צייגען זיך ניט ארויס קיין סמנים פון אינערלאכען קאַמף אָדער פון א גאַנצע רייע קאָנפליקטען, וועלכע האָבען זיכער געדארפט זיך אנטוויקלען אין זיין שאַפען.

מען קאָן עס אָבער זעהען פון דער פּאַרביטערטקייט, שאַרפקייט און צערייצטקייט, מיט וועלכע עס זיינען אָנגערעגט אינטעלעקטועל זיינע בעסערע און פאָלקאָמענערע דערציילונגען.

ער מאַכט דערפאָלגרייכע פּרואוּוען אויף דעם רעאליסטישען און פאָלקסטימלאכען שטייגער. אבער, אויך דאָ, קומט דער אינטעלעקט און פאַרוואַנדעלט זיי אין א רעפלעקס פון דעם יחיד מיט זיין אָפּגעַ־ריסענקייט פון דעם גרויסען כלל אָדער פון זיין שוואַכער אָנגעהע־ריגקייט צום קאָלעקטיוו, מיט דער גאַנצער דראַמאַטישער געשפּאַנט־קייט פון דער אינדיווידואליסטישער צוטיילונג און צושפּליטערונג.

„דער נס", „שטאַרקער", „געגעסענע טעג", „די טויטע שטאָדט", „די אידישע מלוכה", „מיט'ן רויך" א. א. וו. קאָנען אילוסטרירען די דאָזיגע טענדענצען און אונטערשטרייכען דעם דאָזיגען שטריך פון שאַפּיראָ'ס שאַפען.

האָבענדיג דורכגעמאַכט דעם אָפּגעשלאָסענעם קרייז פון אָריגינע־לער קינסטלערישער דערגרייכונג, ווערט דער דיכטער אייפערזיכטיג אויף זיין אייגענאַרט, אויף זיין אייגענער השלמה און גאַנצקייט — און דערשטיקט יעדען פאָלקס אָפּרוף אין זיך, יעדע דערקענונג און

דערוואַכונג אין איהם פון דעם גרויסען כלל און דעם גרויסען אָפּשטאַם, צו וועלכען ער געהערט.

אפילו אין דעם עפּישען טאָן פון זיין דערציילען איבער דעם עלטערען און בארוהיגטען דור, וועלכער זעהט שוין אלץ דורך רויך און נעבעל און צו דער זעלבער צייט געלייטערט און קלאָר, איז דאָ צופּיל באַוואוסטזיין און רעפלעקס, צופיל אייגענאַרטיגקייט פון די איינצעלנע מיטגלידער.

עס טיילען זיך אויס בולט'ע פיגורען פון דער ארומיגער סביבה, וואָס זיינען צופיל אָפּגעריסען פון דעם איינהייטלאכען כלל, און וועלכע וואָלטען מיט א טיפערע און אינטימערע פאַרבינדונג מיט'ן פאָלקס שעפערישען גייסט געקאָנט דערשפּירען דעם כלל, אלס דאָס „טייג" אין זייערע הענט, אום צו אויסקנעטען פון דעם די פורעמס און געשטאלטען, אום צו מאָדעלירען דעם גאנצען וועזען און גע־שטעל פון דער אומה, לויט זייער אייגענעם שאַפונגס דראַנג.

דעם גרויסען פאַרנעם פון דעם „אָדלער־איד" פון דעם פאַר־גאַנגענעם דור האָט שאַפּיראָ ניט געקענט אויסשפּינען און אויספאַנ־טאַזירען, איבערדיכטען, מחמת דער פאָדעם פון קונסט רייסט זיך איבער ביי איהם און פאַרלירט זיך אין די דאָזיגע „פאַרהיסטאָרישע" צייטען.

דער הויפּט העלד אָבער פון זיינע דערציילונגען, דער נייערער איד, וואָס כאַראַקטעריזירט שאַפּיראָ'ן אלס קינסטלער מיט דער גאַנ־צער בולטקייט פון זיין אינדיווידועלען שאַפען, איז דאָך דער „צלם־מאָן".

דאָס איז דער איינצעלנער איד, דער אָפּגעטיילטער יחיד, וואָס האָט גראדע אין א נאַציאָנאַלען ברוך און קאַטאַסטראָפע זיך זעלבסט געפונען.

ער האָט דערהערט דעם נאַטירלאכען רוף פון אָפּשטאַמונג — און, כאָטש אויף א פּרלמיטיווען אופן, געהאט דעם מוט אויף אן איינציגען מאָמענט זיך צונויפגיסען אינסטינקטיוו מיט'ן כלל דורך געוואלדטאַט און אזוי ארום געפינען זיין תיקון.

אין אנדערע פאַלען דערגעהט עס ניט אפילו צו אינסטינקטיוו אוממיטעלבארע פאַרבינדונגען מיט דעם פאָלק, שוין אָפּגערעדט פון סינטעטישען צונויפוואוקס און אינטימער באַהעפטונג, וואָרים דער דענקונגס־אַפּאַראַט כאַפּט עס אויף און שפּיגעלט עס אָפּ אויף זיין שטייגער.

דער אינטעלעקט פון דעם דיכטער שטעהט אויף דער וואַך אין דעם הינטערגרונד פון זיין שאַפען און באַווייזט זיך מיט דעם בטול׳דיגען טאָן פון דעם שעפער, וואָס שטעהט אויף די אָלימפּישע הויכען און פאַרווײַלט זיך מיט די אומגעלומפּערטע אבסורדע נאַריש־קייטען פון דערווירקלאַכקייט.

פון די ווייטע פּערספּעקטיווען זעהט ער:

„אלץ וואָס לעבט איז א שפּיל, א שפּילעכעל אין די הענט פון א גאָט, — א לץ, א גאָט, א מעפּיסטאָ.

„ער שפּילט זיך מיט ליים און מאַכט מענעלאך, ווייבעלאך, א קאַץ, א לבנה, א האָן.

א גאָט אין א מיצעל, א מיצעל מיט גלעקלאך כאַ־כאַ האָט באַ־שאַפען די וועלט״.

אָבער מיט דעם אויפשטעלען און אויפבילדען אין זיך דעם אינדיווידועלען און אייגענאַרטיגען קינסטלער, מיט דעם קאָנצענט־רירען און פאַרנאַרען דעם אינטעלעקט אין די נעצען פון דיכטונג, האָט דער דיכטער און קינסטלער דאָך ניט באַזיגט די אינטעלעק־טועלע צושטערענדע קראַפט אין זיין שאַפען.

אין דעם אבסטראַקטען „בלאַסען דורכזיכטיגען גאַרניט״ האָט ער פאַרלאָרען פון אויג דאָס פשוטסטע און איינפאַכסטע, ווייל די העכסטע איינהייט און גאַנצקייט, דאָס עלעמענטאַרע פאָלקס־וועזען און פאָלקס־שאַפען און צוזאַמען דערמיט אפשר אויך פארלאָרען די מעגלאַכקייט דורכמאַכען דעם העכערען אמת־פּראָדוקטיווען סינטעטישען ציקל פון שאַפען.

דאָס איז יענע באַרייכערונג און באַפרוכטונג פון יעדען אמת גרויסען פּאָעט מיט וויזיאָנען פון פאָלקס־שאַפען און פאָלקס־לעבען, די העכערע קינסטלערישע השלמה און זעלבסט־דערקענונג, מחמת דעם צונויפגיסען זיך און אידענטיפיצירען זיך מיט דער פאָלקס־נשמה, אָהן וועלכען די קונסט שאַפט נאָר בלומען, וועלכע פאַר־וועלקען שנעל איידער זיי ברייגגען ארויס די קערענדיגע פּרוכט, וואָס בלייבט אלס קרן קימת אין דער ליטעראַטור און לעבען פון פאָלק.*

---

*) זעה וועגען זעלביגען ענין די עסיי „דאָס אינדיווידועלע שאַפען״.

אַט דערפאַר איז, אָפּגעזונדערט פון אויסערלאַכע אומשטענדען, שאַפּיראָ׳ס שאַפען אפשר ניט עקספּאַנסיוו און ניט פּראָדוקטיוו, איינגעשרומפּען, אזוי טראַגיש איין זיין אָהנמאַכט.

וואָרים, לויט אלע אָנדייטונגען און אָנווייזונגען פון קינסטלערישען טאַלאַנט, וואָלט אונזער דיכטער געקאָנט ווערען יענע עכאָ און אָפּקלאַנג פון דעם שאַרפסטען אויסדרוק פון מאָראַלישען באַנקראָט פון א מורא׳דיג נישטיגער קולטור, ווי די קריסטלאַכע קולטור, וואָס באַדייט די אָפּגעלאָזענקייט און פאַרוואָהרלאָזקייט פון די פאַרטעמפּטע מאַסען מיט דער גאַנצער אויבערהאַנט פון די פאַרשעהמטע אָדער אומפאַרשעהמטע יחידים.

ער וואָלט געקאָנט ווערען יענע שטים, וואָס איז אזוי נויטיג אין דעם דאָזיגען כאַאָטישען תהו ובהו פון אידעען און אידעאַלען פון דער פול סתירות׳דיגערווירקלאַכקייט; ברייגגען דאָס דערמאָנונגס וואָרט און דעם וואָרנונגס צייכען און פאָרמולירען דעם ווידערשטאַנד געגען דעם „גייסט פון דער צייט". ער וואָלט געקאָנט אויסדריקען יענע שטורמישע קינסטלערישע אַטאַקע, וועלכע וואָלט מאָראַליש צושמעטערט דאָס קריסטענטום און וואָלט געצוואונגען קאַפּיטולירען מאָראַליש פאַר׳ן אידענטום.

אומזיסט אָבער וועלען מיר זוכען אין זיין „פּאָגראָם־קונסט" דעם מאָדערנעם מעכטיגען וועלט־צושמעטערענדען צאָרן־געשריי פון א גאַנץ פאָלק, די קינסטלערישע פאָרמירונג פון דעם פאָלקס־געוואַלדיגען שמערץ און הילכיגען וועהטאָג פון פּיין, וואָס מען האָט עס פאַרפייניגט מיט א רוהיגען געוויסען פאַר גאַנצע 18 הונדערט יאָהר — יענע מאָראַלישע נקמה, וואָס וועקט אויף דעם באַוואוסטזיין פון שאַנד און חרפה און צינדט אָן דאָס געפיהל פון טיפער חרטה.

אנשטאָט דעם אלעם הערען מיר: „וואָס וויים די נאַטור, דער וועלטאַל פון שמוץ און שאַנד?" און מיר זעהן עס פאַרקערפּערט אין די קינסטלערישע וויזיאָנען.

דאָס איז דערוויל די טראַגיק פון אונזער נייערער ליטעראַטור, וועלכע האָט פאַר זיך אזעלכע רייכע אוצרות פון רויהען שטאָף און מאַטעריאַל צו שאַפען און איז אָהנמעכטיג צו באַהערשען דעם חורבן, דעם תהו ובהו, דעם גאַנצען ווירבעל פון דער אידישער ווירקלאַכקייט אין דער געגענוואַרט אָדער פאַרגאַנגענהייט און איז ניט ביכולת, מיט דעם געהעריגען פאַרנעם, צו אָרגאַניזירען, אויסטיילען און אויס־

שיילען יענע שעפערישע עלעמענטען, וואָס מאַכען פון דער דיס־האַרמאָניע דאָס איינהייטלאַכע וועזען און גאַנצקייט פון א פאָלק, וואָס טראָגען אריין דעם ריטם אין זיין אָרגאַניזם.

עס פעהלט אָטעם און גרויסצוגיקייט אפילו אין די „פּאָגראָם טעמעס״ פון שאַפּיראָ׳ס שאַפען, אין וועלכע ער קומט צום בעסטען אויסדרוק אלס קינסטלער און דיכטער.

וואָרים עס פעהלען אויך דאָ פערמענטען פון פאָלקס־קאָלעקטיווער דינאַמישער באַוועגלאכקייט און העכערע סינטעטישע איינהייטס־טענדענצען פון א פאָלקס הינטערגרונד. אפילו ביאליק מיט זיין שעפערישען אויפשוואונג אויף דעם זעלביגען געביט איז גיכער דער גרויסער ביבלישער איבערדיכטער און איבערזינגער איידער דער אמת׳ער סינטעטישער פאָלקס־שעפער.

שאפּיראָ אָבער איז דער זיך זעלבסט אנטוויקלענדער און אליין אויפשטייגענדער אָריגינעלער קינסטלער, וועלכער האָט זיכער אין דעם הינזיכט פון סינטעטישען העכערען פאָלקס־שאַפען מעהר פאַרשפּראָכען, אָבער אויך, אין א גרויסער מאָס, ניט דערפילט דאָס פאַרשפּראָכענע.

ח. נ. ביאַליק

פּאָעזיע, ווי יעדער צווייג פון קונסט, פאַראייַנפאַכט רעדוצירט צו פשוטע אלגעמיינע מאָטיוון און קלאַנגען די פאַרוויקעלטע מענש־לאכע שטימונגען און רעפלעקסיאָנען.

ווען זי קומט געגוג נאָהענט צום אורשפּרינגלאכען קוואַל פון פאָלק, ווען זי פאַרקניפּט און פארשטייפט די אינטימע פארבינדונגען און צאַרטע פעדים פון דער פאָלקס־נשמה מיט דעם דיכטערס אייגענער וועלט פון געפיהלען און געדאַנקען, וואַרפט זי פון זיך אַראָפּ די גרעניצען און צוימען פון צייט און אָרט, ברענגט ארויס די אוניווער־סאַלע אלמענשלאכע אידעען און אידעאַלען און באַקומט באַדייטונג פון קלאַסישען שאַפען.

וואָרים, אריינדרינגענדיג אין דער פאָלקס־נשמה, געפינט דער דיכטער דעם צענטער פון זיין שאַפונג, וועלכער קלויבט צונויף אלע שטראַהלען פון זיין פּאָעטישער נאַטור, ווי אין א פאָקוס, קאָנצענט־רירט איהם זעלבסט און מאַכט באַדייטענד אלע זיג־זאַגען און קאַפּרי־זען פון זיין אייגענער נשמה און טראָגט אריין אינערלאכע לאָגיק און אָרגאַנישען צוזאַמענהאַנג אין זיין שאַפען.

און טרעט אריין דער פּאָעט אין דעם דאָזיגען פּאַזיס פון זיין שאַפען, ווען ער דערגרייכט דעם סינטעז מיט דעם גרויסען איינהייט־לאָכען שעפערישען כלל דורך זיין אייגענער אינדיווידואַליטעט, איז דאָס דער בעסטער באַוויז, אַז ער האָט זיך באַשטימט און איז ארויס פון כאַאָטישען צושטאַנד פון זוכעניש אויף דעם ברייטען וועג פון קלאַסישען שאַפען.

מיט זיין גאַנצער עלעמענטאַרער קראַפט ווירקט אויף אונז דענס־מאָל דעם דיכטערס שאפען און עס שמידט אונז צו און באַצויבערט דער שפּיל פון מיקראָסקאָפּישע כחות אין זיין פּאָעזיע.

און אויך די נייע העברעאישע ליטעראַטור און דיכטונג איז, ווייזט אויס, קיין אויסנאָם אין דער הינזיכט ניט געווען.

די העברעאישע ליטעראַטור, אלס עכטער פּראָדוקט פון דער „השכלה בת השמים”, האָט אין איהרע ערשטע עטאַפּען ניט נאָר איגנאָרירט דעם גרויסען אידישען כלל, דעם שעפּערישען אידישען פאָלקס־גייסט, נאָר אויך פּשוט ארויסגעוויזען די גרעסטע שנאה און פאַראַכטונג צו איהם. דאָס איז איהר חטא געווען; און פאר דעם דאָזיגען חטא איהרען האָט זי אויך באקומען איהר עונש, וואָס איז באַשטאַנען אין דעם, וואס זי האָט אין הינער־פּלעט געשוועבט און איז ניט אריין אין דער גרויסער משפחה פון דער וועלט־ליטעראַטור, ביז וואַנען עס האָט זיך ניט געפונען איהר אמת׳ער גואל און אויסלייזער.

און איהר עכערען ווערט, וואָס זי האָט באקומען, האָט די העברעאישע ליטעראַטור זיכער צו פאַרדאַנקען דעם גרויסען גאָט־געבענשטען דיכטער ח. נ. ביאַליק, וועלכער האָט געפונען אַזאַ מעכ־טיגען קינסטלערישען אינסטרומענט פאַר די פאַרשידענסטע קלאַנגען פון זיין פּאָעטישער נאַטור אין דער העברעאישער שפּראַך, האָט אבער אויך געטראָגען אין זיך די געזונטע פאָלקס־זאָמען, די קערנער פון פאָלקס־אָפּשטאַמונג, וואָס האָבען ארויסגעבראכט עכטע אידישע פרוכט.

ניט קוקענדיג אויף דער ראַפינירטער שפּראַך און אויסדרוקס־מיטלען, האָט ער אויסגעגאָסען אין זיינע לידער און פּאָעמען אַזאַ מעכטיגען שטראָם פון לירישע געפילען, וואָס איז דאָס ריין פער־זענלאכע, כמעט איין גאַנצע פּסיכישע רעאַקציע פון זיין פּאָעטישער נאַטור איבער דעם פאָלק אין דער נאָהענטער פאַרגאַנגענהייט און אין דער נאָהענטער פאַר אונז פאַרשוואונדענער ווירקלאכקייט.

צי ער ברענגט ארויס די מינאָרנע אַקאָרדען פון זיינע לירישע געפילען צו דער טראַדיציע פון אלטען בית־המדרש, וואָס עס פאַלט צוזאַמען מיט זיין יוגענד, צו ער הויבט זיך אויף צו די העכסטע טענער פון פּראָפעטישען פּראָטעסט, צער און צאָרן, אין וועלכע ער לעבט אויס די טיפענישען פון זיין נשמה — אומעטום לאָזט ער ניט אַראָפּ זיין שאַרפען בליק פון דער וויזיאָן, וואָס באַהערשט זיין גאנצע מוזע.

ווי יעדער אָריגינעלער דיכטער האָט אויך ביאַליק פריער פאר אַלעמען געזוכט צו געפינען זיך זעלבסט, געזוכט צו באַשטימען זיינע באַאומרוהיגענדע טיפע פּאָעטישע געפיהלען און האָט געפונען זיין אייגענטימלאכע אינדיווידועלע פערזאָן.

ש. לעשצינסקי

לא זכיתי באור מן ההפקר,
ואף לא בא לי בירושה מאבי,
כי מסלעי וצורי נקרתיו,
חצבתיו מלבבי.

דאָס איז זיין עדות זאָגען איבער זיך זעלבסט. זיין צאַרטע עמפינדלאכע נאַטור, דער איבערפלוס פון געפיהלען, וואָס האָט דעם יוגענטלאַכען דיכטער אַרומגענומען מיט יעדען שריט און טריט, וואָס ער האָט אין לעבען געמאַכט, איז פאַר איהם אליין געווען די רע־טעניש, אין וועלכער ער איז אריינגעדרונגען נאָר אַ דאַנק דעם אויפוואַכענדען געניוס אין איהם זעלבסט.

אַ נייע, אַ פרעמדע וועלט רייסט זיך אריין צום יונגען דיכטער און מאַכט אַן איבערקערעניש אין זיין גאַנצען גייסטיגען צושטאַנד און ברענגט אריין טרויער און אומעט אין דער יוגענדלאכער אידי־לישער האַרמאָניע. עס טוט אָבער צוריק א שיין די זון דורך די היימישע ווינקלען, דעם קאַסטען מיט שמות, דעם סטענדאַר, און עס צוגיסען זיך קלאַנגען מעלאַנכאָלישע, מינארנע טענער איבער דעם פאָעטס נשמה.

דאָס איז דער פסיכאָלאָגישער הינטערגרונד פון די אלע טראַדי־ציאָנעלע מאָטיווען ווי אין „המתמיד", „על סף בית־המדרש", „אם יש את נפשך לדעת" און נאָך אנדערע, וועלכע זיינען עלעגיש און כמעט סענטימענטאַל ביי ביאליק.

אָבער די דאָזיגע עמאָציאָנעלע רעפלעקסיוועז, וואָס געהען איבער ביסלאכווייז אין ריין פערזענלאכע שטימונגען, אין טיפערע אינטימערע געפיהלען פון האָפנונג, ספקות אדער יאוש, אנטפלעקען פאר איהם זיין אייגענע פאָעטישע נאַטור און ער דערפילט אז — „שמש אחת במרום ושיר אחד ללב ואין שני"...

אנשטאָט אָבער אָפצוהיטען זיך זעלבסט פון דעם כלל, אָפהיטען זיין אינדיווידואַליטעט און אייפערזיכטיג ציטערען איבער זיין אייגע־נעם וועלטעל, האָט ביאליק זיך איינגעטונקען אין פאָלקס־ספערע און האָט זיך מיט מעכטיגע ריזיגע כחות געלאָזט שווימען געגען דעם שטראָם.

און אַ דאַנק דער אינדיווידועלער רייפקייט פון זיין פערזאָן און איהרע פאָטענציעלע שעפערישע כחות איז ער ניט פאַרטראָגען

געוואָרען אין דעם סטיכישען שטראָם און זיך דורכגעבראָכען זיין אייגענעם וועג.

צווישען די מינאָרנע טענער און אָפּקלאַנגען פון דער פריצייטיגער דיכטונג דערגרייכט צו אונז אויך דער זיפץ: „צר לי מאד, צר לי עמי חלכה!״

ביאַליק׳ס גאַנצע דיכטונג איז צוערשט עלענד און טריב, א „שירה יתומה״, ווי ער דריקט זיך אויס זעלבסט, ביז וואַנען זיין פערזאָן שטייגט און וואַקסט אויס צו דער הויך פון זיין קינסטלע־רישען טעמפּעראַמענט. אינסטינקטיוו דערשפּירענדיג אָבער דעם שעפערישען גייסט פון פאָלק, האָט דער דיכטער אָנגעווענדעט זיין קינסטלערישען אַפּאַראַט אויף צו דערגרונטעווען די טיפענישען פון די תהומ׳ן פון דעם פאָלקס שאַפען, זוכענדיג דערמיט צו פאַרטריי־בען זיין פּאָעטישען עלענד און טרויער.

דאָס קאָן באַשטעטיגען ניט נאָר זיינע באַמיהונגען און ארביי־טען אויף דעם געביט פון פאָלקלאָר פון דער אגדה, צום ביישפּיל, נאָר אויך די קינסטלערישע פּאָעטישע רעפּראָדוקציעס, די פּאַרזוכען צו שאַפען אין פאָלקסטימלאכען גייסט.

ניט קוקענדיג אויף דעם לויבגעזאנג און פאנעגיריק צו אחד־העם, וואו ביאַליק אנערקענט זיך אלס עכטען תלמיד צו זיין רבי׳ן, וועלכער איגנאָרירט כמעט דעם גרויסען איינהייטלאכען כלל און זיין שעפע־רישען עפּאָס, מאַכט ער פּאַרזוכען צו שאַפען אָדער איבערשאפען דעם אידישען פאָלקלאָר פון יידיש אין העברעאַיש אין זיינע „משירי עם״.

און ניט ביי דעם בלייבט און שטעלט זיך אָפּ דער לעבעדיגער און באַלעבענדער פּאָעטישער גייסט פון אונזער גרויסער דיכטער.

ער איז פורץ גדר, רחמנא לצלן, און פלאַנצט איבער אליין אין אידיש אייניגע פון זיינע בעסטע און שעהנסטע פּאָעטישע בליהונגען און דערגעהט אזוי וויט ביז צו שאַפען פאָלקס־לידער פאָרטרעפלאך פאָלקסטימלאך מיט אזוי פיל פּאַטאָס און פרישקייט. („א פרעהליכס״ אָדער „אונטער די גרינינקע בוימעלאך״) נאָר א דאנק די אינ־סטינקטיווע פאָלקס־געפיהלען, וואָס ערוואַכען אין דעם פּאָעט מיט זיין אינדיווידועלען וואוקס און רייפקייט, האָט ביאַליק אַזאַ פאַר־שטענדעניש און סימפּאַטי פאַר דעם אלטען פאָלקלאָר, דערגרונ־

טעווענדיג די אלטע אוצרות פון דער אגדה, באנוצענדיג זיי אלס סוזשעטען פאר פּאָעטישען שאפען (מגלת אש, מתי מדבר און אנדערע).

צו דערזעלבער צייט צייגט ער ארויס אזויפיל ווארעמע געפיה־לען אויך פאר דעם נייערען פאָלקס עפּאָס, אז ער שטעלט זיך ניט אָפּ אפילו איבערצוזעצען, צ. ב., אנסקי׳ס „דיבוק״, וועלכער איז אָנגעפילט מיט פאָלקס עפּאָס.

דאָס אלעס טראָגט נאָך צייכען פון דירעקטער באַרירונג מיט דעם פאָלק און אלע פּראָדוקטען פון זיין שאַפען, כמעט אוממיטעל־באַרע אָפּקלאַנגען אין דעם פּאָעטס נשמה.

אָריגינעל און אייגענאַרטיג איז אָבער ביאליק אין דעם פּראָצעס פון סינטעזירען זיין אינדיווידועלען גייסט מיט דעם קאָלעקטיווען פאָלקס־גייסט. אלס טיפע לירישע נאַטור האָט דער דיכטער ניט געשאַפען קיין אָביעקטיווע בילדער און האָט בכלל ניט געזוכט צו פאַרקערפּערען זיינע פאָלקס־וויזיאָנען דורך אויסערלאכע מאָטיווען.

די פאָלקס־זעהונגען רעגען אויף זיינע טיפע געפיהלען, סטימו־לירען זעלבסט זיינע מאָטיווען און ער דריקט אויס זיין פסיכיש־אינערלאכע רעאַקציע איבער די דאָזיגע זעהונגען.

און ווייל די דאָזיגע פּאָעטישע רעאַקציע איז, הויפּטזעכלאך, א טיפעס אינערלאכעס איבערפיהלען און איבערדענקען, א טיפער, אזוי צו זאָגען, סוביעקטיווער רעפלעקס איבער דעם פאָלקס מהות — דערגרייכט זי מיט דער טיפקייט פון דער פּאָעטישער נאַטור פון דיכטער די סאַמע אָפּגרונטען און טיפענישען פון פאָלקס־נשמה.

דער דיכטער אליין לעזט אויף זיך זעלבסט און גיסט זיך צונויף מיט דעם אָביעקט פון זיין שאַפען און ער ברענגט ארויס אזעלכע קלאַסישע ווערק אין דעם נביאישען סטיל, ווי „די שחיטה שטאָדט״, „דאָס לעצטע וואָרט״, „על השחיטה״, „בעיר ההריגה״.

דאָס אָריגינעלסטע אין ביאליק׳ס שאַפען איז דאָס, וואָס זיין ליריק איז ניט קיין פּערזענלאכע, ווארום דער הויפּט געוויכט פון זיין דיכטונג, ווען ער געהט איבער צום לעצטען פּאזיס פון אנטוויק־לונג און דערהויבט זיך אין דעם העכסטען שוואונג צו דעם נביאישען סטיל און נביאישע מאָטיווען — איז דאָס פאָלק.

ער איז דער פאָלקס דיכטער און אין דעם הינזיכט דער פאָלקס פּאָעט. אַזאַ מין ניואַנס פון אָריגינעלער אסאָסיאַציע און אייגענ־אַרטיגער פאַרבינדונג ליגט פאַרבאָרגען אין ביאליק׳ס דיכטונג כמעט

פון געבורט אָן. אַט פאַרוואָס זי ווירקט אויף אונז אזוי פריש און קרעפטיג אין דעם ערטערוויז מאנירלאכען העברעאיש.

ער באַנוצט זיין נביאישען סטיל אויף אזא גרויסען מאַסשטאַב און עס ווערט איהם לייכט צו שטייגען צו אוניווערסאַלער אלגעמיין מענשלאכער הויך, מחמת, ווי די אלטע נביאים, זעהט ער אויך פאַר זיך שטענדיג דאָס פאָלק, דעם דאָזיגען צענטראַלען פונקט אויף דעם האָריזאָנט, וואָס מאכט איהם ווייטזיכטיג און העלזעהענד.

העכסט פּאָעטיש מיט די טיפסטע געפיהלען פון זיין אייגענער פאַראַנטוואָרטלאכקייט פאר דעם פאָלק, די אָריגינעלע אידישע טיפּע עטישע געפיהלען פאר דעם גרויסען כלל רופט ער ווי דער טראַ־דיציאָנעלער נביא אויס:

„מיך האָט געטריבען אייער וועהטאָג,

„איך האָב געמיינט מיין הילף איז נויטיג”...

און אין דעם שטורעמדיגסטען פּראָטעסט, גרויזאמסטען מוסר און תוכחה פיהלען מיר דאָס פאַרבלוטיגטע האַרץ פון דיכטער פאר די שרעקענס־בילדער פון פאָלקס זעהונגען, זיינע פּערזענלאכע שמערצען אוןליידען פאר דעם כלל, וועלכע לייטערען איהם גייסטיג און מאכען איהם קלאַסיש אין זיין פּאָעטיש שוואונג.

א מאָדערנער נביא, מיט אזעלכע הויכע מאָראלישע געפיהלען פאַר'ן כלל, האָט זיכער אליין אויסגעוועטאָגט זיינע פאָלקס־זעהונגען און אזא נביא־דיכטער, אזא ליריקער, וועמענס נשמה אויסגוסען זיינען די שרעקלאכסטע שמערצען און ליידען פאר'ן פאָלק, וועמענס האַרץ קלאַפּט אין אוניסאָן מיט דעם גרויסען כלל, איז זיכער איינער פון די אָריגינעלסטע און באַדייטענדסטע דערשיינונגען אין דער נייער אלוועלטלאַכער ליטעראַטור און דיכטונג.

ש. טשערניכאָווסקי

מיט אריבער 40 יאָהר צוריק, ווען דער אינגסטער דיכטער איז דערשינען אויף דעם האָריזאָנט פון דער העברעאישער פּאָעזיע, האָט נאָך די העברעאישע ליטעראַטור בכלל און די פּאָעזיע בפרט ניט געשלאָגען קיין טיפערע וואָרצלען אין דעם אידישען נייערען קול־טורעלען וואוקס און אַנטוויקלונג.

דער גאַנצער מאָדערנער אידישער שאַפונגס־פּראָצעס איז נאָך געווען כמעט אין א עמבריאנאלען צושטאַנד; נאָך איידער עס האָבען זיך צעוואקסען די פאַרשידענסטע שפּראָצונגען און בליהונגען אין דעם גאָרטען פון דער אידישער פּאָעזי און דיכטונג.

די אויפלעבונג און באנייאונג פון פּאָעטישען גייסט האָט נאָך דערווייל, ביז טשערניכאָווסקי׳ס קומען, ניט געפונען קיין געהעריגען אָפּקלאַנג, קיין ווירקלאכען און מעכטיגען אויסדרוק.

די פּאָעטישע אויפרעגונג, וואָס האָט געהערשט אין דער דאָזיגער צייט, האָט נאָך מעהר פאַרטיפט יענעס אידישען, אזוי אויך טיפען, צער און טרויער, יענע אידישע מעלאַנכאָליש־מינארנע טענער, וואָס זיינען געוואָרען אן אָרגאַנישער טייל פון דער אידישער פאָלקס־נשמה פאר דער גאַנצער געשיכטלאכער מארטימאָלאָגיע אונזערער.

האָט זיך טשערניכאָווסקי אריינגעריסען ווי א דיסהארמאָניע אין דער דאמאָלסדיגער העברעאישער פּאָעזי מיט אזעלכע אויסטערלישע נייע מאָטיווען, וועלכע האָבען באמת אריינגעבראכט, ווי א מין „נטע זר״ און דער אידישער קולטורעלער אַטמאָספער; זיי האָבען אָבער אַזוי שטארק און הילכיג אָפּגעקלונגען, אַז זיי האָבען געמוזט געפינען זייער רעזאָנאנס און האָבען אריינגעטראָגען א שטראָם פון ניי לעבען און באלעבונג ניט נאָר אין דער פּאָעזי אָדער ליטעראַטור.

ניט זייענדיג קיין פּראָדוקט פון דעם פאר׳חושכ׳טען פאַרוויס־טעטען אידישען לעבען, ניט קיין תלמיד פון דעם אלטען גוסס׳דיגען בית המדרש און ישיבה, האָט טשערניכאָווסקי קודם־כל געבראכט מיט זיך לעבענס־פרייד און אמת׳ע ניט קיין פאַרוועלקטע יוגענט־

שכרות, פיל מיט ליכט און גליק און צויבער־וואונדער, וואָס האָט איהם ארומגערינגעלט.

סביבי חיים, סביבי אורה
שירת נמלט מבור־כלא...
אמרת שנאן בעדן גנים
שירת נאלט מבור־כלא...

דאָ קומען די ליבע מאָטיווען, וועלכע דריקען אויס עכטע און אויפריכטיגע ליידענשאפטען, דער גאַנצער קאָמפּלעקס פון „ממלכת היופי והאהבה״, וועלכען טשערניכאָווסקי צויבערט אויס אין זיין פּאָעזיע.

אָדער ערגעץ אַנדערש ווידער אַמאָל:

...ומסביב, ריח אביב,
בשמי יער קטורת אחו,
ובלבתי תקות נער,
שבו קמו ויפרחו...

אַזוי קלינגט אָפּ אונזער דיכטער׳ס יוגענטלאכע פּאָעטישע האַרפּע.

די יוגענטלאכע פרייד און דער איבערפלוס פון לעבען שפּאַרען ארויס אויך אין זיינע שפּעטערע רייפערע און באַדייטענדערע לידער און דריקען זיך אויס ניט נאָר אין אויסרופען, אין שלאַג־ווערטער, ווי „לקראת גיל פנו דרך, סולו שביל״ אָדער „נגילה נתעלסה באהבים, נריעה נזמרה נא דודי!״, אַזאַ, אַזאַ, וועלכע מען געפינט אַזוי אָפּט ביים פּאָעט, נאָר אויך אין דעם עצם־כאַראַקטער פון זיין גאַנצען שאַפען.

שוין מיט דעם אליין, וואָס ער איז געווען דער ערשטער און אפשר דער איינציגער, וועלכער האָט ארייגעפירט די יוגענט־מוזע צווישען דער גאַנצער פלעיאַדע פון די גרעסטע דיכטער פון זיין ציַיט, צווישען וועלכע עס געפינען זיך דער גרויסער ביאַליק, שניאור, כהן און אַנדערע, האָט ער זיך קונה שם געווען אין דער העברעאישער נייער ליטעראַטור און פּאָעזי.

טשערניכאָווסקי׳ס מוזע איז געוואָרען, אַזוי צו זאָגען, די פאַר־טרעטערין פון דער נייער אויפקומענדער יוגענט מיט איהר גאַנצען אויפשוואונג און אויפברויז פון כחות, דער דאָזיגער אימפּעט, וואָס

איז ביכולת פאַרמעסטען זיך מיט דער טראַדיציאָנעלער איינגעוואָר־צעלטקייט און איז דער פאַרבאַדינג פאר א נייער שעפערישער תקופה.

אין דער צייט, ווען די אידישע אינטעליגענץ האָט געבענקט און געלעכצט נאָך שעהנערע פאָרמען פון לעבען, האָט גערעדט וועגען נייע לעבענס אידעאלען, אָבער, דורך פאַטאַלער אָהנמאַכט און צוגעבונדענקייט צו דער אַלטער טראַדיציע, איז זי געבליבען שטעקען אין מיטען צווישען פון ספקות און אינערלאכע סתירות — איז טשערניכאָווסקי געווען דער ערשטער פון די נייע, וואָס האָט פאַרקערפערט אין זיין פאָעטישער פערזענלאכקייט און סימבאָליזירט אין זיין מוזע די אומבארירטע יוגענט מיט איהר גאנצער פרישקייט און עקסטאז, איהר געוואַגטקייט און איהר פרייהייטלאכקייט.

דערפאר איז ער דער פאָעט פון קראַפט און ענערגיע, פון אייזערנע מוסקולען, אָבער אויך פון שפילעוודיגקייט און לייכטקייט, פון זינלאכקייט און פלאַסטישער שעהנקייט און גראַציע. מיט א רייכקייט פון פיזישע און גייסטיגע כחות. מיט אַן איבערפלוס פון שעפערישער ענערגיע, ווערט דעם דיכטער שווער צו זעטיגען זיין שטייגענדען הונגער פאַר לעבען, שווער צו באַפרידיגען דעם גאנצען באַגעהר פון געפיהלען און איבערלעבונגען, ווען דער אינערלאַכער קול פון זיין באַרוף מאַכט איהם אומרוהיג, צווינגט איהם צו קלע־טערען אויף בערג (בין הרים), בלאָנדזשען און טרוימען אין וואַלד (קסמי יער) און איבעראַל זוכען די פריהלינג׳ס לעגענדען, דעם פריהלינג׳ס צויבער, דעם „אייביגען פריהלינג״, וואָס ער טראָגט אין זיין אייגענעם האַרצען.

און די נאַטור מאָטיוען, איבערהויפט, פאַרטיפט זיך דער דיכטער און דרינגט אריין אין די פאַרשידענערליי דערשיינונגען פון דער ווירקלאכקייט, מעדיטירט איבער די מיסטעריעס און טיפע פאַר־העלטענישען פון לעבען.

לאן ! לאן ? קול קורא לך : עלה ורש !
מקום צוקי צור שם נושקים תהום
וגבולות אין לתהומות רום,
מקור יתר אור לאור היום
ולילה ילין ביערות דום,
ואל תעמוד שם כי לך בקש
אי קדשי אל והיכלי אש.

דאָס פּאָעטיש אויג זוכט און כאַפּט אויף דאָס שעהנע און ערהאַבענע אומעטום אין דער נאַטור און די דאַזיגע קינסטלערישע דערפּארונגען ווערען פאַרוואַנדעלט ביים פּאָעט, אזוי צו זאָגען, אין קינסטלערישער קראַפט, וואָס טרייבט און באַוועגט, רודערט אויף דעם גייסט און שטורעמט אויף דעם געמיט און פּראָדוצירט אייגענאַרטיגע פּאָעזיע.

אַנהויבענדיג מיט די „גילדערנע חלומות״ פון דער פריער יוגענט הויבט דער גייסט פון דיכטער אָן צו ברענען אין דעם פייער פון דער זון, צו וועלכער ער זינגט איין אומאונטערבראָכענעם הימן, פאַר וועלכע ער זאָגט זיין גרויסען הלל.

צוזאַמען מיט זיין פאַנטאַזיע ווערט דער דאַזיגער פּאָעטישער פייער פאַרשמאָלצען אין איין פלאַם, וואָס שיט אויף אונז מיט פונקען פון חנ׳עוודיגען צויבער און שטורמישע ליידענשאַפטען, וועלכע ברויזען אויף און בארוהיגען זיך אין שטילקייט און רוהיגקייט פון דער נאַטור זעלבסט, איהר גאַנצקייט און באשיידענקייט.

זעהר אָפט דערפילט זיך אין די נאַטור־לידער דער רעליגיעזער ציטער און יראת הכבוד פאר די פאַרבאָרגענע כחות פון דער נאַטור, זיין פאַרפלעכטען און באַהעפטען זיך מיט די „אחים איתנים״, די עלעמענטארע און פרימיטיווע אור־כחות.

דער גאַנצער יוגענטליכער קאָמפּלעקס פון טשערניכאָווסקי׳ס פּאָעזי און די עסטעטישע אימפּולסען האָבען איהם צוגעפירט צו אן עקסטרעם ווייטען פונקט פון דעם אידישען לעבען און וועזען און צו אנזיכטען, געגענגעזעצטע צו די טראַדיציאָנעלע גרונדלאגען פון אידענטום.

„דאָס לעבען אליין אין דער געשטאַלט, וואָס עס נעמט אָן אויף שריט און טריט, איז פול און פול מיט העסלאכקייט ביז צו דערשטיקט ווערען״, דריקט זיך אויס טשערניכאָווסקי אין א בריף צו דר. קלויזנער, „אָבער דער לעבענס אינהאַלט, זיין מהות און זיינע רעטענישען — דאָס איז פּאָעזי, די ערהאבענסטע, וואָס עס קאָן געבען״.

אָט די עסטעטישע דראַנגען האָבען דעם פּאָעט לכתחלה פאַרטריבען פון דער וואָכעדיגער אידישער ווירקלאכקייט און האָבען באַשטימט דעם העברעאישען כאַראַקטער פון זיין שאַפען.

אין זיין פאַרהערלאכונג פון דער נאַטור, אין זיינע פּאַטעטאיסטישע סימפּאַטיען און בליקען (מחזיונות נביאי השקר), אין דעם

עסטעטישען זוכען האָט ער אָנגעהויבען אידיאַליזירען דעם גאַנצען „יפיפותו של יפת״ און אין א רייהע גלענצענדע געפּיהלפּולע און געדאַנקענפולע לידער איז ער צוגעקומען צום העלעניזם און איז דערגאַנגען נאָך ווייטער ביז צו דער נאַטירלאַכער, פּרימיטיווער, אוראַלטער אָריענטאַלישער געצענדינערײ.

אזעלכע לידער, ווי „לנכח פסל אפולו״, שרטוטים״, „מות התמוז״ אָדער „בל ועשתרות״, די הויך־קינסטלערישע און פּאָעטישע „סוניטי עכום״, זיינען ניט קיין אַנאַכרוניזם אָדער בלויז סטיליזירטע אַרכאַאישע פאָרמען פון פּאָעטישען אויסדרוק.

דאָס איז דאָס הינגעריסען ווערען פון א יוגענטליכער פּאָעטישער פאַנטאַזיע, דער רעוואָלט פון א פרייען שוואונג פון פּאָעטישען געדאַנק, די אימפּראָוויזירטע פּאָעטישע בליצען, וואָס דעקען אויף די לאַנג־פאַרגעסענע, פאַרבאָרגענע און פאַרשאָטענע געשיכטלאַכע קאָנפליקטען פון אידיש־מענשלאַכען גייסט.

עס ווערט פאר אונז פּלוצים אנטפּלעקט יענע געשיכטלאַך אויסגעקעמפּטע שלאַכטען צווישען דעם גרייז־גרויען סעמיטישען גייסט און דער אידישער גייסטיגער רעוואָלוציע, יענע רעצידיווען פון רעאַקציע פון געצענדינערײ, פאר וועלכע אונזער דיכטער האָט אזוי פיל פאַרשטענדעניש און סימפּאַטיע.

ניט אומזיסט דריקט זיך אויס אונזער אלטער נחום סאָקאָלאָוו אין זיינעם א לעצטען בריף פון אָפּשאַצונג און לויב פאר טשערניכאָווסקי׳ן, אז ער אליין איז איהם מקנא פאר זיין געצענדינערײ, זיין גוי׳אישקייט, זיין עכום׳דיגקייט.

איז אונזער גרויסער פּאָעט אפשר פאַרלאָפען צו ווייט פאָראויס, אָבער זיין קינסטלערישער זעלבסט־באַוואוסטזיין און קריסטאַליזירטער אינטעלעקט שווימען ארויס פון דעם געדיכטען נעבעל, ווערען פאַרטיפט און קאָמפּליצירט.

אין דער פאַרקערפּערונג און אויסדרוק פון שעהנקייט איז טשערניכאָווסקי דער אייגענאַרטיגער גרויסער פּאָעט פון אויפלעבונג און רענעסאַנס, ווייל דער דיכטער פון יוגענט, וואָס ווערט גאָר ניט אַלט און פאַרעלטערט.

אויב שטורמישע פאַנטאַזיע און ברויזענדע יוגענטלאַכקייט האָבען איהם פאַרטריבען פון דעם אידישען עמק הבכא צו דער לוסטיגער און לעבענספולער העללאס און פון דאָרטען נאָך ווייטער צום אור־

אַלטען סעמיטישען אָריענט, צו די פּרימיטיווע רעליגיעזע אָדער, ריכטיגער, פּארצייטיגע לעבענס־קארנאָוואַלען, איז דער פּאָעט אבער דורך דער אינערלאכער רוהיגקייט און האַרמאָניע, דורך דעם גלייכ־געוויכט אין זיין נשמה, דורך די קינסטלערישע קאָנטראָלירענדע כחות, געקומען צו דער אידיליע.

דעם צייכען פון אַן עפּיקער טראָגט טשערניכאָווסקי אין זיין שאַפען שוין נאָך פון אָנהויב אָן.

„דער קינסטלער פון יוגענט״ איז זעהר פּלאַסטיש אין זיין פּאָעטישען אויסדרוק און ער כאַפּט אויף פיגורען און בילדער אין סאַמע לויף פון זיין ליריק אפילו.

לויט דעם עצם כאַראַקטער פון זיין שאַפען צייגט דער פּאָעט ניט ארויס כמעט קיין פּאָעטישע אויסברוכען, ווערט ניט היגנעריסען פון „צער און צאָרן״ מאָטיווען און איז בכלל זעהר לעבענספול און איינדרוקספול.

דוקא אין דעם „קרים״ פון וואַנען אונזער דיכטער שטאמט, אין דעם קנאַפּען רעליגיעזען און גייסטיג־קולטורעלען אידישען לעבען, האָט ער געפונען דעם אידישען עפּאָס און זיין שמייכלענדע אויג שוועבט אויף אלעם און זעהט יעדען ווינקעל און יעדען קנייטש, די פולבלוטיגע פאַרבען און דעם שטילען טרויער, דעם גלויבען און אָבערגלויבען.

„איך בין שטאָלץ דערמיט, וואָס איך האָב אָנגעהויבען די אידישע געשיכטע פון יהושע און אויף דעם חומש האָב איך געקוקט ווי אויף „אדיסעע״, זאָגט דער דיכטער.

דעראיבער אין זיינע באַלאַדען און באַזונדערס אין די אידיליעס, ווי „לביבות מבושלות״, „ברלה חולה״, „ברית מילה״, „כחום היום״, „הכף השבורה״ אָדער אפילו „מעשה מרדכי ויוכים״ קומט ער צום טאָג־טעגלאכען לעבען פון פאָלק און באשענקט איהם מיט אזוי פיל סימפּאטי און חן.

דער אומרוהיגער גייסט און די אקטיווע שעפערישע פאַנטאַזיע פון דיכטער האָבען שטענדיג, ווייזט אויס, געהאט הינטער זיך א רוהיגען זעעלישען הינטערגרונד, א קוואַל פון קינסטלערישער האַר־מאָניע.

די יוגענטלאכקייט און גאנצקייט פון פּאָעטישען שאפען האָט דערגרייכט איהר השלמה אין דער עפּישער פאָרם און אידילישען כאַראַקטער פון נייעם אינהאלט, אין דעם גוטמוטיגען הומאָר, וועל־

כער איז אין איינקלאנג מיט דער מעהר אָפּטימיסטישער נייגונג פון דעם דיכטער.

אין די אידיליען האָט דער יוגענט־פּאָעט געפונען א נייערען סינטעטישען אויסדרוק פאר דעם אייביג־יונגען פאָלקס־עפּאס, סינטע־זירענדיג פּאָעזיע און קונסט. טשערניכאָווסקי׳ס איבערזעצונגען און איבערדיכטונגען פון „אדיסעע״, „קאלוואלא״, „היאוואטאה״ א.זא. א.זא. שטרייכען נאָך מעהר אונטער און באשטעטיגען דעם אימער יוגענט־לאכען און שטענדיגער ווידער אויפלעבערישען כאַראַקטער פון זיין פּאָעטישען שאפען, דעם עכטען גייסט פון רענעסאנס, וועמען די אויפלעבונג פון דער העברעאיש־אידישער פּאָעזיע האָט הויפּטזעכלאך צו פאַרדאַנקען.

אחד־העם

אויף א זעהר באשיידענעם און צוריקגעהאלטענעם אופן, ניט זיכער אין זיין באַרוף איז ארויסגעטרעטן דער גרויסער נאַציאָנאַלער דענקער און אידישער אידעאָלאָג פון אונזער מאָדערנער צייט.

„פאַר פילע יאָהרען, — שרייבט אחד העם — האָב איך געלעבט אלס פּריוואַטער מענש, וועלכער האָט אליין זיך געלערענט און איז קיינעמס לערער ניט געווען און עס איז מיר קיינמאָל ניט ארויפגעקומען אויף דעם געדאַנק צו זוכען די דאָזיגע קרוין פון א שריפטשטעלער: אויב אימיצער וואָלט מיר פאָראויסגעזאָגט אז איך וועל קומען דערצו, וואָלט איך איהם גערעכענט פאר א פאַלשען נביא, ווייל נאָר אַזאַ געדאַנק אפילו וואָלט געווען גענוג צו ארייגברייגגען מיך אין א שוידער.

איצטער, ווען איך בין שוין כמעט אין די סטאַבּילע יאָהרען, האָט זיך אין מיר געשטאַרקט דער ווילען צו זעהען די אידעע פון „חיבת ציון" פּאַרווירקלאַכט אזוי ווי איך האָב זי געזעהען פאר זיך אין געדאנק און עס האָט זיך פון מיר אָפּגעטאָן די עפענטלאכקייטס־מורא. אמת, צום אָנהויב, נאָר צייטווייליג ארויסצוזאָגען א פּאָר ווערטער ניט ווי א שרייבער, נאָר ווי איינער פון פאָלק (אחד העם) אום צו אומקערען זיך נאָכדעם צו מיין פּריוואַט וועלטעל.

אָבער יענע ערשטע ארויסטרעטונגען, וועלכע האָבען ארויסגערופען קריטיק, האָבען שוין נאָך זיך נאָכגעצויגען ווייטערע ארויסטרעטונגען".

אין דער ספּערע פון אחד העם׳ס שאַפען, שוועבען און גריבלען פּראַגען און פּראָבלעמען, פילאָזאָפישע און סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע, אידישע און וועלטלאכע. אין וואָס באשטעהט דער זינען פון סאָציאַלען לעבען? וואָס איז זיין אורשפּרונג? און וואָס איז זיין ענדציל? אין וואָס באַשטעהט דער אמת׳ער זין פון אידענטום און זיין וועלט־געשיכטלאכע באדייטונג? איז די אידישע אייגענאַרט נאָר א בלינדער צופאַל אָדער א רעזולטאַט פון אינערלאכער נויטווענדיגקייט און אָרגאַנישער אנטוויקלונג? וועלכע ריכטס־ליניען גיט אונז איבער

די פֿאַרגאַנגענהייט און וועלכע קאָנסעקווענצן און שלוסען זאָלען מיר ציען פאר דער צוקונפט.

צו די אלע פּראָבלעמען טרעט דער גרויסער דענקער צו מיט דעם גוואַלדיגען כח פון אַנאַליז, באוואָפענט מיט אַלזייטיגען און טיפען וויסען, מיט די מאָדערנסטע וויסענשאפטלאכע מעטאָדען, וואָס דאָס אליין איז שוין אן אויסערגעוועהנלאכע נייע אָריגינעלע דער־שיינונג אין דער אידישער פּובליציסטיק, אין דעם אידישען מאָדער־נעם דענקען.

אָבער הויפּטזעכלאך אָריגינעל איז עס, ווען די אַלע פראַגען שטעלט דער פילאָזאָפישער דענקער און עס ענטפערט דער סאָציאַל־פּאָליטיקער און פובליציסט. וואָרים אין איהם האָט זיך פאראייניגט דער ספּעקולאטיווער דענקער, דער טעאָרעטיקער און דאָקטרינער מיט דעם פּראַקטישען לאָגישען דענקער, וואָס געפינט אן אויסגאַנג, אַן אַנווענדונגס־פּונקט פאר זיינע אידעען און אידעאַלען.

מיט זיין גאַנצען פילפאכען דענקען און ווירקען האָט דער שעפערישער גייסט פון אחד העם פאַרווירקלאכט דעם סינטעז, דעם אָרגאַנישען צוזאַמענוואוקס פון דעם מאָדערנעם וועלטלאכען אייראָ־פּעאישען דענקען, דער גייסט פון די נייע און נייערע עראָבערונגען אויף דעם סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישען און ריין אינטעלעקטועלען געביט מיט דער היסטאָרישער אידישער וויזיאָן, א גליקלאכער אויסטויש פון דעם אבסטראַקטען און קאָנקרעטען אין א גינסטיגער פּראָפּאָרציע פאר קאָנסטרוקטיווען שאַפען.

ריכטענדיג זיין געדאנקען־גאַנג אויף די ליניעס פון אויגוסט קאָנט, מיל, באָקל, ספּענסער א. ז. וו., האָט אחד העם שטענדיג געהאַט פאר זיך די וויזיאָן פון היסטאָרישען אידענטום.

דער מאָדערנער עוואָלוציאָניסט דערבליקט אין אלע דערשיי־נונגען פון לעבען דעם בריק, וואָס פירט פון דער וויטסטער פאַר־גאַנגענהייט צו דער אקטועלער ווירקלאכקייט פון דער געגענווארט, טראָץ אלע שיינבאַרע אומוואנדלונגען און מעטאמארפאָזעס.

„די גאנצע געשיכטע פון אונזער פאָלק פון אָנפאנג בית שני ביז צום היינטיגען טאָג איז ניט מעהר ווי איין לאנגער הימן פאר דער מאַכט פון גייסט און זיינע קאָנפליקטען מיט די מאַטעריעלע כחות, וועלכע שטרעבען צו פארשלינגען איהם”.

די שטעגען און וועגען פון דער אידישער געשיכטע מיט אלע איהרע אָפּקרימונגען און זיגזאַגען זיינען דורכגעגאנגען זיין אויג מיט אזעלכע בולטע און קאָנקרעטע פאָרמען, אז עס איז אזוי ווי זעלבסט־פארשטענדלאך, אז די דאָזיגע וועגע זאָלען פירען נאָך ווייט אין דער צוקונפט און אָנדייטען פאַראויס די וויטערע פאָרטזעצונגען, וואָרים דור הולך ודור בא והעם חי בקרבם.

איז אחד העם, דער אַנאַליטיקער און ראַציאָנאַליסט, דער שטרענ־גער נאָכפאָלגער און אָנהענגער פון „שלטון השכל", און האָט דאָך א צוטריט און פאַרשטענדניש פאַר די איראַציאָנאַלע שעפערישע עלע־מענטען, וועלכע זיינען די שליסלען צו דער „תורה שבלב".

„ביי דעם גרעסטען לאָגישען מענשען מיט זיין גרעסטען באַמיען זיך צו דאָמינירען מיט דעם שכל איבער אלע זיינע געדאנקען און מעשים — איז אוממעגלאך ניט צו געפינען אין די טיפענישען פון זיין האַרצען ערגעץ וואו א פארבאָרגענעם ווינקעל, צו וועלכען עס דערגרייכט ניט די הערשאפט פון שכל און דער שכל איז אָנמעכטיג צו אונטערטעניגען די ווידערשפעניגע, וועלכע קריכען ארויס פון דאָרטען צו צושטערען די אָנגענומענע ארדנונג"...

און ער, דער נאַציאָנאלער טעאָרעטיקער און דענקער, קומט ארויס מיט דער אנטפלעקונג פון די נאַציאָנאלע געפיהלען, וועלכע ער פאַרשטיקט אָדער באַהערשט ביי זיך זעלבסט.

„דו וויסט דאָך, שרייבט אחד העם אין א בריף — אז איך בין ניט מסוגל צו אויסדריקען מיינע געפיהלען אין דער הויך. פילע דענקען, אז איך בין בכלל ניט פעהיג צו זיין עמאָציאָנעל עמפינדלאך, אָבער דאָס איז ניט אמת. עס איז נאָר דאָ אין מיין פּסיכישער איי־גענשאַפט עפּעס, וואָס האַלט מיך אָפּ געגען מיין ווילען צו אנט־פּלעקען מיינע געפיהלען אין אויסערלאכער פאָרם. איך האָב וועגען דעם מורא צו רעדען, כדי ניט צו אויפדעקען מיינע געפיהלען צופיל ווי מען דאַרף. איך ווייס ניט צי דאָס איז א פּאָזיטיווע אייגענשאפט אָדער א נעגאַטיווע (גיכער א נעגאטיווע), אָבער דער פאַקט איז, אַז א מין אינערלאכע העמונג האַלט מיך שטענדיג אָפּ און האַלט מיך אויך איצט אָפּ פון אויסדריקען מיינע געפיהלען פריי אומגעשטערט"...

דערפאַר איז עס שוין גאָר ניט אָפּגעפרעגט, ווען אחד העם אנטדעקט ניט נאָר דעם נאַציאָנאַלען דענקען, דעם אידישען גייסט, נאָר אויך די געפיהלען און עמאָציעס און וויזט אונז אָן, אז „מיר

אין דער היינטיגער צייט, וואָס לויט אונזער פּסיכאָלאָגישער אנשויאונג, איז דער ראַציאָנאַלער באַוואוסטזיין ניט גענוגענד צו ברייגען דעם מענשען צו אקטיוויטעט און מעשים, וועלכע פאָדערען גרויס אָנשטרענגונג סיידען עס זאָל צונויפפאַלען מיט א שטאַרקען געפיהל, וועלכער וועקט דעם ווילען אומאויפהערלאך צו זיך שטאַרקען און ווידערקומען יעדען אָפּהאלט — מיר קאָנען זיך ניט פאָרשטעלען די מעגלאכקייט פון א גרויסער אקציע אָהן א באַוועגענדען געפיהל און שטאַרקער עמאָציע.

איז ווען מיר זוכען דעם געפיהל, דעם פאַסענדסטען, פאַר דעם כאַראַקטער פון דער אקציע געפינען מיר ניט קיין אנדערען אויסער דעם נאַציאָנאַלען געפיהל״.

אין זיין אלגעמיינעם דענקען, הייסט עס, אין זיין גאַנצער אויפפאַסונג און וועלט־אָנשויאונג, איז אחד העם דער פּאָזיטיוויסט און עוואָלוציאָניסט, נאָר ווען עס קומט צום פאָלק, צו זיין פאָלק און צום אידענטום (יהדות), וואָס וואקסט אויס ביי איהם צו א קאטעגאָרישען אימפעראַטיוו, איז די אומה, דאָס פאָלק, עטוואָס איבערגעס מעטאפיזישעס, וואָס, האָבענדיג זיך פאָרמירט און אָרגאַניש צוזאַמענגעשטעלט, איז עס א בריה בפני עצמה, א זעלבסטשטענדיגע פּסיכישע דערשיינונג.

„דער נאַציאָנאַלער גייסט איז א קאָלעקטיווער נאָר אין דעם אופן פון ווערען און וועזען, וואָס איז א רעזולטאַט פון געמיינזאַמען לעבען פון מאסען מענשען, פאראייניגט דור נאָך דור אונטער געוויסע באַדינגונגען; אבער, האָבענדיג זיך פאָרמירט און איינגעוואָרצעלט דורך היסטאָרישען לאַנגען לעבען, איז עס א פּסיכאָלאָגישע דערשיינונג, אַן אינדיווידועלע, וועמענס אמת איז אין איהר זעלבסט און איז ניט אָפּהענגיג פון אויסען. דאָס האָט דער פאָלקס־אָרגאַניזם געשאפען דאָס אידענטום און עס באזעלט און דאָס אידישקייט דערנאָך איז עס געוועזן, וואָס האָט אונז געגעבען דעם דראַנג צו אנטוויקלונג און דעם באַטריב צו זעלבסטדערהאַלטונג אין דער שווערער און שוידערלאַכער געשיכטלאכער מאַטעריאַלאָגיע. די דאָזיגע ערשטע קראַפט, וועלכע איז אין דעם אידענטום איבערגעפלאנצט געוואָרען באַוואוסטזיניג אָדער אומבאַוואוסטזיניג פון דור צו דור״.

ניט דער איינצעלנער, דער יחיד, שאפט, נאָר דאָס פאָלק, וואָס איז דער קוואַל, וואָס באַוואַסערט אלעס און נעהרט אלעס און פעהלט

דער קוואַל, ווערען פאַרדאַרבען און פאַרטריקענט אלע געוויקסע און אלע צווייגען און עס שטאַרבען אָפּ די וואָרצלען.

„אַ לאַנד, אז עס פארוויסטעט און דאָס פאָלק איז נאָך פול מיט לעבען און קראַפט — וועלען נאָך אויפשטעהן א זרבבל, עזרא און נחמיה און דאָס פאָלק נאָך זיי און וועלען עס ווידער אויפבויען; אָבער, ווען דאָס פאָלק ווערט חרוב, ווער וועט שוין ווידערשטעהן צו איהם און פון וואַנען וועט קומען זיין הילף?״

ניט אומזיסט איז אחד העם ארויסגעטראָטען מיט זיין ערשטען אלאַרם געשריי היהדות בסכנה אין זיין באַרימטען „לא זו הדרך״.

דאָס אידענטום איז אין געפאַר ניט די אידען, וועלכע ווערען בוכשטעבלאך דערשטיקט און דערדריקט פון עלענד און פּיין, ניט די פאָלקס־מאַסען, די מיליאָנען, ווארום זיי זיינען לויט זיין אַנשוי־אונג געזונט און שטארק און נויטיגען זיך נאָר אין קולטורעלער אויפ־לעבונג און ווידערגעבורט.

דורות קומען און דורות געהען און דאָך גילט דער גייסט פון די נביאים, וועלכער באַלעבט דעם גאַנצען פאָלקס־אָרגאַניזם ווי דעם גרונט־באַזיס פון אונזער גאַנצער אייגענאַרט.

דעריבער, ווען ער זעהט די גרויסע געפאַר, וואָס לויערט אויף דעם אידענטום, קומט דער גרויסער אידישער אידעאָלאָג צום פאָל־גענדען באשלוס:

„אונזער פאָלקס־גייסט (נעמלאך דאָס אידענטום ש. ל.) נויטיגט זיך אין פרייהייט, אין א פרייער באַוועגונג אין זיין היסטאָרישער אטמאָספערע, בכדי ער זאָל דערוועקען פון זיין לאַנגען שלאָף און זאָל זיין פעהיג צו באלעבען דעם נאַציאָנאַלען פאָלקס־אידעאל, איהם צו געבען א פאַסיגע פאָרם, לויט אונזערע היינטיגע באדערפנישען, בכדי דער דאָזיגער אידעאַל זאָל ווידער ווערען אן אויפבעוואהרונג פאר דעם צעזייטען און צעשפרייטען פאָלק צו פארהיטען איהם פון א מאָראַלישען קראַך״.

אויף דעם יחיד קוקט דאָס אידענטום ווי אויף א גליד, וואָס איז ניט נאָר צוגעבונדען צום כלל, נאָר אויך משועבד צו איהם, וואָרים עס איז זיין חוב צו אונטערוואַרפען זיך דעם היסטאָרישען טרעגער און שעפער פון אידעען און אידעאלען.

אזוי זעהען מיר, ווען עס קומט צו דער אידישער אידעאָלאָגיע, ווערט אחד העם, דער דאָזיגער קאַלטער און אויסגערעכענטער אַנאַ־

ליטיקער, דער סאָלידער דענקער, פול מיט פּאַטאָס, א מאָראַל־פּרעדיגער, דער פאַרטרעטער פון יענער עלעמענטאַרער קראַפט, וועלכע איז ווי די עכאָ פון מיליאָנען קעמפּענדיגע גייסטער — און עס אנטפּלעקט זיך די אמת׳ע געשטאַלט און דער עכטער אויסדרוק פון א נשמה, וועלכע לעכצט נאָך דערלייזונג, טראָץ דעם צודעק און מאַנטעל פון דעם פילאָזאָף.

א גרויסע עהנלאכקייט און אַנאַלאָגיע שטעלט מיט זיך פאָר אחד העם בנוגע זיינע נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע און סאָציאַל־עטישע אידעען צו איינעם פון די גרויסע רוסישע דענקער און פריי־גייסט, איינער פון די פאַרטגעשריטענסטע אידעאָלאָגען פון דעם רוסישען פאָלק אין דעם לעצטען פערטעל פון פאָריגען יאָהרהונדערט — נ. ק. מיכאַילאָווסקי.

אזוי ווי מיכאַילאָווסקי אין זיין באַוואוסטען פּסיכאָ־סאָציאָלאָגישען אַנאַליז פון דער רוסישער נשמה און איהר אויסדרוק אין „פּראַוודאַ״, וועלכע באדייט אי אמת, אי גערעכטיגקייט, זעהט אחד העם, אז די גערעכטיגקייטס־לערע פון אידענטום איז ניט באַגרענעצט אין אַן איינגען קרייז פון אינדיווידועלע באַציהונגען; אין דעם אידישען זינען קאָן אפילו א גאַנץ פאָלק מקיים זיין די מצוה פון ואהבת לרעך כמוך אין באַצוג צו אנדערע פעלקער.

...„אין זאַכען צווישען יחידים הערשט אין דער אידישער עטיק דער קאָלעקטיווער פּרינציפּ און דאָס איז — גערעכטיגקייט... די גרויסע מאָראלישע לערע, וועלכע אונזערע עלטערען האָבען אונז איבערגעגעבען בירושה, און זיך מוסר נפש געווען איבער איהר ביז וואַנען עס זאָל ווערען דאָס אייגענטום פון גאַנצען מענשלאכען גע־שלעכט און די מענשלאכע חיה וועט אויפהערען צו געוואלטעווען אין דעם לעבען פון איינצעלנעם און פון כלל״.

געריכטעט און אָריענטירט אין אלגעמיינע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע דערשיינונגען און די באַהערשענדע אַנשויאונגען פון דעם וועלטלאכען געדאַנק פאַר דעם לעצטען פערטעל פון 19טען יאָהרהונדערט, פירט אחד העם אימער צו זיינע באַטראַכטונגען און ווענדעט אָן זיינע באַשלוסען צום אידענטום, צו דער אידישער געשיכטע, צום אידישען פאָלק און דעם אידישען גייסט.

און אין דעם באַשטעהט די גאַנצע צויבער־קראַפט פון דער קאָ־לירפולער שעפערישער פערזענלאכקייט פון אונזער גרויסען דענקער,

וואָס ער פאַרמאָגט די מאַגישע סינטעטישע קראַפט, דעם אינטעלעק־טועלען סינטעז, דורך וועלכען ער שאַפט איבער אלע קולטורעלע ווערטען און פאַרבינדעט זיי צוזאמען האַרמאָניש.

ער איז אוטיליטאַריסטיש און מאַטעריאַליסטיש אין דעם פילאָזאָ־פישען זין, אבער דורך דעם האַרמאָנישען צוזאַמענהאַנג און סינטע־זירונג פון עוואָלוציע און אנטוויקלונג, אויסברייטערונג און השלמה, ווערען ביי איהם די מעכאנישע חלקים פאַרוואַנדעלט אין אָרגאַנישער גאַנצקייט און איינהייט, דער חומר גיסט זיך צענויף צוזאמען מיט׳ן רוח און, אלס רעזולטאַט, קומט ארויס די „סובלימירונג פון קערפּער דורך גייסט״.

זיין דאַרוויניסטישער אני מאמין, שטערט איהם ניט צו צושרייבען צו דער עטיש־סאָציאַלער גערעכטיגקייט א טראַנסצענדענטאלע באַ־דייטונג. ער האַלט אז „גייסט אָהן קערפּער״ איז נאָר א שאָטען, וואָס האָט קיין ממשות און פונדעסטוועגען איז ער געצוויגט אויף דער זייט פון גייסט, וועלכען ער גיט דעם פּאַרצוג.

„די צוויי גרונט־עלעמענטען אין מענשען, דער גייסטיגער און מאַטעריעלער, דאַרפען און קאָנען לעבען אין פאָלקאָמער אחדות, אין אינערלאכער האַרמאָניע, וועלכע קומט דורך דעם אריינדרינגען פון דעם גייסטיגען עלעמענט אין דעם סאַמע מאַטעריעלען לעבען, בכדי דאָס צו אויסלייטערען און אויסרייניגען פון דער העסלאכקייט, אזוי אַרום אז דאָס מאַטעריעלע לעבען, אין זיין פולען אויסדרוק, זאָל ווערען ווי א טייל פון גייסטיגען לעבען. דורך דער דאָזיגער אחדות איז ניט דער גייסט נידערט, נאָר דער קערפּער דערהויבט זיך. וואָרים דער גייסט פאַראיידעלט און פאַרהייליגט דעם קערפּער״.

זיינען באַציהונגען צו ניטשען זיינען שוין גאַרניט נעגאַטיוו. אדרבא, ער געפינט א היתר אויף דעם „סופּער־מענש״, אפילו לויט דעם אידישען גייסט, נאָר ער וויל קאָמבינירען און סינטעזירען די דאָזיגע פילאָזאָפישע לערע מיט דער אידשער סאָציאַלער לערע.

דער „סופּער־מענש״ אלס ענד־ציל — אודאי און אודאי, אבער ניט דער ווילען צו מאַכט, נאָר דער איבערוואָג פון מאָראַלישען כח, דאָס באַזיגען פון בעסטיאַלישען באַטריב, דאָס זוכען פון אמת און צדק אין געדאַנק און טהאַט און אייביגען קאַמף געגען ליגען און בייז.

דער סאָציאַלער עלעמענט אין אחד העם׳ס שאַפען האָט איהם געמאכט פאַר דעם אוטיליטאַריסטישען דענקער, דעם זוכער פון נוצען

פאר דער געזעלשאפט. אלעס איז צוליב געזעלשאפט, אפילו דאָס דענקען זעלבסט איז ניט זעלבסטשטענדיג און פאַר זיך, די שעהנע ליטעראַטור איז נאַר א קלייד פאר וויכטיגע פראָבלעמען און טעאָ־ריען, פסיכאָלגישע אדער סאָציאַלע.

די גאַנצע אידישע געשיכטע איז פאר איהם ווי א לאנג עטיש לעבען און ווירקען פון דעם איינצעלנעם לטובת הכלל.

אפשר אין קאַמף מיט דעם פאָליטישען ציוניזם האָט זיך אויס־געקריסטאליזירט זיין אייגענארטיגע שיטה, דער זאָגענאַנטער „קולטור־רעלער ציוניזם״ מיט זיין הויפט אידעע פון דעם „גייסטיגען צענטער״, וועלכער האָט אזוי שעפעריש סטימולירענד געווירקט אויף דעם גאַנצען נאַציאָנאל־ציוניסטישען געדאנקענגאנג. אבער אין תוך גע־נומען, איז עס ניט מעהר ווי א פועל יוצא פון זיין גאנצער אידיש־גייסטיגער אידעאָלאָגיע, פון זיין גרויסען אידעאַליזם און ראָמאַנטיק.

אלס שארפזיניגער גייסט און עכטער שעפער האָט אחד העם אויסגעהאקט און פלאסטיש קינסטלעריש פאָראייביגט אזעלכע באַ־רעליפען ווי „נאָכאמונג און אסימילאציע״, „פארשקלאפונג און פריי־הייט״, „אידען צרות״ און „אידענטום צרות״, אזא. אבער נאָך מעהר, און אפשר הויפטזעכלאך, צייגט זיך זיין אייגענאַרט אין דעם שעפערי־שען כח צו סינטעזירען און אויסגעפינען די אָרגאַנישע קרובה־שאַפט פון די אין עצם געגענגעזעצטע עלעמענטען און דערשיינונגען.

עס איז גענוג צו ברייגען נאַר א קורצע ליסט פון דואַליזמען צו זעהען ווי אחד העם באהאנדעלט סינטעטיש און ברייגט ארויס מיט אזא וואונדערבארען לאָגישען גלייכגעוויכט דעם צוזאמענהאַנג פון אידעען און באַגריפען, דערשיינונגען און השגות, ווי צ. ב., „יהדות ואנושיות״, „יהודים ויהדות״, „דת ולאומיות״, „עבר ועתיד״, „בשר ורוח״, „יחיד ואומה״, „כהן ונביא״, „קודש וחול״ אזא. אזא.

פון פארשיידענע פריוועז, פון פראגמענטישע אָפט צייטמעסיגע עסייען, איז אויסגעוואקסען א מאָנומענטאל ווערק ווי „על פרשת דרכים״, א לעבענס־ווערק פון דעם גרעסטען אידישען דענקער אין דער נייער צייט, דעם גרויסען אידישען אידעאָלאָג, וועלכער האָט באנייט און פאַראייביגט ווידער דעם אידישען גייסט.

עס רעפלעקטירט אין יעדען מינדעסטען ארויסטריט א טיפע אי־בערלעבונג און דורכטראכטונג, אן ערנסטער פאַרזוך „צו זיין דער מענש דאָרטען, וואו עס איז ניטאָ קיין אנדערע״ פון איינע פון די

גרעסטע שעפערישע פּערזענלאכקייטען פון אונזער דור, וועלכע האָבען דערשפּירט די געשיכטלאכע פאַראַנטוואָרטלאכקייט פאַר דעם גורל פון דעם אידישען פאָלק און זיין קולטור.

און אחד העם איז עס געוואָרען דער טעאָרעטיקער, דער דענקער, דער פּרעדיגער, דער לערער פון אונזער דור.

די 6 בענדער בריף (אגרות אחד העם) זיינען א דענקמאָל צום פיינפּיהלענדען, אידישען גייסטיגען אריסטאָקראַט, וועלכען ער שטעלט מיט זיך פאַר, די גייסטיגע אטמאָספערע, וועלכע רינגעלט איהם ארום, א מענשלאכער דאָקומענט, וועלכער קאָן דינען אלס וויכטיגער קוואַל פון אינטערפּרעטאציע צום גרויסען ווערק על פרשת דרכים און א שליסעל צום אויטאָר׳ס פּערזענלאכען הינטערגרונד, אן אינטימער אריינבליק אין דער נשמה פון דענקער.

וואָרים, כאָטש אחד העם האָט אָנגעהויבען זיין קאַריערע אלס א גרויסער צושטערער פון אילוזיעס, א ניכטערער, שאַרפער קריטי־קער פון דער אידישער געזעלשאַפט, איז ער אָבער שטענדיג געווען באַזעעלט מיט טיפען גלויבען אין דעם היסטאָריש־עטישען ווערט און באַדייטונג פון דעם אידישען פאָלק, זיין עטישער געניאַליטעט.

ער האָט עס אנטדעקט, אז אויב מיר האָבען געליטען צוליב אידישקייט טויזענטער יאָהרען, איז עס ניט געווען פּשוטע עקשנות אָדער נאַרישע פאַרווירונג. וואָרים קיין שום פאָלק נעמט אויף זיך ניט קיין ענויים און קומט ניט ארויס ענדלאך געגען דעם טעות, וואָס עס מאַכט.

מוז מען אָננעמען, אז דאָס אידישקייט, צוליב וועלכען דאָס פאָלק איז מאַרטירט געוואָרען, איז גאָר פאַר איהם א סם־חיים און עס קען גאָר ניט עקזיסטירען אָהן דעם.

„דער שטאַרבענדער מענש וועט אוועקשטאַרבען און אלע זיינע האָפנונגען פאַר דער צוקונפט קאָנען ניט אויסלייזען איהם פון גרוב; אָבער דאָס פאָלק, וועמענס לעבענס־פעדים זיינען גייסטיג און די פסיכאָלאָגישע געזעצען שטעלען ניט קיין גרעניץ צו זיינע יאָהרען און אן ענדע צו זיינע כחות, דאָס פאָלק, אויב עס געלינגט איהם אריינצוברענגען אין זיין איך דעם גרונט פון דער צוקונפט אפילו אין דער פאָרם פון א פאַנטאַסטישער האָפנונג נאָר, האָט עס שוין געפונען פאַר זיך א לעבענס־עליקסיר, א גייסטיגע דערנערונג, וועלכע וועט

אויפהאַלטען איהם פאר לאַנגע יאָהרען, טראָץ יעדע קראנקהייט און שוואכקייט.

און וויבאַלד דאָס פאָלק לעבט איז ניט אויסגעשלאָסען, אז ווען ניט איז זאָל דער צופאַל איהם ברייגנען צו א לעבען צווישען שטאַרקע און געזונטע פעלקער און דאָס מילך, וואָס עס וועט איינזויגען פון די געזונטע, וועט פאַרוואַנדעלט ווערען אין געזונט בלוט, איז יוגענט־בלוט, דערפילענדיג אין זיך נייע כחות, נייע פאַרלאַנגען, וועלכע זאָלען איהם באַוועגען צו ארבייטען פאר דער צוקונפט, אַנווענדענדיג דערפאר זיין גאַנצע פיזישע און גייסטיגע ענערגיע".

נאָר אַזאַ שטארקער אָפּטימיזם און גלויבען אין פאָלק האָט בייגעקומען ביי אחד העם זיינע ספקות און צווייפלען אין זיך זעלבסט און האָט איהם געמאכט פאר איינעם פון די גרעסטע שעפערישע פיגורען, וועלכע שאַפען די אידישע געשיכטע פון דער נייער צייט.

III

נאָהענט־פרעמדע און פרעמד־נאָהענטע

י. זאַנגוויל

פון דער אַלטער לעגענדע און דעם נייעם מיטוס, וואָס האָלט זיך אין פאָרמירען אומאויפהערלאך און אומאונטערבראָכען, וועגען אידען, איז ארויסגעשוואומען די פערזענלאכקייט און דער שעפערישער שוואונג פון דעם גרויסען אידיש־ענגלישען קינסטלער און געזעלשאפט־לאַכען פירער און וועג־ווייזער, ישראל זאַנגוויל.

דאָס אידישע פאָלק, דער איד, שטעלט מיט זיך פאָר פון שטענדיג אָן איינע פון די געשיכטלאכע רעטענישען און וואונדער, וואָס באַשעפטיגען אַזוי פיל די מחות און דער פאַנטאַזיע, וואָס גיבען אַזעלכע רייכע מאָטיוען פאָר קינסטלערישע וויזיאָנען און ליטעראַרישען שאַפען.

אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור איז אָבער דער איד כמעט שטענדיג געווען און איז, ביז א געוויסער מאָס, פאַרבליבען די קאָנ־ווענציאָנעלע פיגור.

אויב ער ווערט ניט רעפּרעזענטירט אלס „שיילאָק”, איז ער „נתן דער חכם”, אָבער אימער אַבסטראַגירט און איינזייטיג, שאָטען אָהן ליכט, אָדער ליכט אָהן שאָטען.

ניט אומזיסט איז זאַנגוויל נאָך זיין ארויסטרעטען מיט זיין באַוואוסטען ווערק „די קינדער פון דער געטאָ” געוואָרען באַלד באַרימט און דאָס ווערק זיינס ווייט און ברייט פאַרשפרייט, אלס דער נייער און אפשר דער איינציגער דיכטער פון דער געטאָ.

וואָרים, זייענדיג אפשר אַזוי פרעמד פון דעם אידישען גייסט, פון דעם לעבען און וועזען פון דער געטאָ, ווי די „אייניקלאך פון דער געטאָ”, וועלכע ער שילדערט פאָר אונז, באַזיצט ער די דאָזיגע אינערלאכע טיפקייט און קאָמפּליצירטען פאַרוויקעלטען פערסאָנאַלען קאָמפּלעקס פון דעם אמת׳ן דיכטער, וואָס איז ביכולת אויפשטעלען דאָס בילד פון די בלויזע סוגזשעסטיאָנען און רמזים, פון די ברעק־לאך און שטויב, וואָס ליגען אין די הויפענס אויף די חורבות פון דער צעפאַלענער געביידע.

דערביי שעפּט ער מיט א פולער האַנט פון די קוואַלען פון זיין אייגענער אינטימער נאָהענטקייט, פון דער נאָהענטער און כמעט אייגענער באַציאונג צו היסטאָרישע פאַקטען, צו דער אידישער פאַר־גאנגענהייט, וואָס גיט דעם שליסעל צו דער ווירקלאַכקייט.

אין דעם אופן ווי אזוי ער רעפּראָדוצירט זיין ארייננבליק אין דער דערשיינונג פון דער געטאָ און ניט נאָר אין „די קינדער פון דער געטאָ", נאָר אויך אין זיינע קאָמעדיעס און טראַגעדיעס און אפילו אין זיינע „טרוימער פון דער געטאָ", איז זאַנגוויל דער היסטאָרישער ראָמאַניסט, וואָס באַלעבט און לעבט אויף די ווירקלאַכקייט, ווי פון דעם מיראַזש פון דער פאַרגאַנגענהייט.

אָט דערפאַר האָט ער כמעט אַנטפּלעקט און דעפיניטיוו באַשטימט דעם קינסטלערישען אמת, וואָס ער האָט געטראָגען מיט זיך און וואָס ער האָט ווי דורך א מאַגישען צייכען פון זיין פאַנטאַזיע ארויס־געצויבערט.

מיר האָבען אפשר אין דער אידיש־העברעאישער ליטעראַטור נאָך פאַר זאַנגוויל׳ן גרינדלאכער ארייננגעדרונגען אין דער זעלבער דער־שיינונג, אינטימער זי באַהאַנדעלט. אָבער נאָר דורך זיינע הענט איז זי ארויס בולט׳ער און אַנגעזעהענער אין איהרע אלגעמיינע שטרי־כען און אין דעם גאַנצען כאַראַקטער.

דוקא ווייל פאַרפרעמדט אָדער אָפּגעפרעמדט האָט דער דיכטער געהאַט די געהעריגע פּרעספּעקטיווע צו באַטראַכטען די דערשיינונג פון דער געטאָ אלס אַ גאַנצעס און נאָכקוקען איהר שייכות צו דער ארומיגע וועלט, זי באַמערקען ווי דעם „קליינינקען אינזעל אויף דעם ים פון די גרויזאַמע זאָאָלאָגישע מענשלאכע שטורמען".

עס איז דעריבער קיין וואונדער, וואָס זיין ווערק, זיין לעבענס־ווערק, איז דאָס ערשטע געלונגענע מייסטערווערק, וואָס איז געווען סטימולירט פון זיין קינסטלערישער וויזיאָן און וואָס אנטהאלט אין זיך די הויפּט־יסודות און אָנדייטונגען פון זיין שעפערישער פאַנטאַזיע, דעם הויפּט־נערוו און טרייב־קראַפט פון זיין גאַנצער ווייטערער לאַנג־יאָהריגער טעטיגקייט.

אַ דאַנק זיינע „קינדער פון דער געטאָ" וועט זאַנגוויל זיכער פאַרבלייבען דער קלאַסישער דיכטער פון דער געטאָ זעלבסט אין דער וועלט־ליטעראַטור.

ער האָט עס פאַרמאָגט דעם דאָזיגען ראַפינירטען חוש פאר דאָס

עקזאָטישע און אָריענטאַלישעס וואָס האָט איהם צוגעפּאסט צו ווערען דער קינסטלערישער אַנטדעקער פאַר דער ברייטער וועלט פון דעם אידישען קיבוץ, וועלכער האָט פאַרטראָגען מיט זיך אין איראפּא דעם אַלטען, העלען און פאַרבענרייכען אָריענט, דעם איד, וואָס האָט פאַרקערפּערט מיט זיך דאָס אידישקייט און דאָס אידישע פאָלק.

דער צום אָנהויב „דיקענסיאַנישער" הומאָר, וואָס האָט זיך ביי זאַנגוויל'ן אנטוויקעלט צו דער ריין אידישער שאַרפער איראָניע און שניידענדען סאַרקאַזם פון היינע, צו סימפּאַטישע האַלב סענטימענטאַלע מיטגעפילען, גיבען איהם צו דעם גלאַנץ פון אייגענטימלאכער אייגענאַרטיגקייט און באַפעסטיגען נאָך מעהר זיין קינסטלער־פּאָזיציע, וואָס ער פאַרנעמט.

און דאָך איז ער אָבער פאַר אונז אין דער דאָזיגער הינזיכט, אין דעם דאָזיגען אָרט שאַפען זיינעם, ניט דער נביא און קינסטלער, וואָס ברייננגט דעם הייליגען באַלזאַם פון דער בשורה פון אויסלייזונג פאַר זיין פאָלק, ניט דער עכטער סינטעטיקער פון פאָלקס־גייסט און זיין אייגענעם אינדיווידועלען שעפערישען דראַנג.

דער קינסטלער, וואָס שעפּט אינפאָרמאַציע פון שעכטער'ן איבער חסידות, צום ביישפּיל, אנשטאָט צוצוקומען צו די לעבעדיגע שפּורען און צייכען, וואָס עס האָט איבערגעלאָזט אויף דעם אידישען לעבען, איז עלול צו אריינפאַלען און געשטרויכעלט ווערען אין דעפעקטען אין זיין שאַפונג, וועלכע קאָן אונז שוין ניט צופרידענשטעלען אזוי ווי די אַנדערע פּראָדוקטען פון שאַפען, וואָס זיינען ביי אונז אַרויס־געוואַקסען אויף דעם זעלבען געביט.

מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז זאַנגוויל, דער גרויסער קינסטלער, האָט אליין נידערגעשעצט זיין רעאַליזם און זיין טרייהייט צו דער ווירקלאכקייט דערמיט, וואָס ער האָט זיך באַנוגענט מיט זיין גרינד־לאָכען קענען און וויסען די לאָנדאָנער געטאָ און האָט קיינמאָל ניט געזוכט זיך צו באַקענען נעהנטער מיט די זעלבע טיילען, וועלכע, איידער זיי זיינען ארויסגעריסען געוואָרען פון זייער פאָריגען גרונט, זיינען זיי געווען זעלבסטשטענדיגע גאַנצע פלאַנצען אויף זייער באָדען.

עס איז אָבער דאָ איין אַנדער געביט פון שאַפען, מיט וועלכען זאַנגוויל האָט זיך קונה־שם געווען אויך אין אונזער ליטעראַטור און אויף וועלכען ער איז דערווייל ביי אונז דער איינציגער, דער יחיד במינו.

דאָס איז דער שעפערישער טרוים און פאַנטאַזיע, וואָס קוועלען ארויס פון די אינערלאכע שטראָמען פון זיין נשמה, פון די טיפע־נישען און תהומען פון דעם דיכטערס אייגענער וועלט.

אפשר ציגט זיך דאָ ניט אַזוי באַשטימט דער קינסטלערישער אויסדרוק, ניט אַזוי פאָלקאָם די אויסערלאכע פאָרם, אָבער אָט דאָ איז דער דיכטער אמת טריי צו זיך זעלבסט און אָט דאָ ווייזען זיך אַרויס זיינע עכטע קינסטלערישע מעגלאכקייטען און פאָטענצען.

קומענדיג פון דער אויסערער וועלט, האָט זיך זאַנגוויל דער־נעהנטערט צו זיך זעלבסט, אַראָפּגעוואָרפען די פרעמדע מאַנטלען— און זיך צוהערענדיג צו זיך זעלבסט, זיך צונויפגעגאָסען מיט זיינע אייגענע פאַנטאַזיעס, חלומות, ניט דערגרייכטע האָפנונגען און פאַר־שוועכטע טרוימען.

ער האָט זיך אויסגעזוכט זיין אינטימען ווינקעל אין דער נשמה פון פאָלק, וואָס איז געשיכטלאך — איין אומפאַרווירקלאכטער און אפשר אומפאַרווירקלאכבאַרער טרוים.

„פון צייט צו צייט כאַפּט זיך אויף א פאַנטאַזיאָר, א טרוימער, וועלכער נעמט אָן ערנסט דאָס ליפען־גלויבען פון דער וועלט און די וועלט טאָפּטשעט ווידער מיט די פיס אויף אַן אַנדער נאַר״.

און אַזעלכע נאַראָנים זיינען זיינען ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי שפינאָזא אָדער היינע, לאַסאַל אָדער ביקאָנספיעלד, אוריאל אַקוסטא אָדער שבתי־צבי, שלמה מיימאָן אָדער דער בעש״ט.

דאָס זיינען די עכטע טראַגישע העלדען פון גייסט, וואָס סימ־באָליזירען מיט זיך און פאַרקערפּערען די איידעלסטע ניואַנסען פון דער אידישער פאָלקס־נשמה, דעם גאַנצען זין פון דער אידישער געשיכטלאכער פאָלקס מאַרטיראָלאָגיע.

זאַנגוויל איז אזוי איבערגעפילט מיט די דאָזיגע „אינערלאכע טרוימען״ פון רעכט און גערעכטיגקייט, אז, אין דער דאָזיגער צעוואָ־רעמטער אַטמאָספערע פון סובלימע רעליגיעזע רעפלעקסען, וואו ער זעהט, אַז יעדע רעליגיאָן האָט געגעבען עטוואָס גרויסעס צו לעבען אָדער שטאַרבען פאַר דעם, — חלומ׳ט ער אליין פון א נייער רע־ליגיע, לויט דעם נייעם קאָסמאָס.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז פאַרטיפענדיג זיך אין זיך זעלבסט און דערנעהנטערענדיג זיך צום אידישען גייסט, האָט זאַנגוויל, דער דיכטער און קינסטלער, געמוזט דערפילען די דאָזיגע סתירה, וואָס

ער דריקט אויס אין אַ פאַרצווייפעלטע פּאַטעטישע פראַגע פון היינע:
„ווער זיך קיינמאָל ניט ענדיגען דער שטרייט צווישען איד און גריך?"

דעם דאָזיגען אינערלאכען אַנטאַגאָניזם לעבט געוועהנליך איבער יעדער אידישער קינסטלער אין זיינע פריהע סטאַדיען פון אנט־וויקלונג און עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זאַנגווילען זיך אָנצו־שטויסען אויף דעם אין דעם סאַמע רייפסטען צושטאַנד, וואָרום זיין וועג צו אונז איז פון דעם אויסערלאכען צום אינערלאכען.

די דערוואַכונג פון זיין אידישער אינדיווידואַליטעט איז ביי זאַנגוויל פון די לעצטע און ניט די לעצטע שטופּע פון זיין קינסט־לערישען שאַפען; זיין אידישער הינטערגרונד האָט איהם באַהערשט און איהם געצוואונגען צו זוכען אַ פאַרענטפערונג צו זיינע קינסט־לערישע פּראָבלעמען.

אויף וויפיל עס רייסט זיך אריין די פאַנטאַזיע און פאַרנעמט דאָס אָרט פון דער רעאַלער ווירקלאכקייט ווערט זיין סקעפּטיציזם פאַרוואַנדעלט אין גלויבען, זיין סאַרקאַזם און איראָניע — אין טיפען מיטגעפיל און סימפּאַטיע, און זאַנגוויל ווערט זעלבסט דער פּרינץ פון חלום און טרוים.

פון דאַנען קאָן אונז ווערען פאַרשטענדלאך יענע סכעמעס, וואָס ער בויט אויסער דער שעהנער ליטעראַטור, פאַר דער דערלייזונג פון אידישען פאָלק.

אָט דאָ איז זאַנגווילס קומען פון דער אויסערער גרויסער וועלט און זיין באַהעפטען זיך מיט אונז פון גרויס באַדייט.

ער האָט עס געבראַכט צו אונז, אָדער אומגעקערט אונז, דעם גרויסען סטיל אין שווערמעריי און טרוים.

ער האָט עס פאַרשעהנערט און פאַרפיינערט אונזערע חלומות און פאַנטאַזיעס און מיר פיהלען אין זיי אַן עסטעטישע באַפרידיגונג.

ער האָט עס אונזערע טרוימען געריכטעט צו דער בשורה פון זעלבסט דערלייזונג און דערהויבונג.

און אָט דערמיט איז ער אונז געוואָרען אזוי נאָהענט און אינטים און דערמיט קויפט ער זיך אויס ביי אונז פאַר זיין זעהר טאַלאַנט־פולער האַלב פרעמדקייט פון אונז.

היינריך היינע

אין דעם געשיכטלאכען צוזאמענשטויס אין אלטערטום מיט דעם העלעניזם, מיט דער אלטער גריכישער קולטור, איז דער אידישער גייסט אודאי געשטאַרקט און באפעסטיגט געווארען, זיך קלאָרער און דייטלאכער אויסגעשפּראכען און נאָך אמאָל געפונען זיין געהעריגען אויסדרוק מיט מעהר זעלבסט־באַוואוסטזיין און זעלבסט־באַשטימונג.

עס איז אבער אָפּגעטראָטען אָן א זייט יענע שעפערישע רוהיג־קייט פון פאָלקס עפּאָס, יענע קאָנקרעטע בילדלאכקייט פון שאפען, יענע איינפאַכע הארציגע פּאָעזיע פון דעם נאַאיווען, נאַטירלאכען לעבען, מיט וועלכען עס צייכענט זיך אויס דער גלאָרייכער אָפּשטאַם פון ביבלישען שאַפען.

די פארצויגענע לאַנגע היסטאָרישע קאמפען פאר זעלבסטשטענ־דיגקייט פון אידישען פאָלק און די פאטעטיש־טראַגישע פאָלגען האָ־בען ביסלאכווייז אריינגעטראגען ענדערונגען אין דער פאָלקס־נשמה און זי אָנגעפילט מיט לירישען פאַטאָס און געפיהלענס־געמיט און אריינגעבראכט אן איבערטוישונג אין איהר פּסיכישער צוזאַמענשטע־לונג.

און דער עכטער יורש פון דעם דאָזיגען אידישען ליריזם, דער גרעסטער לירישער פּאָעט פון אלע פעלקער און אלע צייטען איז ניט קיין אַנדערער ווי היינריך היינע.

נאָך אמאָל איז געשעהען דער וואונדער אין דעם שעפערישען אויפשטייג פון דעם מאָדערנעם אידישען געניוס, פּונקט ווי עס האָט זיך אנטפּלעקט אין דעם פארצייטיגען ביבלישען שאפען. פּראָמע־טעאוס האָט זיך אָפּגעריסען פון די קייטען און איז אלמענשלאך אוניווערסאַל־שעפעריש געווארען פאר אַלע צייטען און פאַר אַלע דורות.

דאָס ברויזענדע שאפען, דער קוועקזילבערדיגער שפּרודעלדיגער גייסט, די פילפארביגע און קאָנטראסטענפולע פּאָעטישע פּערזענלאכ־קייט פון היינע קאָן נאָך עד היום נאָך אלץ ניט פארשטופּט און פאַרשטויסען ווערען אין די ראַמען פון דער פאַרגאַנגענהייט, אדער אראָפּגעהן פון דער ארענע פון אקטועלען אינטערעס פאר דער מענש־הייט.

נאָך עד היום צאַפּעלט זיך פאַר אונז און וויברירט אין זיין ליטעראַרישער ירושה דער לעבעדיגער, אויפגעלעבטער גייסט פון אידישען געניוס, וואָס איז אזוי אי נאַציאָנאַל אי אוניווערסאַל אין זיין שוואונג און באַדייטונג.

„איך האָב אייך קיינמאָל ניט געליבט, איהר געטער! מיר זיינען די גריכען דערווידער און די רוימער העסלאַך, אָבער מיין האַרץ איז דורכגעדרונגען מיט הייליגען רחמנות און מיטגעפיהל, ווען דאָר־טען, אויבען, זעה איך אייך, געטער, פאַרלאָזענע, טויטע, נאַכטלאַכע, בלאַנדזשענדיגע שאָטענס, שוואַכע, ווי דער נעפּעל פון ווינט צו־טריבען... איך האָב אויף אייך רחמנות און וואָלט גרייט געווען צו קעמפען פאַר אייך, אלטע געטער, פאַר אייערע אַלטע רעכט. וואָרים כאָטש אמאָל, אין דעם מענשלאַכען קאַמף, האָט איהר שטענדיג גע־האַלטען מיט די זיגער, אָבער דער מענש איז גרויסמוטיגער פאַר אייך און אין דעם קאַמף פון געטער בין איך אויף דער זייט פון די געטער, די באַזיגטע"...

אָט דאָס איז דער העלעניזם און פאַגאַניזם, מיט וועלכע דער געניאַלער אידישער דיכטער פון דער מאָדערנער צייט פלירטעוועט. היינע, דער קאָמפּליצירטסטער פּאָעט פון דער מאָדערנער צייט, פול מיט סתירות און ווידערשפּרעכונגען, צוריסען און צושפּאָלטען אין זיינע געפיהלען, אין איבערלעבונגען, איז אין געוויסע מאָמענטען פאַרכאַפּט געוואָרען פון צויבער פון קלאַסישען העלעניזם.

אין דעם „נאַרדזעע" ציקל עפענט זיך פאַר די פּאָעטישע אויגען זיינע די וויזיאָן פון דער אַנטיקער מענשהייט, וועלכע לעבט א נאַטיר־לאַכען אוממיטעלבאַרען לעבען, שטאַרק און קרעפטיג ווי די נאַטור זעלבסט, דער גייסט פון העלדען־געטער, וועמען עס איז פרעמד יעדע צווייענדיגקייט, וועלכע ווייסען ניט פון קיין צווייפעל אָדער זעלבסט אַנאַליז, די נאַטור זעלבסט מיט איהר גאַנצער נאַאיוויטעט און קראַפט, געגען וועלכער דער מאָדערנער מענש זעהט אויס ליליפּוטיש, הילפלאָז און נישטיג.

היינע איז אָבער ניט קיין פולבלוטיגער העלענער און לויט זיין אייגענער דעפיניציע פון העלעניזם איז ער אליין א קנאַפּער העלענער, אויב ניט דער היפך פון דעם, וואָס ער רופט אָן קינסטלער, וואָרים ער איז עס דער פּאָעט פון באַגייסטערונג און ענטוזיאַזם, אנטוישונג און פאַרצווייפלונג, דער אייגענטלאך לירישער פּאָעט, דער יעניגער, ביי

וועמען צום אלעם ערשטען טרעטען ארויס אין פּראָצעס פון זיין שאַפען די געפיהלען און עמאָציעס און ניט די בילדער און וויזיאָנען, און, ווען ער שאַפט בילדער, זיינען זיי באַפאַרבט מיט זיינע סוביעקטיווע געפיהלען, זיינען נאָר א פאָרמע פאַר געפיהל, א מיטעל פאַר דעם קינסטלערישען אויסדרוק.

ער האָט אָבער ריכטיג אויפגעפאַסט דעם גריכישען גייסט און אריינגעדרונגען אין דער הארמאָנישער באַלאַנסירונג פון גייסט און קערפּער, אין דעם קולט פון לעבענס פרייד, ווייט פון נעבעלהאפטע אומבאַשטימטע שטרעבונגען און זעהנזוכט, יענע אלימפּישע רוהיגקייט, וועלכע איז איהם דאָך אזוי געווען דערווידער.

די שטורמישע נשמה פון פּאָעט ווערט צוגעצויגען צום אידעאל אָדער צום מיראזש פון גייסטיגער הארמאָניע און אינערלאכער באַלאַנסירונג. אָבער פאַר דער זעעל, אין וועלכער די איראָניע איז שטענדיג וואַך און עס דרימעלט ניט אין איהר דער סאַרקאַזם, זיינען פאַרשטעלט די וועגען אי צום נאַאיווען גענוס פון לעבען, פאַר וועלכען נאָר די אוממיטעלבארע נאַטורען זיינען געאייגענט, אי צו יענעם ווייזען קולט, פון וועלכען געטהע איז דער כהן גדול געווען.

„געטהע און איך, זאָגט היינע, זיינען פונדאַמענטאל פון אַזאַ מין נאַטור, אז מחמת אונזער העטעראגענישען כאַראַקטער מוזען מיר אָפּשטויסען איינער דעם אנדערען. ער איז אייגענטלאך א מענש פון לייכטען לעבען, ביי וועמען די פרייד פון לעבען איז דאָס העכסטע... און ער דרוקט עס אויס אין פּאָעמען.

איך פון דער אַנדערער זייט בין, הויפּטזעכלאך, אַן ענטוזיאַסט, ד. ה. איינער, וועלכער איז באַגייסטערט פון דער אידעע ביז צום אָפּפערען זיך זעלבסט און בין געצוואונגען שטענדיג צו פאַרלירען זיך אין לעבען. אָבער איך האָב עס אָנגעגריפען פעסט די פרייד פון לעבען און זיינע פאַרגעניגענס — און איצט קומט פאַר אין מיר א שטרייט צווישען קלאָרען שכל, וועלכער סאנקציאָנירט די פרייד פון לעבען און לייקענט אָפּ יעדען קרבן פון אינספּיראציע און נאַרישקייט און מיין ענטוזיאסטישער טענדענץ, וועלכע שפּרינגט אָפּט ארויס פון מיר, פאַרפלייצט מיך, באַהערשט מיך און שלעפּט מיך אפשר אנידער צום אוראַלטען קעניגרייך, כאָטש בעסער געזאָגט שלעפּט עס מיך ארויף, מחמת עס איז נאָך אלץ א גרויסע פראגע צו דער ענטוזיאסט, וועלכער גיט אפילו זיין לעבען פאַר דער אידעע,

צו ער לעבט ניט מעהר און גליקלאכער ווי דער הער געטהע אין זיינע אלע 75 יאָהרען פון עגאָאיזם און קאָמפאָרט.״

זיכער איז היינע, אויב ניט אזוי טיף ווי דער „וויימארישער פילאָזאָפישער דיכטער״, פיל פאַרביגער און רייכער אין זיין פּאָעזי, ווארים אין איהם האָבען זיך אָפּגעשפּיגעלט די אריענטאַלישע ווי־זיאָנען, די וויזהייט און קלוגשאפט, שאַרפקייט און בליציגקייט פון דער אלט־יונגער, אָדער אלטער און אייביג יונגער און זיך באַנייענדער אידישער ראַסע.

די אקומולירטע גייסטיגע אוצרות און קינסטלעריש־עסטעטישע שטרעבונגען, וועלכע האָבען קיין אויסדרוק ניט געפונען זייט דער ארכאַאישער ביבעל, האָבען זייער תקון געפונען אין א מאָדערנסטער אויפלאגע.

אפשר איז דאָס ווידער געווען דער דועל צווישען דוד און גלית, דער דאָזיגער אומפארגלייכלאכער און אומפארגלייכבארער שטרייט, וועלכער האָט ווידער אמאָל אויפגעטויבט, בכדי ווידער אמאָל אויפלעבען דעם אידישען שעפערישען געניוס און דערוואַכען, אויפ־וועקען זיינע כחות.

און וואָס פאר א פּאַראַדאָקס די געשיכטע האָט עס צוגעגרייט פאַר דעם דייטשען פאָלק.

היינע, וועלכער האָט ניט געהאט קיין טראָפּען דייטש־„אריש״ בלוט אין זיך האָט עס געקאָנט אבסאָרבירען, ניט אימיטירען, נאָכ־מאַכען, נאָר רעפּראָדוצירען און ווידערשאַפען דעם סטיל און גייסט פון גערמאַנישען פאָלקס־ליד, מעהר איבערצייגענד ווי קיין דייטשער דיכטער אויסער אפשר געטהע׳ן. ער האָט עס געוואוסט ווי איבערצו־געבען דעם טאָן און אימפעט פון פאָלקס־ליד, אפילו אין זיינע אייגענע קאָמפּליצירטע עמאָציעס. און דער צוגויפגוס פון איינפאכקייט און ראַפינירטקייט גיט צו א באַזונדער חן און רייץ צו זיינע „ראָמאנ־צען״, „לארעליי״ און „פילגרים צו קעווא לאאר״, וועלכע וועלען פארבלייבען ווי פּערלען פון דער וועלט־ליטעראטור. די דאָזיגע קונסט צו קאָמבינירען דעם לאקאנישען מעטאָד פון פאָלקס־ליד מיט זיין אייגענער באַוואוסטזיניגער קונסט איז געווען דער סוד פון היינעס זשאַנר, און זיין צויבער, וועלכער האָט אָנגעהאַלטען ביז סאָמע ענד פון זיין שעפערישער פּאָעטישער קאַריערע.

עס איז געשעהען דער וואונדער, וואָס דער אידישער דיכטער

האָט אדאַפּטירט צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע די דייטשע קולטור ספערע און האָט געשאפען אין עכטען פאָלקסטימלאכען גערמאַנישען גייסט. נאָך מעהר, ער האָט גענומען די גוטעראלע הארטע קלאַנגען און האמעטענע רויע פאָרמען פון דער דאמאָלסדיגער דייטשער שפראך, וועלכע איז אפשר גענוג געווען פאר מעטאפיזישע ספעקולאַציע, און האָט זי פאַרוואַנדעלט אין א באַוועגלאכען, עלאַסטישען, ראַפינירטען אינסטרומענט, פלאַסטיש, מוזיקאליש און פול מיט מילדקייט.

וואָרים אפילו די ניבעלונגען לידער, און זייער פאָלקלאָרישער אָדער כמעט עטנישער פאָרם, ווי פון שטיין מיט א ריטם פון גראניטען הויפענס, קאָנען ניט אויסהאַלטען קיין פארגלייך מיט די טרובאדורען און מינעזינגער.

היינע איז אויפגעוואקסען אין א צייט פון פאָליטישער רעאַקציע און באנקראָט פון אידעאליזם פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציע, אנטוישונג פון דעם מעטערניך רעזשים, די גרויסע אידען־פיינטלאַכע באַוועגונג אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דייטש־נאַציאָנאַלער באַוועגונג נאָך דעם פארטרייבען פון נאַפּאָלעאָן.

געטהע האָט זיך עטאבלירט פעסט מיט די אריסטאָקראַטישע טרעגער פון דער דייטשער קולטור. היינע האָט אָבער ניט געהאט קיין וואָרצלען און קיין טראַדיציע. א איד אין דייטשלאנד, א דייטש אין פראנקרייך, א איד צווישען קריסטען, א משומד צווישען אידען — און ניט אנערקענט פון קיינעם. זיין פּאָעזי האָט זיך אָנגעהויבען ווי א טייל פון גערמאנישען ראָמאַנטיזם, וועלכער איז דורכגעדרונגען געווען מיט גייסטיגער רעאַקציע און קאָנסערוואַטיזם.

אזוי ווי די געשיכטע אליין וואָלט דעטערמינירט היינע׳ס פּאָעטישען שיקזאַל צו ברייגגען די שטראָף פון קלאָרער ניכטערקייט אין דער פאר׳שכור׳טער געדעמפּטקייט, צו דורכלויכטען דעם הימעל און די גאַנצע אטמאָספער מיט זיינע שניידענדע בליצען און דונערען. האָט איהם דאָך די נאַטור באַשאָנקען מיט אַזאַ רייכטום פון זינן און גייסט, פון גערייצטקייט און אומרוהיגקייט, פון עמפינדלאכקייט און זעלבסטשטענדיגקייט. איז עס איהם באשערט געווען צו אונטערגראָבען די עקזיסטענץ פון דעם דייטשען ראָמאַנטיזם און זיך אָנגורטען צום קאמף געגען דעם גאנצען ראָמאַנטישען דור כמעט איינער אליין.

„איך בין דער לעצטער דראַמאַטישער דיכטער. מיט מיר איז די אַלטע לירישע שולע ביי דייטשען געשלאָסען געוואָרען און צו דער זעלבער צייט איז די מאָדערנע דייטשע ליריק געעפענט געווארען. דיזע דאָפּעלטע באַדייטונג ווערט מיר פון די דייטשע ליטעראטור היסטאָריקער צוגעשריבען", שרייבט דער פּאָעט.

און ווירקלאך האָט היינע, מיט דעם איבערפלוס פון זיין איראָניע, מיט דער ביטערער סאַטירע, געמאַכט אַן ענדע צום אַלטען פאַרשי־מעלטען ראָמאַנטיזם. מיט דעם באַזונדערען אידישען ראַציאָנאַליזם, דעם פּראָדוקט פון ביטערע געשיכטלאכע דערפארונגען און אנטווי־שונגען, האָט ער אראָפּגעריסען די מאסקע פון דומהייט און קליינ־בירגערלאכקייט. ניט אומזיסט האלטען פילע קריטיקער, אז היינע'ס סאַרקאַזם און איראָניע, זיין גאַנצע סאַטירע איז ווי א נקמה־אַקט פון זיין פּאָעטישער מוזע פאר דער גאַנצער באַליידיגונג און דערני־דערונג, פאר דער גאַנצער שענדלאכער באַהאַנדלונג פון א פארשאָל־טענעם פרינץ, וואָס שטאַמט פון העכסטען מענשלאכען אדעל.

דער ראָמאַנטיזם איז איבערהויפּט צוזאַמענגעפאַלען מיט דעם באַזונדערען לירישען כאַראַקטער פון היינע'ס פּאָעזי, די נשמה פון דיכטער, וואָס איז אליין דער עמפּינדלאכסטער מוזיקאלישער אינס־טרומענט, וועלכער וויברירט צום מינדעסטען שאָרך פון ווינט, דעם קלענסטען און לייכטסטען אָנריר, די אויפגערעגטע און אויפגערייצטע געפיהלען, די גאַנצע טראַגעדיע פון ניט אָפּגעענטפערטע ליבע, פאַ־טאַלע קיינמאָל ניט אָפּגעשטאָרבענדע, די פארצווייפלונג און דער געלעכטער פון ווייטאָג, די אומרוהיגקייט פון הארצען. זיין אומ־גליקלאכע ליבע מיט דער קוזינע „אמאליע" האָט זיין הארץ פאַר־וואונדעט און פאַרבלוטיגט נאָך אין דער יוגענד און די גאנצע וועלט איז פארזונקען געוואָרען אין זיינע ליבעס לײדען, וועלכע האָבען געפונען דעם אָריגינעלסטען פּאָעטישען אויסדרוק אין דעם „בוך לידער".

„דו האָסט ארויסגערעדט דאָס קליינטשיקע וואָרט, וואָס איז אזוי גרויס: ליבע, דאָס וואָרט, וואָס שאַפט און האַלט אויף וועלטען — און טויזענטער מלאכים ווידערהאַלען עס מיט אנטציקונג און עס הילכט אויבען אין די הימלען. דו האָסט אויסגערעדט דאָס וואָרט — און די וואָלקענס בויגען זיך אויס דאָרטען אויבען הויך ווי די קופּאָלען פון קירכע... די קליינע פליגעלאך פליסטערען אויס די

פרומע געזאַנגען, די ערד אָטעמט מיט זיסען דופט פון קטורת, די קארבען בלומען דרעסירען זיך ווי אלטארען; די ערד אליין איז די קירכע פון ליבע!"

דעם פּאָעטס נשמה, געטראָגען אויף די כוואַליעס פון פארשי־דענע אינסטינקטען און עמאָציעס, האָט אויסגעשריען איהר פּיין און טרויער צומאָל און אָפט זיך אומגעקערט צו זיך זעלבסט מיט א ביטערער איראָניע. אָבער היינע איז הויפּטזעכלאך אין זיין ליריק געווען דער פּאָעט פון שעהנקייט און פון געזאנג פון לעבען און אין זיין האַרצען האָט ער געלאָזט פריי זיין פאַנטאַזיע הערשען. עס איז אפשר ווייניג באַקאַנט, אז היינע האָט גענוצט זיין אגרעסיווע איראָניע געגען זיינע אייגענע עמאָציעס. עס איז אַ פאקט, אז די דערינערונג פון דער „סנאבישער" אַמאַליע האָט שטענדיג דערוועקט אין איהם ניט נאָר דאָס טרויעריגע און צאַרנדיגע, נאָר אויך ראַכע געמענדיגע. ווי נאָר ער האָט זיך איבערגעגעבען צו מעלאַנכאָליע האָט ער זיך צוזאַמענגענומען מיט דער הילף פון דעם גאַליגען געלעכטער, אַנגע־לאָדען מיט גרויזאמען סארקאַזם.

א ליידענשאפטליכער ליבהאָבער פון דער וועלט פון שעהנקייט אין אלע איהרע פאָרמען, האָט ער פאָרמירט ווערטער און מעלאָ־דיעס, אין וועלכע דער פארווייטאָגטער מאָדערנער און נייער גייסט קאָן געפינען זיין טרייסט און זיין אויסדרוק פאר די אייגענע פאר־פלאָנטערטע און קאָמפּליצירטע ווייטאָגען. ער, דער פּאָעט פון האַלבע טענער און געבראָכענע אַקאָרדען, פון יענע סובטילע שאָטענס פון געדאַנק און עמאָציע, האָט אויסגעדריקט די דיסאָנאַנסען פון דער מאָדערנער וועלט אין פערזען פון דעליקאטער, ראַפינירטער און העכסט עסטעטישער שעהנקייט.

קיין אין איראָפּעאישער פּאָעט קאָמבינירט ניט אזוי פיל ראָמאַנ־טישען טעמפּעראמענט מיט אזוי פיל אנטי־ראָמאַנטישען אינטעלעקט ווי היינע. „ווערטהער" און „מעסיפטאָפעל" אין איין פערזאָן פאראיי־ניגט, איז ער די העכסט שעפערישע אָריגינעל פּאָעטישע פערזאָן פון אַלע צייטען און אין אלע דורות. פון זיינע אייגענע ליידען, פון זיין פערזענלאכען ווייטאָג איז דאָס שאפען פון פּאָעט אויסגעלייטערט און אויסגעברייטערט געוואָרען. זיינע אייגענע ליידען, אלס איד, האָבען דערהויבען זיין פּאָעזי צו דעם אידענשמערץ און זיינע ליידען, אלס אידיש־דייטשער דיכטער דערהויבען זי צו וועלט־שמערץ. מיט

דער „הארצרייזע" קומט אָן א נייער פּאָעטישער פרילינג פאר׳ן דיכטער מיט דער אידיליע פון די בערג, אָבער אין „נארדזעע" ערשט ווערט רייף דער גאַנצער פּאָעטישער קאָמפּלעקס פון דער אָריגי־נעלסטער קינסטלערישער דערשיינונג.

דער פּאָעטישער גייסט ווערט רייף און זעלבסטשטענדיג, פריי פון זיך זעלבסט, פריי צו ווערען דער טשעמפּיאָן פון באַפרייאונג און עמאנציפּאציע פאר זיין אייגענעם פאָלק, פאר דייטשלאנד און פאר איירָאפּא בכלל. „אויב נאָר ווען ס׳איז זאָל דער נאַציאָנאַליזם זיגען (אין דייטשלאנד) דאן וועט עקספּלאָדירען אויף דעם קאָפּ פון די אָרימע אידען אַזאַ מין שוידער פון פאַרפאָלגונגען, וועלכע וועלען איבערשטייגען א סך מעהר אלעס, וואָס זיי האָבען ביז אהער געלי־טען". אן אנטוישטער פון זיין צייט באַהאַלט ער ניט זיינע געפיהלען, נאָר שרייט אויס זיינע ווייטאָגען און די קלאנגען זיינען אזעלכע פרישע לעבעדיגע, אז מיר זיינען אונטער דער אילוזיע, אז דער פּאָעט געהט נאָך ארום צווישען אונז.

אָט ברייגגט ער אין בוך „לע גראנד":

„ווען איך האָב ניט געוואוסט וואָס אזוינס באדייטעט „ליבערטע" — האָט ער פאר מיר אויסגעפּויקט די מארסעליעזע — און איך האָב פאַרשטאַנען, אויב איך האָב ניט געוואוסט די מיינונג פון וואָרט „עגאליטע" האָט ער אויסגעשפּילט דאָס ליד: „די אריסטאָקראטען צום לאנטערן!"

איך האָב ניט געוואוסט דאָס וואָרט „סאטיז" — האָט ער גע־שפּילט דעם מאַרטש פון דעסאאו, וואָס מיר, אנדערע דייטשען, האָבען אויסגעפּויקט דורך שאמפּאניען פעלדער און איך האָב פאַרשטאַנען. ער האָט געוואָלט איין טאָג מיר געבען צו פאַרשטעהן, וואָס אזוינס אן אלע־מאן (דייטש) איז, האָט ער געשפּילט די פּשוטע און פרימיטיווע מעלאָדיע, וועלכע מען שפּילט אין די מערק־טעג פאר טאנצענדע הינט, און וועלכע קלינגט אזוי: דום־דום. איך בין ברוגז געוועז אָבער איך האָב ווייטער פאַרשטאַנען".

פאר זיין פּאָליטישער סאַטירע, וועלכע ער טיילט מיט דער פלעיאַדע „יונג־דייטשלאַנד", אָדערגיכער פירט אָן מיט איהר, האָט ער טייער באַצאָלט, מיט גלות פראנקרייך, וואו עס האָט זיך אָנגע־הויבען זיין לאַנגע אַגאָניע, זיין „מאַטראַצען קבר" אין דער צווייטער פעריאָדע פון זיין שאַפען.

„אן ענגלענדער ליבט פרייהייט, ווי ער ליבט זיין געזעצלאך פרוי. ער באַטראַכט זי, ווי זיין פאַרמעגען, ווען ער באַהאַנדעלט זי ניט מיט באַזונדערער מילדקייט, דאָך, אויב עס זאָל נויטיג זיין, ווייסט ער ווי זי צו באַשיצען. א פראנצויז ליבט די פרייהייט אזוי ווי ער ליבט זיין אויסדערוויילטע כלה; ער וועט באַגעהן טויזענטע נאַרישקייטען צוליב איהר. א דייטש ליבט פרייהייט, ווי ער זאָל ליבען זיין גרויס-מוטער. און דאָך, נאָך אלעמען, קיינער קאָן ניט פאַראויסזאָגען וואָס עס קאָן זיך טרעפען.

דער זיכערער ענגלענדער אין א רוגזה מיט זיין ווייב איז קאַפּאבעל צו פאַרוואַרפען א שטריק איבער איהר האַלז. דער ניט קאָנסעקווענטער פראנצויז קאָן ווערען אומטריי צו זיין פארהערלאַכטער מעטרעסע און מען קאָן איהם געפינען, ארומשוועבענדיג אין „פאלעי ראָיאל”, זוכענדיג אַן אַנדערע. דער דייטש וועט אָבער קיינמאָל ניט פארלאָזען זיין גרויס-מוטער. ער וועט שטענדיג האַלטען פאר איהר א ווינקעל לעבען אויוועץ, וואו זי זאָל קאָנען דערצעהלען די בבא-מעשות צו די צוהערענדע קינדער”.

אין זיין גאַנצער סאַטירישער קריטיק, וועלכע איז די קאָנסטרוקטיווסטע סאָציאלע און פאָליטישע קריטיק פון זיין צייט און האָט נאָך ביז איצט ניט אָפּגעלעבט, זייענדיג אפשר פונקט אזוי גילטיג און אָנווענדבאַר היינט צו-טאָג, ווי צוריק מיט 100 יאָהר, איז היינע דורכגעדרונגען מיט יענעם דערהאבענעם נבואה-רוף, פון א גרויסער לעבענס האָפנונג, פון אן אינערלאכער איבערצייגונג אין דעם טריאומף פון ראַציאָנאַליזם און אמת און שיינקייט. כאָטש היינע נעגירט דאָס לעבען אין זיינע הערשענדע פאָליטישע און סאָציאלע באדייטונגען, כאָטש ער פאַרמאָגט אזוי פיל טראַגישע און אָנגעווייטאָגטע מעלאָדיען און מאָטיווען, איז ער דאָך ניט געבראָכען אין גייסט אפילו אין זיין לעצטער אגאָניע, זיין גלויבען און זיין שאפען האלטען אָן מיט דער פעסטקייט, וועלכע ער האָט אין דער בליהונגס צייט דערגרייכט.

אלס לעבענס קריטיקער איז ער דער סאַטירישער באַאָבאַכטער, וועלכער זעהט דורך און דורך דעם קאָנווענציאָנאלען פאַסאַד פון דער ציוויליזירטער געזעלשאפט און נאָגעלט צו צום שאנד-קלאָץ אלע שענדלאכקייטען און נידעריגקייטען מיט אן אומברחמנות'דיגער האנט, מיט שניידענדען וויץ און איראָנישען הומאָר.

אליין א קרבן פון דער בלינדער עגאָאיסטישער רעאַקציע פון זיין צייט, קעמפט ער געגען אנטיסעמיטיזם, געגען פאַרשקלאַפונג פון יעדען סאָרט און פאר פרייהייט און עמאנציפּאציע. „אָ, משה רבנו, אויס־געשפּראָכענער געגנער פון יעדען שקלאַפטום, גיב מיר איבער דיין האַמער און דיין צוואַק, בכדי איך זאָל דורכבויערען די אויערען פון אונזערע סענטימענטאלע שקלאפען, וועלכע טראָגען די שווארצע, רויטע אדער גאָלדענע לעוורעען און איך זאָל זיי ארויסשטעלען געגען די בראנדעבורגער טויערען אין בערלין".

אָדער אין זיין „פּוילישע רייזע": „דער פּוילישער איד מיט זיין מיאוסער באָרד מיט דעם קנאָבעל באלאָדענעם אָטעם און זיין זשארגאָן איז נאָך אלץ מיר טייערער ווי פילע פון די דייטשע אידען אין גלאָריע פון זייער רעגירונגס פאַרשקלאַפונג". מיט דער אידישער עמפינדלאכקייט פאר סאָציאלער גערעכטיגקייט ווערט היינע פאַר־כאַפּט מיט דעם גאַנצען פּאָעטישען טעמפּעראמענט פון די סען־סימאָניסטישע אידעען אדער דעם „קאָמוניזם" (סאָציאליזם).

„דער קאָמוניסטישער פּראָגראם רעדט די שפּראך, וואָס אלע פעלקער פאַרשטעהען. די עלעמענטען פון דער דאָזיגער אוניווער־סאַלער שפּראַך זיינען אזוי איינפאַך, ווי דער הונגער, ווי די קנאה, ווי דער טויט. די דאָזיגע שפּראַך לערענט מען זיך אויס לייכט און דער רעזולטאַט וועט זיין די וועלט־רעוואָלוציע און א טויטלאָ־כער דועל צווישען די וואָס באזיצען גאָר ניט און דער אריסטאָ־קראטיע פון אייגענטום. פונדאַמענטאלע רעפאָרמען, דראַסטישע מיט־לען, זיי אליין וועלען באזיגען שקלאפטום, פאַראורזאכט דורך דער געזעלשאפטלאכער אקטועלער אָרגאַניזאציע". אָבער צו לאַנג קאָנען די דאָזיגע אידעען איהם ניט באַהערשען, וואָרים פריער פון אלעס איז היינע א קינסטלערישע פּאָעטישע נאַטור און נאָך אזא קאָמפּלי־צירטע, פול מיט קאַפּריזען און זיגזאגען, מיט אינערלאכע שטרייטען און געגענזאַצען.

ער האָט מיטגעפיהל מיט די פאַרשקלאפטע, באַרויבטע, דער־נידעריגטע און באלידיגטע, אָבער זיין פרייער גייסט ווערט ניט פאַרהיפּנאָטיזירט פון קיין אידעע און אידעאַל, ווייל זיין מעפיס־טאָפעלישע איראָניע באפרייט איהם, אומאָפּהענגיג און ראַציאָנאל באַוואוסט אפילו צו די אָפּגעטער, וואָס ער שטעלט אויף פאַר זיך.

„אויב זיין מאַיעסטעט דאָס סואווערענע פאָלק, וועלכע באזיצט

אלע לעגיטימע רעכט פון שטאַאט, וואָלט מיר געדריקט די האנט, וואָלט איך די האנט נאָכדעם געוואַשען". אָדער בנוגע צו קונסט: „פאַר־וואָס באַזינגסטו די קעניגלאכע ראָזע? זינג פון קאַרטאָפּעל, וואָס שפּייזט דאָס פאָלק"... איראָניזירט היינע.

„איך פיהל א שוידער, ווען איך קלער א מינוט ווי עס וועלען פאַרניכטעט ווערען אלע שפּילערייען פון קונסט, וועלכע זיינען אזוי טייער דעם פּאָעט... מען וועט פאַרניכטען אלע לאָרבער, בכדי צו פלאַנצען דאָרט קאַרטאָפּעל. די ליליען, וועלכע אַרבייטען ניט און וועלכע פונדעסטוועגען פאַרמאָגען די שעהנערע צירונג ווי שלמה המלך'ס אין זיין גאַנצען גלאַנץ, וועלען ארויסגעריסען ווערען פון באָדען פון דער געזעלשאַפט, אויב זיי וועלען ניט באַשליסען צו נעמען קיין האַטשעק אין דער האַנט. די ראָזען, די ליידיגגעהער, געליבטע פון נאַכטיגאַלען, וועלען האָבען דעם זעלביגען גורל און מיין בוך העלאַס וועט אוועק צום קרעמער, וועלכער וועט עס באַ־נוצען פאַר געפּעק פּאַפּיר צו פאַרוויקלען קאַפע און שמעק־טאַבאַק פאַר אלטע פרויען"... אזוי ווערט דער פּאָעט אייפערזיכטיג אפילו צו זיינע אייגענע אידעאַלען, וואָס באַוועלטיגען איהם אויב נאָר עס איז נוגע דער קונסט און דער שעהנקייט, דער עיקר און תכלית פאַר דעם דיכטער.

היינע האָט קיינמאָל ניט דערגרייכט דעם סינטעז פון זיינע אידעען און אידעאַלען, ניט איינגעבראַכט קיין שלום צווישען סענ־סועלען און ספּיריטועלען, צווישען העלעניסטישע נייגונגען און די עלעמענטען פון „נאַזאַרענטום", ווי ער רופט די אידיש־קריסטלאכע עלעמנעטען אין זיין אייגענער פּאָעזי. דערפאַר אָבער האָבען די־דאָזיגע אינערלאכע רייסערייען, דער דאָזיגער געראַנגעל, פּונקט ווי אין דעם אוראַלטען געשיכטלאכען קאַמף צווישען אידענטום און הע־לעניזם, באַשטימט דעם כאַראַקטער און ארויסגערופען דאָס גאַנצע רייכטום פון דעם מאָדערנעם פּאָעטישען אידישען געניוס מיט זיין גאַנצער באַצויבערענדער אַטמאָספערע, מיט זיין באַווירצטען אַראָמאַט, וועלכער אָטעמט מיט דער פיינסטער אָריענטאַלישער וויזהייט און מיט דעם ראַפינירטעסטען מאָדערנעם גייסט.

„וואָס מיר האָט געבראַכט אויף דעם וועג פון נשמה רעטונג איז געווען ניט קיין וויזיאָן, ניט קיין מלאכים'דיגער עקסטאַז, ניט קיין הייליגער קול, ניט קיין טראַנסצעדענטאַלער חלום און קיין שום

אַנדערער וואונדער. מיין אויפקלערונג איז געקומען צו מיר נאָר פון לעזען א בוך. א בוך? יאָ, עס איז אַן אַלט פשוט בוך, באַשיידען ווי די נאַטור און אזוי נאַטירלאך, א בוך, וואָס זעהט אויס אומבאַדייטענד און אלטעגלאַך, ווי די זון, וועלכע וואַרימט אונז, ווי דאָס ברויט, וואָס שפּייזט אונז, א בוך וואָס קומט מיט א הימלישען בליק, וועלכער איז ווי די גוטע ברכה אזעלכע, וואָס קאָן קומען פון א גרויס-מוטער, וועלכע לייענט טעגלאַך דעם דאָזיגען בוך און דאָס דאָזיגע בוך רופט זיך קורץ דאָס בוך, די ביבעל. ריכטיג דאַרף מען עס רופען די הייליגע שריפטען. דער, וועלכער האָט פאַרלאָרען זיין גאָט, קאָן איהם געפינען אין דעם דאָזיגען בוך". אזוי דאַכט זיך אויס היינע'ס צוריקקער צום אידענטום, צו זיין אָפּשטאַם און מקור, פון וואַנען עס האָבען ארויסגעשטראָמט די שטורמישע אומרוהיגע כוואַליעס פון זיין פּאָעזיע נאָך א לאַנגער, לעבענסלענגלאַכער פאַרווירונג און באַרוישונג פון פרעמדע קוואַלען, נאָך א לאַנגען דאַרנדיגען וועג, וועלכער האָט אזוי אַנגעוויטאָגט און פאַרוואונדעט זיין האַרץ.

אין דער אמת איז עס די ביבעל מעהר, ווי וועלכעס אנדער בוך, וועלכע האָט פאַרמירט דעם פּאָעטישען געניוס פון היינע, געבענדיג איהם קראַפט און קלאַריט. זיינע לעהרער זיינען די אמת'ע לערער פון אלטערטום, די עכטע אינספּיראַטאָרען, די אומבאַקאַנטע באַרימטהייטען, וועלכע האָבען געשריבען קהלת און משלי און שיר השירים, דעם ספר איוב און דעם דאָזיגען שעדעווער פון באשיידענער איראָניע אונטער דעם נאָמען פון נביא יונה, אזוי דריקט זיך אויס א באַרימטער פראַנצויזישער שרייבער, אַנווייזענדיג, אז היינע איז געווען אמווינציגסטען קריסטלאַך און מעהר ביבליש, ווי וועלכער עס איז אנדערער מאָדערנער פּאָעט.

מען געפינט זייער פיל דירעקטע אַנדייטונגען אויף היינע'ס באַוואוסטזיניגער אידישקייט, אויסער דעם וואָס ער באַהאַנדעלט דעם אידישען סוזשעט ריין קינסטלעריש און באַרירט איהם אין כמעט יעדען פון זיינע ווערק. אויסער „דאָנא קלאַרא", „פּרינצעסין שבת", „רבי פון באכראך" און אנדערע פון דער פריער יוגענד האָט היינע געשריבען פיל און פארשידען, צוקומענדיג צום אידישען סוזשעט מיט א ברייטען קאָמישען הומאָר, אָדער מיט שרעקלאכען פּאַטאָס, אָדער פאַרשטעלענדיג זיין אייגענעם פּיין מיט ביטערער איראָניע.

אָט איז זיין נאָטע וועגען שיילאק: „איך ענדלאך, א וואנדערער

טרוימער פון טרוימען, האָב ארומגעקוקט ארום זיך אויף דער ריאלטא צו זעהען, אויב איך קאָן געפינען שיילאק׳ן. איך האָב וואָס צו זאָגען איהם, וואָס וואָלט איהם געפעלען — און דאָס איז, אז זיין קאָזין דער הערר שיילאק פון פאריז איז געוואָרען דער שטאָלצ־סטער באַראָן אין גאנץ קריסטענטום און האָט דערהאלטען פון זייער מאַיעסטעט דעם אָרדען פון איזאבעלא, וועלכער איז אָריגינעל עטאַ־בלירט געוואָרען צו פייערען דעם גרוש פון די אידען און מורען פון שפאניען. און איך האָב זיך אנטשלאָסען צו זוכען מיין אלטען באקאנ־טען אין דער סינאַגאָגע״...

דאָך האָט עס איהם ניט געשטערט צו פאַרכאַפּט ווערען און אריינגעצויגען ווערען אין דעם „פּאָעטישען העלעניזם״, צו איבער־לעבען און איבערטראַכטען די קלאַסישע און פּסיכיש־ווירקענדע בילדער און וויזיאָנען און אָנשטעקען מיט זיינע דיכטערשע דערפּאַ־רונגען די גאַנצע וועלט. ערשט אין צווייטען פּעריאָד, דעם טראַ־גיש־העלדישען, געזעגענט ער זיך מיט דעם אלעמען און אָט וואָס ער זאָגט:

„עס איז געווען אין מאַי 1848 אין יענעם טאָג, ווען איך בין צום לעצטען מאָל ארויסגעגאנגען פון הויז — צו זאָגען „זייגעזונט״ צו די טייערע געטער, צו וועמען איך האָב געדינט אין מיינע גליק־לאָכע טעג. מיט מיה האָב איך זיך פארשלעפּט צום לוּאָווער, כמעט אויסגעשעפּט דערמידעט אריינגעהענדיג אין דעם גרויסארטיגען זאַל, וואו די אלער־זעעליגע געטין פון ליבע, אונזער באַליבטע „פּראַם וואָן מילא״ שטעהט אויף איהר פּעדעסטאַל. און לאַנג בין איך געלעגען ביי איהרע פיס און האָב אזוי הויך געשלוכצט, אז אפילו א שטיין וואָלט געדאַרפט צונעמען ווערען. מיט מיטגעפיהל האָט זי, די געטין, געקוקט אויף מיר, אָבער אין דער זעלבער צייט אויך אזוי אומטריי אזוי ווי זי וואָלט וועלען זאָגען דו זעהסט דאָך אז איך האָב קיין הענט און, פאַלגלאַך, קאָן איך דיר דאָך ניט העלפען״.

אין אָט דעם צווייטען טראַגישען פּעריאָד פון היינע׳ס שאפען, אין זיין „ראמאנצערא״, אין „די אידישע מאָטיווען״, אין „דיכטער פּיר־דוסי״ א. ז. וו., א. ז. וו., טרעט ארויס בולט יענע אייגענשאפט פון דעם גרעסטען מאָדערנעם פּאָעטישען געניוס, וועלכע מאכט איהם פאַר דעם יורש פון אידישען פאָלק, אונטערפירענדיג א סך הכל צום פיל הונדערט יאָהריגען רעליגיעזען פּאַרמעגען און דעם וועלט־שמערץ,

וועלכער האָט זיך אָנגעקליבען אין באַוואוסטזיין פון די בעסטע פאָר־שטעהער פון דער ביבלישער צייט אָן.

ביי קיין שום אַנדערען פּאָעט געפינט מען ניט אזא מין פעהיגקייט צו דורכפיהלען די געשיכטע, דערשפירען די יאָהר־הונדערטע, וועלכע האָבען זיך דורכגעטראָגען אויף דער מענשהייט, דערשפירען זיך זעלבסט ווי א טייל פון דער מענשהייט, גענומען, ניט אין דעם אב־סטראקטען זינען ווי אן אידעע, נאָר קאָנקרעט אין איהר היסטאָ־רישער דערשיינונג, אין איהר רעאַלען לעבען, דעם פארגאנגענעם און געגענווערטיגען.

דער היסטאָרישער געפיהל ביי היינע איז געוועזן זיין פערזענ־לאַכער. עס איז ענטשטאַנען און פונקציאָנירט אין באַצוג צו יענע מאָמענטן, וועלכע קאָרעספּאָנדירען מיט זיינע אייגענע פאָדערונגען פון געדאַנק און געפיהל ניט נאָר ווי אַ קינסטלער, נאָך אויך ווי אַ מענש.

דעם קולט פון פריער, וועלכען ער האָט מיטגעטיילט מיט בייראָן, דעם קולט פון נאַפּאָלעאָן, פארבייט איצטער היינע אויף אנדערע העלדען, אויף קאָלומבוס און, דער עיקר, „משה״.

אין די אידישע מאָטיוון דערגרייכט ביי איהם דער קולט פון גרויסען מענשען, דעם דיכטער, אינספּירירט דורך גאָט׳ס גנאָדען, ביז צו די לעצטע גרענעצען („יהודה הלוי״).

„ערשט איצט באַנעם איך, אז די גריכען זיינען געוועזן נאָר שעהנע יונגען, אָבער די אידען — מענער קרעפטיגע פאר׳עקשנ׳טע ניט נאָר אין די אַמאָליגע צייטען נאָר אפילו אין דער געגענוואָרט, טראָץ די 18 יאָהר־הונדערט פארפאָלגונגען — און פון דענסטמאָל האָב איך זיי קאָנען געלערענט צו שעצען העכער און, אויב דער שטאָלץ מיט זייער אָפּשטאַם איז געוועזן ניט שטענדיג א נאַרישער ווידערשפרוך, וואָלט איך געמעגט שטאָלץ זיין מיט דעם פאקט, אז מיינע עלטערען זיינען מיטגלידער פון דעם נאָבעלען הויז פון ישראל, אַז איך קום ארויס פון יענע מארטירער, וועלכע האָבען געגעבען א גאָט און א מאָראל צו דער וועלט און וועלכע האָבען געקעמפט אויף אלע שלאכטפעלדער פון געדאַנק״.

דער בליהענדער הימעל פון „העלאדע״ איז פאַרטונקעלט געוואָרען פאר איהם און עס האָבען אָנגעוואוירען יעדען חן ביי איהם די זאגען פון דעם ליכטיגען פריהלינג פון דער מענשהייט. ער האָט געשאפען איצט א נייע פּאָעזי, דעם סינטעז פון בילדלאכער קונסט מיט דער פּאָעזי פון אידישען היסטאָרישען געפיהל.

יאַקאָב וואַסערמאַן

מאָדנע און געהיימניספול זיינען די וועגען פון דער געשיכטע, ווען עס קומט צום אידישען פאָלק.

ווי אַזוי האָט עס דער אידישער גורל פאַרבונדען דעם אידען און איהם פאַרקניפּט צו דער דייטשער שפּראַך שטייפער ווי צו וועל־כער אנדערער שפּראַך, איז איינע פון די מיסטעריעס, מיט וועלכע עס איז אזוי רייך די גאַנצע אידישע עקזיסטענץ.

קולטורעל האָט די דאָזיגע פאַרקניפּונג געגעבען אונז כחות צו אָפּוועהרען זיך און אויפהאלטען זיך, צו אַנזאַמלען אויפשטעלענדע און אויפהאַלטענדע כחות פאר דעם אייגענעם קיום און פאר אונזער פאַרטזעצונג פון דער אורשפּרינגלאכע אָרגינאַליטעט.

אָבער צוזאַמען דערמיט זיינען אויך געקומען די צוציענדע און צופּאַסענדע כחות, דאָס נייע סינטעטישע שאַפען ניט אין אַן ערך א גרעסערע מאָס ווי אין וועלכען עס איז אַנדערען שפּראַכלאַך־קולטורעלען קנופּ, וואָס אונזער שיקזאל האָט פאַרפּלאָנטערט און פאַרוויקעלט.

זייט דעם גרויסען היינריך היינען איז קיינער אין דער דייטשער ליטעראַטור ניט געקומען מיט אזעלכע גערעכטע פּרעטענזיעס פאַר דעם אידישען געניע און זיין נייעם אויפשטייג און צובליאונג, ווי דער אידיש־דייטשער טיטאַן, דער גרויסער ראָמאַניסט יאַקאָב וואַסערמאַן.

און וואָלט ניט אונזער צייט נאָך דעם גרויסען אויפשטייג, נאָך א גרעסערע ירידה ערליטען, וואָלטען מיר געהאָט ערשט איצטער דעם גרויסען אויפוואוקס פון דער ליטעראַרישער קינסטלערישער ירושה, וואָס וואָלט אומאויפהערלאך זיך מולטיפּליצירט און מיר וואָלטען ערשט איצט גענאָסען פון די רייפע פּירות, פון די זעלטענע פּראָדוקטען, וואָס וואָלטען געהאַלטען אין אויפוואַקסען אויף וואַסער־מאנ׳ס פעלד.

די גרויזאַמע קאַטאַסטראָפאלע רעאַקציע, וואָס ערשט איצטער פיהלט זיך די גרויזאַמע ווירקונג איהרע, פאַרשפּרייט די קאַטאַ־

ליזמען פון דער וועלט־מלחמה, פאַרפלייצט און פאַרשווינקט די איידעלסטע און מילדעסטע, רייסט אויס מיט די וואָרצלען גאַנצע קולטורעלע צווייגען און דראָהעט דער גאַנצער מענשלאכער קולטור — געהט פאָראויס ווי א סטיכישע באַוועגונג, פאַרדעקט און ווישט אָפּ אפילו די שפּיצבערג פון דער מענשהייט.

ווען דער מבול, דאַרף מען האָפען, זיך אָפּשטעלען פריהער אָדער שפּעטער און עס וועלען צום ערשטען ווידער אמאָל דערשיינען און זיך באַווייזן די שפּיצבערג אין זייער גאַנצער פראַכט און גלאַנץ.

דעריבער איז כדאי דוקא אין אַזאַ צייט צו אָפּפרישען דעם גייסט און זיך טובל זיין אין די ריינע קוואַלען פון יענע גייסטער, פון וועלכע מען קאָן נאָך א מאָל ליכט און האָפנונג שעפּען פאַר אונזער צעוועהטאָגטען דור.

אַזאַ גייסט איז בלי ספק דער גרויסער אידיש־דייטשער אָדער, ווי ער אליין קלויבט זיך אויס בעסער, דער „אידישער און דייטשער ראָמאַניסט", לויט דעם נוסח פון זיין בוך „מיין וועג אלס דייטש און איד".

* * *

די גרויסע ליידען און שמערצען, די פערזענלאכע יסורים און טראַגישע געפילען און איבערלעבונגען, פון וועלכע וואַסערמאַן גיט אונז אַן אַהנונג טאַקע ווידער אין „מיין וועג", די דערנער, וואָס זיינען געלעגען אויף זיינע ערשטע און שפּעטערע ליטעראַרישע טריט פון זיין רייכער און קאָלירפולער קינסטלערישער קאַריערע, האָט איהם געמאכט פאר דעם גרויסען מענשען־קענער, דעם פּסיכאָלאָג, מיט אזוי פיל סימפּאַטיע פאר דערנידעריגטע און פאַרשטויסענע, מיט אזא מין דראַנג פאַר היילונג און רעטונג, פאר דערלייכטערונג און דער־לייזונג, וועלכע שטעלט מיט זיך פאַר דאָס אייגענטימלאכסטע און אָריגינעלסטע אין זיין שאַפען.

„יעדע נאַרישקייט, יעדע אומגערעכטיגקייט, יעדע שוואַכקייט און קרענקלאכקייט, יעדע באַדריקונג — יעדעס ליידען פליסט צו מיר איבער און איך פיהל זיך באַלד דערמיט אָנגעפילט, אז איך גלויב אז די צייט איז נאָהענט פאר דעם גרויסען . ווארום דאָס איז מיין גלויבען געוואָרען, ווער עס לייזט זיך זעלבסט אויף אין ליידען און דורך וויסען, דער לייזט אויס אלע אומוויסענדע און ליידענדע.

קיין זאַך געהט ניט פאַרלאָרען אין דער וועלט, וועניגער פון אלעס דער שטומער קרבן... ווען איך דריק די האַנט, דער גיט מיר איבער זיין אַנגסט און זאָרגען און איך ריכט איהם אויף״.

אַזוי שרייבט אגאטאן (דער אייגענטלאכער העלד פון „די אידען פון צירענדארף״ און „רענאטע פוקס״) צו זיינעם א פריינט פון דעם עמק הבכא פון דעם גאַליצישען אידענטום, וואו ער געפינט אזוי פיל ליידען, אזוי פיל העסלאכקייט און שמוץ.

אָדער אין דעם „גענזענמענשעל״ באַשרייבט וואַסערמאַן אליין די נייע פאַרוואַנדלונג פון זיין העלד דניאל נאטהאפע אויף דעם פאָל־גענדען אופן: „ער געווינט א געהיימע מאַכט איבער די מענשען, וועלכע קומען אין באַרירונג מיט איהם און פילע זיינען זיך שואל בעצה מיט איהם אין זייערע שווערע לעבענס אומשטענדען... די זעלבסטלויכטענדע פערזענלאכקייט, דער איינקלאנג צווישען וואָרט און טאַט, דער מענשען־ערנסט, דער מענשען־בליק, דאָס ווידמען זיך צו איין זאַך מיט איין גרויסען געפיהל פאר דער זאַך — דאָס זיינען זיינע מיטלען.״

די גליענדע פאַנטאַזיע פון דיכטער, אויסגעלייטערט אין ליידען און שמערץ, האָט וואַסערמאַנען געמאַכט פאַר יענעם עקספּאַנסיווען שעפער, ביי ווען די קונסט שפּאַרט ארויס ווי א וואולקאַנישע לאַווע און נעמט ארום אלץ ברייטערע און ברייטערע קרייזען, ווערט ניט אויסגעשעפּט און דערליידיגט. אפילו אין די גרעסטע ראָמאַנען זיינע שפּינט און וועבט זיך די פאַרוואַנדשאַפט פון איין ווערק צום אַנדערען ווי שטרעמונגען פון איין גרויסען אומאויסשעפּלאכען פאַנטאַן.

און דער עיקר די טיפען און די איינצעלנע מענשען און פיגורען ווערען אלמענשלאכע אוניווערסאלע סימבאָלען, בלוט און פלייש פון וואַסערמאַנ׳ס בילד און געשטאַלטונגס־קראַפט, זיין וויזיאָנערישע פאַר־ווירקלאכונג און דערגרייכונג.

ניט אומזיסט האָט ער מיט זיינע צאַלרייכע און באַדייטונגספולע ווערק דעם עקספּרעסיאָניזם אין דער ליטעראַטור באַגרינדעט און באַפעסטיגט, ווייל דאָס אלעס איז אין עצם געווען פון זיין עקס־פּאנסיווער נאַטור.

דער גרויסער דיכטערישער שעפער האָט אָבער זיין ברויזענדע נאַטור מיט איהרע אלע אינערלאכע סתירות און קאָנפליקטען באַזיגט מיט זיין נאָך גרעסערער קינסטלערישער קראַפט.

טראָץ דעם שטורם און דראַנג, וואָס ער טראָגט אין האַרצן, פאַרמאָגט ער די קינסטלערישע זעלבסט־באַהערשונג. „די פאָרם, זאָגט ער, מוז עפּעס אָריגינעלעס זיין, וואָס איז אַם ענדע אַזוי איינ־פאַך, דאָס מען גלויבט אַז איטלאַכער איינער וואָלט עס געקאָנט שאַפן".

לאַנג שוין פאַר דער וועלט־מלחמה האָט וואַסערמאַן געזעהען די פוסטקייט און צעפּוילטקייט, די דעקאַדענץ פון דער איראָפּעאישער ציוויליזאַציע, און אונטער דעם דרוק פון זיינע פּערזענלאַכע דער־פאַרונגען, טיפען ליידען און שמערצען, איז אויסגעוואַקסען פאַר איהם די נייע סאָציאַלע וויזיאָן. דער גרויסער קינסטלערישער שעפּער איז געוועזן א פּסיכאָלאָגישער גריבלער און אַן עטישער באָאָבאַכטער און ער האָט דערשפּירט די זעהענזוכט און בענקשאַפט נאָך א משיח, אַן אויסלייזער, צו ארויספירען די מענשהייט פון מדבר.

אין „די אידען פון צירענדאָרף" טרעט דער קינסטלער ארויס אלס איד, אלס זעלבסט־באַוואוסטער, אין זיך גריבלענדיגער, זיך אַנאַליזירענדיגער איד.

פון איין זייט זעהט וואַסערמאַן דעם אידישען טרוימער, וועלכער הערט ניט אויף צו חלומ'ען וועגען דערלייזונג און וועלט־באַפריי־אונג; פון דער אַנדערער זייט — דער אידישער באַנקיר, דער האַרצ־לאָזער קאָנקרעטער ערדישער מענש, מיט געלט־גייץ און ריקזיכ־לאָזיגקייט.

ווי אַן אַפּאָסטאָל פון פאַרצייטיגען אידענטום טראָגט ער די אידישע משיחישע אידעע, די באַנייטע און ווידער אויפגעלעבטע. דורך דער מאַגיק פון קינסטלערישער העלער וויזיאָן, צו דער קריסט־לאַכער וועלט און וויל זי באַהויכען מיט דעם טהוי פון דערפרישונג, וויל שאַפען א נייעם סינטעז פון אידענטום און קריסטענטום, א נייעם גלויבען אין דער מענשהייט. זאָל עס זיין אין דער באַקליידונג פון די הומאַנע סאָציאַלע באַציאונגען ביי די פּרימיטיווע קריסטען אונטער דעם גלויבען פון „געזעליגע".

די דערהויבונג און דערפילונג פון דעם דאָזיגען אידעאַל זאָל קומען דורך פּערזאָנען, וועלכע פאַרמאָגען דעם משיחישען דראַנג, און אַזוינס געהט דורך דאָס זעלבע דורך אלע גרעסערע דערציילונגען און ראָמאַנען. דער אייגענטלאַכער העלד, דער מאָדערנער, פון „די

צירנדארפער אידען״, אַנאַטאַן, כאָטש אין דעם עכט־אידישען ראָמאַן, איז ניט קיין ריינער איד און איז דער סימבאָל פון א דערלייזער, וועלכער דאַרף קומען פון פאַראייניגונג צווישען מזרח און מערב. צווישען דער אידיש־אָריענטאַלישער און דער קריסטלאך־מערב׳דיגער וועלט. ער איז א ליכטיגע געשטאלט פון א נביא, א גואל; זיין עטישער דראַנג איז עכט אידיש, נאָך דעם פאַלשען משיח שבתי־צבי שיינט אַרויס העלער דער מאָדערנער אידישער משיח, וועלכער דער־לייזט ניט נאָר זיינע צירנדאָרפער גלויבענסגענאָסען, נאָר אויך זיך זעלבסט.

ער באַזיגט דעם שקלאַף און אסקעט און ווערט דער מאָדעל פון דעם נייעם מענשען. ער פאַרלאָזט זיין היים און לאָזט זיך אויף די כוואַליעס און באַוועגונגען פון די פאָלקס־מאסען צווישען באַליי־דיגטע און דערנידעריגטע און זוכט צו העלפען זיי, צו ברייגנען טרייסט און ליבע.

אגאטאן, דער גוטער, טראָגט אויף זיך די געזיכטססיגע און שטריי־כען פון וואסערמאנ׳ס אויסגעדיכטעטען אידעאל, זיין אייגענע סובלי־מירונג. אזוי, למשל, אין מיטען פון די ציללאָזע געהעצטע און גע־רודפ׳טע, פאַרפאַלגטע און געפייניגטע רוהט אגאטאן אין זיך; אויך וואַסערמאַן, אין זיין גרויסער ליידענשאַפט פאַר געשטאַלטונגען און בילדער, פאַר דעם עפּישען קינסטלערישען שאַפען, האָט געשלאָגען טיפע וואָרצלען אין קאָנסטרוקטיווען פּאָזיטיווען שאַפען, אנטדעקענדיג „דאָס געניאַלע האַרץ״ און די גרויסע מענשענליבע.

אין דעם גרויסען אינערלאכען שטרייט, אין די טראַגישע קאָנ־פליקטען, וואָס אונזער גרויסער דיכטער האָט דורכגעמאַכט, ווי ער דייטעט אָן אין זיין שוין אויבענדערמאָנטען בוך „מיין וועג אלס דייטש און איד״, גלויבט ער פונדעסטוועגען, אז פון דעם אידענטום וועט אַרויס דער נייער משיח פאַר דער גאַנצער מענשהייט. ער זעהט די פאַרענטפערונג פון פּראָבלעם אין דעם סינטעז פון אידישען גייסט מיט דעם טעווטאָנישען קערפּער, ווארום „דאָס קריסטענטום וואָלט שוין לאַנג אויסגעהויכט די נשמה, ווען ניט דאָס אידענטום, שוין ניט ריידען דערפון, וואָס עס וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען און די גערמאַנישע פעלקער וואָלטען זיך באַשאַפען א וועלט מיט זייער אייגען בילד און געשטאַלט״.

איז געקומען וואסערמאַן מיט א נייער קינסטלערישער וויזיע און האָט געהאָלפען, אויב ניט צו באַנייען דאָס קריסטענטום, איז לכל הפחות אָפרופען דעם דאָס לעבען.

און די דאָזיגע וויזיע פארלאָזט ניט וואַסערמאַן דורך זיין גאנ־צען קינסטלערישען שאַפען.

אזוי זעהען מיר דעם זעלביגען אגאטאן, וועלכער זעצט פאָרט זיין קאַריערע אין דעם נעקסטען ראָמאן: „די געשיכטע פון דער יונגער רענאַטע פוקס". ער געהט אוועק צו זעהען און צו צוקוקען זיך צום לעבען איבער דער וועלט.

און וואו ער קומט רינגלען איהם ארום גרופעס קינדער, וועלכע הויבען אָן צו לעבען אונטער זיין איינפלוס א ניי לעבען.

אויך רענאטע אנטלויפט פון איהר היים (זי האָט געזאָלט ווערען א באראָנין) זיך זעלבסט צו געפינען. זי זוכט דעם מאַן, דעם איינ־ציגען, ביז זי טרעפט אגאטאנען, דעם יונגען אידישען טרוימער, דעם טרייסט ברייננגער, דעם דערלייזער.

זי געפינט איהם אויף דעם טויטען בעט. פון דער פאַראייניגונג ווערט א זון געבאָרען, וועלכען דער שטאַרבענדער אגאטאָן הייסט אָנרופען „בעאטוס", דער דערלייזער. ווידער דער סינטעז פון איד און קריסט און ווידער די דערלייזונגס אידעע פאר דער מענשהייט.

דער דאָזיגער ראָמאן איז הויפטזעכלאך טעמאטיש א הלל און גרויסער הימן פאר דער נייער פרוי מיט איהר גאַנצען שטאָלץ און פראַכט.

„אָ איך האָב ליב די פרויען, זאָגט אגאטאן, איך ליב זייער שיקזאַל, זייערע ליידען, איך האָב ליב זייער בטחון און זייערע אָפענ־הערציגע בליקען. איצט קומט א נייע צייט פאר אייך. יעדעס געפיהל ווערט שטארקער אין אייך. איהר הערט אויף גלויבען אין די פיזישע פאָראורטיילען און איהר ווילט אייער פרויען שיקזאַל דורכלעבען און ניט מעהר פאַרשקלאַפט זיין".

אידעאליזירענד די פרוי, האַלטענדיג אז זי קאָן ניט „פאַלען", האָט וואַסערמאַן געמאכט אגאטאָנען אויך פאַר דעם משיח פון די פרויען. דערוויייל רעדען זעהר פיל זיינע העלדען, אפשר אביסעל צופיל רעטאריש, אָבער שפעטער ווערען זיי די עכטע פאַרקערפערונג פון א נייעם גייסט, וועלכער זאָל ארומנעמען די גאַנצע אייראָפעאישע ציוויליזאַציע.

אין דעם ראָמאַן „מאלאך״ (1903) איז דער העלד, ארנאָלד אנזארגע, א מין פארסיפאל. ער געהט אין שטאָדט צו פאַרזאָרגען גערעכטיגקייט פאַר א אידישען פאָטער, וועמענס קליינע טאָכטער ווערט געקידנעפּט אין א קלויסטער.

פון דעם דאָזיגען קערן וואקסט ארויס דער באַהערשענדער דראַנג צו ברייננען גערעכטיגקייט אויף דער וועלט. ווידער א משיח׳ישע מיסיאָן. אָבער עס איז ניט די גערעכטיגקייט פון דעם שווערד, נאָר פון ליבע.

ארנאָלד אנזארגע מאַכט אויך א פרואוו צו זיך פארבארייטען פאר זיין אויפגאבע דורך שטודירען סאָציאַל־פּאָליטיק, אָבער ביסלאכוויז פארשוואונדעט דער גאַנצער אידעאַליזם פון אנזארגע, פאראורזאכט דורך דעם „מאלאך״, די מאָדערנע גרויסע שטאָדט מיט איהר מאס־קאַראַד פון היפּאָקריטסטווא און נישטיגקייט.

זיין דורכפאַל פאַראורזאכט זיין זעלבסטמאָרד און ער לאָזט איבער זיין פאַרמעגען פאר צוועקען פון גערעכטיגקייט.

אויך דאָ אן ערלייזער, א וועלט פאַרבעסערער, געהט אונטער, ווייל דאָס רעאַלע לעבען איז צו שטארק פאר איהם. דאָס איז דער אומפאָרמיידלאכער רעזולטאַט פון א הערצאישען קאָנפליקט צווישען צווייערליי גרויסע כחות, פון וועלכע דאָס אידעאלע איז נאָך צו יונג.

דער גרונד פאר דער באַטאָנונג פון הומאנעם פּראָבלעם איז ביי אונזער גרויסען נאָוועליסט זיכער זיין אידישקייט, דער גייסט פון אונזער לאַנגער טראַדיציע און עטישער קולטור, וואָס פארנעמט ביי איהם אַזאַ טראַגישען פּלאַץ.

ער באַטאָנט אימער און ווידער, אַז דער איד איז אָנגעפילט מיט זעהענזוכט פאר גערעכטיגקייט און מיט מיטגעפיל פאר זיינע מיטמענשען.

„קאספאר האאוזער״, אָדער די טרעגהייט פון הארצען, דער באַ־דייטענדסטער ראָמאַן, וועלכער פאָלגט נאָך „מאלאך״, איז טאַקע א מין וואריאציע פון „מאלאך״.

קאספאר איז א געהיימניספולער פינדלינג, וועלכער האָט שטו־דירט אין נירענבערג אין 1828. זייענדיג פאר זיין אָנקומען אין נירענבערג, אָפּגעזונדערט און אָפּגעשלאָסען פון יעדען מענשלאכען קאָנטאקט. דאָ, אין נירענבערג, ווערט ער שוידערלאך דערמאָרדעט.

פאַר וואַסערמאַנ׳ען איז עס דאָס ריינע מענשלאַך וועזען, די אומשולד, אָן יעדען שפור פון זינד. דער דאָזיגער מאָרד ווערט דער פּרובירשטיין פאַר אַלע מענשלאַכע ווערטען. אַלע די, וועלכע וואָלטען געקאָנט זיך באַנייען אין הארצען דורך באַרירונג מיט קאַספּאַר׳ן, וואָס שטראַלט אויס די גוטסקייט און אומשולד, קאָנען עס ניט צוליב מידקייט פון האַרצען. קיינער דערנערט זיך ניט צו איהם אַן א זעלבסטזיכטיגען מאָטיוו. קאַספּער׳ס הארץ ברעכט אונטער צוליב דער דאָזיגער טרויעריגער פאַרהאַלטונג נאָך איידער ער ווערט דערמאָרדעט.

מיט „קאַספּאַר האַוזער" ווערט דער שעפערישער ראָמאַניסט וואָס מעהר עפּישער אין שאַפען; עס ווערט ביי איהם פאַרגרעסערט דער ענטוואורף, שאַרפער, אויסגעשפּראָכענער די גייסטיגקייט פון זיין שאַפען, שעהנער דער אויפבוי און די סטרוקטור פון די ווערק, אָבער טיפער איז קיין ווערק זיינס אפשר ניט אריינגעדרונגען אין די אינערלאַכסטע אָפּגרונטען פון וועלט און מענש.

* * *

אזוי קומען מיר צו אַנאַנדער מיילשטיין פון וואַסערמאַנ׳ס שאַפען, „דאָס גענזעמענכען" (1915), אין וועלכען דער העלד, דניאל נאָטהאַפט, איז א מוזיקער, אזוי ווי ביי ראָמאַן ראָלאַן אין „זשאַן קריסטאָף", ניט מעהר, אונזער ראָמאַניסט איז פיל פּעסימיסטישער בנוגע צום אזוי־גערופענעם אידעאַליזם אין דייטשלאַנד און האָט וועניגער האָפנונג פאַר דער צוקונפט.

דער קאַמף דניאל׳ס פאַר אנערקענונג און געגען די אומגליקלאַכע אומשטענדען איז אומזיסט. אין סאַמע בליהונג פון זיין שאַפען ווערט זיין ווערק פאַרניכטעט פון א דינסט, וואָס ווערט וואַהנזיניג. אין פיבער פון פאַנטאַזיע, וואָס פאָלגט נאָך זיין נערוועזען צוזאַמענברוך, פירט דניאל א געשפּרעך מיט דעם באַרימטען קליינעם „גענזעמענשעל", וואָס באָאָבאַכטעט שוין פאַר די לעצטע פיר הונדערט יאָהר מיט סימפּאַטיע און מיטגעפיל אַלע פאַרשידענע מינים מענשלאַכע בריאים, וועלכע קלייבען זיך צונויף אויף דעם מאַרק־פּלאַץ.

דאָס מענשעל איבערצייגט דניאל׳ן, אז זיין ריכטיגער דורכפאַל נעמט זיך ניט פון אויסען, נאָר פון אינוועניג. עס זאָגט צו איהם:

„...װענדע דײן בליק אָפּ פון פאַנטאָם און װער צוערשט מענש — דאַן קאָנסטו שעפער װערען.

און ביזטו מענש, דער װאַרהאַפטער מענש, דאַן באַדאַרפסטו פילײכט מעהר ניט דאָס װערק, דאַן שטראַהלט פילײכט די קראַפט און די הערלאַכקײט פון דיר זעלבסט ארױס. זײנען דען ניט אלע דײנע װערק נאָר דער אומװעג פון מענשען, נאָר דער אומפאַלקאָמער פאַרזוך פון דײן אנטפּלעקונג? װען דאָס װערק פאַרשלינגט יעדע ליבע, װאו בלײבט דער מענש? האָסטו דען אַ מאַסקע פון גיפּס ניט מעהר געליבט אלס די געזיכטער ארום דיר?... װי קאַן אײנער אַ שעפער זײן, אויב ער פאַרדרענגט און פאַרראַט די מענשהײט?"

און דניאל׳ס הארץ װערט אָפען פאַר אלעס און אין זײן נײער אומװאנדלונג װערט ער עהנלאך צו די נײע העלדען פון „די אידען פון צירנדאָרף" און „דער געשיכטע פון דער יונגער רענאַטע פוקס".

דניאל פאַרלירט זײן פּאָזיציע צוליב די בײזהאַפטע קאָמבינאַציעס און ער פאַרלאָזט די שטאָדט, אומקערענדיג זיך אין זײן הײמישען דאָרף. זײנע תלמידים פאָלגען איהם נאָך. אָט דאָ װערט ער דורכגעדרונגען מיט זײן מיסיאָן. אנשטאָט מוזיקאַלישען דערפאָלג אויס זעלבסטזיכטיגע צװעקען זוכט ער גליק אין נײערע מענשלאַכע באַציאונגען.

„איך האָב דײטשלאַנד אלס געשטאַלט באַגריפען, אלס געבילד קאָנען געלערענט... װאָס איך האָב אין דער שװערער שולע געלערענט איז געדולד.

„די מענשהײט איז נאָך אַ קינד און מיר פאַרלאַנגען שױן פון איהר גערעכטיגקײט", דריקט זיך אויס דער אידישער געלערענטער בענדא אין דעם זעלביגען „געגזענמענשל", רעפּרעזענטירענדיג אפשר דעם שעפער פון ראָמאַן זעלבסט.

בכלל פליסט איבער דעם דאָזיגען װערק די פּראָמעטעאישע סימפּאַניע פון קינסטלער און מענש.

„די מאַסקען פון עדװין רײנער", װאָס איז פיל פריער געשאַפען געװאָרען, איז, אלס װערק, דער פאַרלויפער און אָנזאָגער פון דער גרעסטער שעפערישער דערגרײכונג אין דער ערשטער און איבערװעגענדיג העלפט פון װאַסערמאַנ׳ס ליטעראַרישע קאַריערע. איך מײן דאָס װערק „קריסטיאַן װאַהנשאַפּע", אדער װי עס הײסט אין

ענגלישער איבערזעצונג, „דער וועלט׳ס אילוזיע”. עדווין ריינער איז די פאַרקערפּערונג פון אונזער גאַנצער קולטור. ער איז אַן איבער־געזעטיגטער און אַלץ גיט זיך איהם איין לייכט ווי א זעלבסטפאַרשטענד־לאַכע זאַך. ער וויס בלויז זיין ווילען און זיין מאַכט. דאָס דעמאָראַ־ליזירט דעם עגאָאיסטישען „זונענקינד” און נאָר די פרוי ווירגיניא, נאָך וועלכער ער יאָגט זיך, באַזיגט איהם.

א געשטאַלט פון א פרויען פּאַרפירער און טרוילאָזען פּריינט, וועלכער שטראַנדעט אויף דער טוגענד.

אונטער ערווינס באַשטריקענדען פּאַסאַד לויערט דאָס לעערע, דער תהום פון פּוסטקייט און דער גלענצענדער ניהיליזם.

זיין דעמאַסקירונג דורך דעם ראָמאַניסט באַדייט אָבער פאַר־ניכטונג פון אַזאַ טיפּ און זיין אויסראָטונג.

פאַר דעם דיכטער איז אפילו דאָס דאָזיגע דאַמאָלסדיגע לעבען פון די מאָדערנע מענשען דערשינען אין געבראָכענע ליניעס, ווען אונטער שמאכהאפטער פאַרקליידונג און פאַרשוויגונג האָט זיך אויך די אָקציאָן געשמעלצט...

אין „קריסטיאַן וואהנשאפּע”, וואסערמאַנ׳ס מאָנומענטאַלעס ווערק, (ערשינען אין 1919) טרעט ארויס פאַר אונז דער פּראַכט פון דער גאַנצער אייראָפּעאישער ציוויליזאציע אין איהר פיל־געשטאַלטקייט: די דייטשע, פראַנצויזישע, ענגלישע און רוסישע מיט דער זעלבער הויכער מאָס פון קונסט אויפגעפּאַסט און פאַרפאַלקאָמט.

עס איז דאָס אויפוועגען און אויסמעסטען דעם ווערט און באַ־דייטונג , דאָס אויסזוכען פון די חסרונות, דער העכסטער לוקסוס און די אָפּגרונטלאָזע אָרימקייט און עלענד, די העכסטע ראַפינירט־קייט און די בעסטיאַלישעסטע ברוטאַליטעט.

קריסטיאַן, דער זון פון א דייטשען גרויסען אינדוסטריאַליסט, וואַנדערט אַרום פון איין פאַרגעניגען צום אנדערען, געניסט אין פולע הויפּענס פון דעם גאַנצען לוקסוס, וואָס עס קאָן זיך נאָר פאַרגינען די אומבאַגרענעצטע רייכקייט, געהט פון איין באָל צום אנדערען, בייט איין אייראָפּעאישע הויפּטשטאָדט אויף דער אַנדערער.

ביסלאַכווייז אָבער, אויף א געהיימניספולען אופן, ערוואַכט און וואַקסט אין איהם אויס דער געפיהל, אז עפּעס שוידערלאַכעס קומט דאָ פאַר אין די איינגעשטעלטע מענשלאַכע באַציאונגען. דער טויט פון א פריינט, א געשפּרעך מיט א רוסישען רעוואָלוציאָנער, וואָס

אנטלויפט פון סיביר, דער אומגליק מיט א ליבהאָבער פון עווא סארעל, דער קינסטלעריך־טענצעריך, ווען ער וויל עס פאַרבייטען, דאָס צוזעהען די דערנידערונג פון א יונג מיידעל דורך די הענט פון א באַנדע סטודענטען — אלעס דאָס דערוועקט אין איהם סימפּאטיען, וואָס גנב׳ענען זיך אריין צו איהם אומבאַוואוסטזיניג. ער פארלירט די פרייד פון פארגעניגען, רייכקייט און לוקסוס און הויבט אָן זעהען אומעטום און אין איטלאכען איינעם ניט נאָר די אנדערע מענשען, נאָר זיך און אלע צוזאמענגענומען.

ער פארלאָזט עווא סארעל, די טענצערין־געליבטע, אדאָפּטירט אן אָרימע פּראָסטיטוטקע און באַזעצט זיך אין דעם סאַמע מיטען פון בערלינער אָרימקייט און פארוואהרלאָזיגקייט, אין מאאביט.

ער ברעכט ענדלאך אָפּ מיט דעם אלטען לעבען, זאָגט זיך אָפּ פון זיין אייגענטום, דורכגעדרונגען מיט איין גרויסען באגעהר צו וויסען און קענען זיינע מיטמענשען.

„איך וויל ניט טאָן קיין זאַך”, זאָגט ער צו זיין פאָטער, „איך וויל קיין גוטעס, נוצלאכעס אָדער גאָר גרויסעס טאָן... איך וויל גאָר פון זיך ניט וויסען. ווארום די מענשען, זעהסטו, די מענשען דאָס איז דאָס געהיימניספולע, דאָס פורכטבארע, דאָס וואָס מאַטערט און פייניגט, שרעקט און מאכט צו ליידען... אימער איינעם, אימער צו איינעם, דאן צום אנדערען, דאן צום דריטען און וויסען, אויס־שפּירען ביי יעדען די ליידען, ארויסנעמען זיי אזוי ווי געדערים פון א הון”...

אין זיין נייער אומגעבונג באגעגענט ער די פרוי, אין וועלכער ער פאַרליבט זיך אויף דער וואָהר, א יונג אידיש מיידעל, באַשאָנקען מיט דער זעלביגער ליידענשאפט צו אוניווערסאַלער ליבע, וועלכע עס האָט זיך אָנגעהויבע ביי איהם אנטוויקלען.

זי, רוט, האָט ניט קיין אָביעקטיווע מאַכט, נאָר זי באַזיצט דעם סוד פון לעבען און עס איז די מענשלאכע נשמה, וואָס קריסטיאן ליבט אין רוט׳ן. זי ווערט דערמאָרדעט און קריסטיאן וויים ווער עס איז דער מערדער און לאָזט דאַך דער פּאָליציי ניט צו וויסען, אָבער דורך מאָראַלישער ווירקונג בריינגט ער דעם מערדער צו אי־בערגעבען זיך אליין.

אין „קריסטיאן וואהנשאפע” דערגרייכט וואסערמאן די קינסט־לערישע השלמה אין פאַרקערפערונג פון זיין אידעע פון א משיח׳ישער

מיסיאָן, וואָס ווערט אויסגעטראָגען און צייטיג אין די מחות און הערצער פון זיינע העלדען און ווערט פאַרוואַנדעלט אין א דיכטערי־שערווירקלאַכקייט און ווארהאפטיגקייט, וואָס איז אמת׳ער, באדיי־טונגספולער און ווירקזאמער, ווי די רעאַלע ווירקלאכקייט זעלבסט.

* * *

פון זינט „קריסטיאן וואהנשאפע״, זאָגט פרוי קארלוויים־וואַסער־מאַן, האָט יאַקאָב וואַסערמאַן דורכגעמאכט א נייע אומוואַנדלונג אין זיין שאַפען, אריבערגעהענדיג פון בילד און פאָרם, אלס די טורם שפּיצען פון קונסט, צו געשטאַלטונג, אלס פּעדאגאָגיש־דערציערישע מיטעל און ווערט מעהר רעאַליסט ווי דיכטער אין זיין שאַפען.

אָדער ווי דער קינסטלער דריקט עס אויס דורך אבערלין אין איינע פון זיינע ווייטערע סעריעס „ווענדע־קרייז״ ווערק: „פּאַרגאנגענע עפּאָכען האָבען אָפּגענויגט מיט פארליבע פאר דעם אבזייטיגען און אידעאלען, וויניגסטענס פלאַטאָניש; זיי האָבען, צום ביישפּיל, דעם טרוימער אָדער בעסער געזאָגט דעם טרוים באַפעהיגטען אויף דעם פּיעדעסטאל געהויבען. איך דענק אז דאָס איז שוין פאָראיבער. איך מיין דערמיט ניט אז דער טרוים איז אָפּגעשאַפט פון דער וועלט אָדער דער טרוימער זאָל אויסגעראָטען ווערען; איך בין אפילו פון דער מיינונג אז עס גיבט עפּעס, וואָס איך קאָן אָנרופען די דערציהונג דורך טרוים, וואָס איז אזוי טיף און הינטערגרונדיג ווי די געהיימע אונטערמאלונג פון מאנכע מייסטערווערק, אָבער די פראגע איז צו עס דערגרייכט צו א פיגור, צו א פיגור קאָן אנטשטעהן״...

אין דעם בעסט־באַוואוסטען און קינסטלעריש פאָלקאָמען ווערק פון די „ווענדע־קרייז״ סעריעס, אין „אולריקא וואויטיך״, אדער ווי עס הייסט אין דער ענגלישער איבערזעצונג „גאָלד״, איז שוין ניטאָ קיין פּערזאָן, וועלכע טראָגט דעם באוואוסטזיין פון מעסיאָנישען דראַנג, כאָטש געוויסערמאסען איז עס יאָזעף, אורליקא׳ס אנטאגאָניסט.

די גאַנצע קאָנסטרוקציע פון דעם ראָמאן פירט צו צום ענד־לאָכען קאמף פון די צוויי נשמות פאר דער זעעל פון דעם מענשען.

אולריקא איז דער טיפּ פון ריקזיכטלאָזער לוסט פאַר מאַכט און יאָזעף די פּערסאניפיקאציע פון ליבע און רחמנות און סוף כל סוף איז אולריקא מאכטלאָז פאר יאזעפ׳ן.

די גאנצע טעטיגקייט פון פאבער אין דעם ראָמאַן „פאבער אָדער די פאַרלאָרענע יאָהרען" איז באַשטימט דורך א פּרינצעסין, וועלכע זאָגט זיך אָפּ פון איהר הויכען ראַנג, פון קרובים און פריינט, בכדי זיך צו אָפּגעבען דער דינסט פון מענשען.

זי האָט אויפגעשטעלט א קינדער שטאָדט, אין וועלכער יתומים און פאַרוואָהרלאָזע קינדער ווערען פאַרזאָרגט. אָבער עס איז ניט די געוועהנליכע פילאַנטראָפּיע: עס איז א פּרואוו צו אויפשטעלען א נייעם דור, וועלכער זאָל האָבען א נייע הארץ.

די מיטלען צו דערגרייכען עס איז א ריין הארץ און מענשלאכע ליבע. אין „לאאודין און זייניגע" ציט זיך לאאודין, דער העלד פון ראָמאַן, צוריק, אלס פּראָמינענטער ווינער יוריסט, פון אקטיווען אנטייל אין געריכט און טרעט ארויס פאַר אַ רעפאָרם אין געריכט — אויך א סאָרט משיח׳ישע אונטערנעמונג, א פּרואוו צו אויסבעסערען די וועלט.

וואַסערמאַן אליין גלויבט ניט אין דער אויסערלאַכער אומוואַרפונג פון דער היינטיגער אָרדנונג און אין א נייער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע, אויסער אזעלכער, וואָס וועט געשאַפען ווערען דורך דער אויסלייזענדער מאַכט פון האַרצען, פול מיט ליבע.

אין באַצוג צו גערעכטיגקייט ווערט עס איבערהויפּט זיין קינסט־לערישע אויפגאַבע צו פאַרפאָלגען, אָבער און ווידער אַמאָל, זיך אומצוקערען צו דער פאַרקערפּערונג פון זיין ליידענשאַפטלאַכע וויזיאָן, צו קינסטלעריש און שעפעריש צו פאַרפאָלקאָמען די אידעע און דעם דראַנג פאַר רעכט און גערעכטיגקייט.

אזוי געפינען מיר אין „דעם פאַל מאַריציאוס", איינעם פון די לעצטע ווערק פון דער שפּעטערער „וועגדע קרייז" סעריע, וועלכען דער נאָוועליסט האלט פאַר זיין לעבענס ווערק, די גרויסע זעהערישע מאַכט פון א קינסטלער, באַזעעלט פון צדק און יושר, וואָס זיינען מעהר פון אלעס די אורצייכען פון דער אידישער עטיק.

די גערעכטיגקייט, ווי א געגענשטאַנד, האָט אין יעדער פאָרם די גרויסע עפּיק־שוין די ביבלישע־אין אָטעם געהאַלטען.

פון דעם פאַרצייטיגען אָריענט ביז צו דעם לעצטען מאָדערנעם ווערק ווערט די גערעכטיגקייט, אלס געטלאַכער פּאסטולאַט, ווידער און ווידער באַלויכטען. אין „פאַל מאַריציאוס" שפּירט מען זיך ווי איינ־געמויערט אין קאַטאַקאָמבעס מיט גייסטער באַפעלקערט געוועלבער,

אומהיימלאכע, פון וועלכע פאר דורות און דורות עס טראָגט זיך יאָמער, אירטום און קרענקלאכע ליידענשאפט.

די דריי־פיר סעריעס פון די „וועלדע־קרייז" ראָמאַנען זיינען גע־וואַלדיג אין זייער פאַרמעסט און פארנעם, אויסערלאך עהנלאך צו עמיל זאָלא'ס גראַנדיעזע קונסט געביידעס, פּאַלאַצען מיט אומצאָליגע חדרים, דעקאָרירט און אויסגעשטאַטעט נאָך דער רייכקייט און קינסט־לערישער שפע פון דעם גרויסען שעפערישען ראָמאַניסט פון אונזער צייט.

דער חילוק איז נאָר אין דעם אינערלאכען וועזען און תמצית פוןביידערליי שאַפען.

ביי זאָלא'ן איז עס שטודירען פון דער נאַטור, רעאַליסטיש אויפגענומען, אין דער צייט ווען ביי וואַסערמאַן איז עס בילד און געשטאַלט, קינסטלעריש רעפּראָדוצירט פון זיין אייגענער וויזיע, מיט א טיפען ארייגדריגען אין דער מענשלאכער פסיכאָלאָגיע, אין די טיפענישען פון זיינעשמה, אָנגעהויכט מיט דעם גייסט פון דאָסטאָיעוו־סקי.

די אידעען, וועלכע ער געשטאַלטעט, הויבען אָן באַפּרוכטעט צו ווערען אויף דעם גינסטיגען באָדען, אָדער די סאַמע רעאַלע ווירק־לאכקייט ווערט איבערגעשאפען, ווערט פארקינסטלערט מיט די טיפע אידישע עטישע וואָרצלען, וואָס וואסערמאן, די גרויסע קינסטלעריש־שעפערישע פערזענלאכקייט, טראָגט אין זיך זעלבסט.

לאָרד בייראָן

מיט זיין גאַנצען מעכטיגען שטראָם פון פּאָעזי שטעלט מיט זיך פאָר לאָרד בייראָן איין וואולקאַנישען אויסברוך פון גייסט, וואָס האָט אזוי אויפגערודערט גאנץ אייראָפּא אין דער ערשטער העלפט פון דעם 19טען יאָהרהונדערט.

די באַפרייטע ביי דער עמאנציפּירטער און עמאנציפּירענדער מענשהייט גייסטיגע ענערגיע האָט גענומען שפּארען און ארויסצו־שלאָגען זיך פון איין רעזערוואואר צום אַנדערען ביז עס האָט דער־גרייכט צום קוואַל פון פּאָעזי.

און דאָ איז דאָס ערשטע מאָל געפונען געוואָרען, מיט אזא געוואַלדיגען כח פון אויסדרוק, דער ווילען און די מעגלאכקייט צו זעלבסט אויסדרוק אין די טיטאַנישע קלאַנגען און אקאָרדען פון בייראָנ׳ס פּאָעזי.

וואָרים דער לייט־מאָטיוו פון אלע פארשיידענארטיגע פאָרמען פון זיין שאַפען, דער דאָמינירענדער כח, וואָס צווינגט איהם צו מאַכען די וועלט אויסהערען זיין נשמה־ווידוי, זיינע זעלבסט־באַשול־דיגונגען אזוי ווי די פיל־פאַרביגע קאָלירען און שאַטירונגען פון זיינע אנדערע לירישע שטימונגען פון אנטוישונג און פארצווייפלונג, פון ביטערער איינזאמקייט און שטאָלצען גריוסוואהן — אלעס איז צו פאַרדאַנקען דעם גרויסען באַגעהר און ליידענשאַפט פון זעלבסט־באַשטימונג און זעלבסט־אויסדרוק פון דעם פּאָעטישען איך, וואָס ברעכט דורך דעם רעוואָלוציאָנערען וועג צו אינדיווידועלען שאַפען.

שוין די ערשטע רייפערע שריט פון זיין גלענצענדער דיכטערי־שער קאַריערע האָבען ארויסגעבראכט דעם „ליבלינג פון אפּאלאָן” מיט זיין גאנצען פּאָעטישען דראנג, מיט די אימפּולסען פון אן אינ־דיווידואליסטישער נאַטור, וואָס, כאָטש געהערענדיג דורך און דורך צו דער הויכער געזעלשאַפט, פון וועלכער זי קומט ארויס, מאכט זי די ריזיגע זשעסטען צו אויסטיילען זיך פון דאָרט, זיך איזאָלירען און צוהערען זיך צום אייגענעם שעפערישען גייסט.

ווי שמערצליך דער דאָזיגער ענגלישער היימישער פּעריאָד פון בייראָנ׳ס שאַפן איז געווען צייגט אונז דער גאַנצער ליריזם, וואָס באַהערשט צו דער דאָזיגער צייט דעם דיכטערס מוזע, די אלע אזוי ווייט און ברייט פארשפּרייט געוואָרענע אייגענשאַפטען פון זיין נאַטור, וואָס זיינען אריין אין דעם צוזאַמענשטעל פון דעם צוקונפטיגען בייראָניזם, די ענטוישונג און פאַרצווייפלונג, דער פערזענלאכער אנגסט און צער, דאָס מעלאַנכאָלישעס, וואָס פאַרנעמט דעם אָרט פון דער ביי איהם זיך אויסליידיגענדער געזעלשאַפטלאכקייט.

דער גאַנצער רעפלעקס איבער און פארעהרונג פון דער נאַטור, זיין טראנספאָרמירטער שטאָלץ, וואָס געפינט דאָרטען זיך זעלבסט, די ראָמאַנטישע ליבע, וואָס פאַרמעסט זיך מיט זיין אויפגעוואַכטען קינסטלערישען טעמפּעראַמענט — וואַקסט ארויס מיט זיין זעלבסט־שטענדיגער פאָרמירונג און טראָגט די גענעאלאגישע שפּורען פון ליידענס אויסברוכען און פיינלאכע רעאַקציעס געגען דער קאָנווענ־ציאָנעלער געזעלשאַפט, וועלכע האָט איהם ארויסגעשטויסען.

דאָך איז מערקווירדיג, ווי אזוי צו דער זעלבער צייט געהט אויך זיין אנטוויקלונג אויף דער ריכטונג פון הארמאָניזירונג.

זיין סטיל אין די פּאָעמען און לירישע לידער ווערען וואָס ווייטער עסטעטישער, זיין ריטם און מעטער שאַפען דעם טעמפּאָ פון דעם אינערלאכען גייסט, פון די מאָטיווען און שטימונגען, וואָס באַ־הערשען איהם.

מיר קאָנען עס נאָכפאָלגען אין זיינע פריהצייטיגע ווערק, אָנ־פאַנגענדיג פון „האוז אף איידעלנעס״, אין זיין „קאָרסעיר״ און „גיאאור״, אין די ערשטע 2 קאַפּיטלאך פון „טשיילד־האראלד״ ביז צו „די געפאנגענע פון שילון״ — אלע די ווערק, מיט וועלכע בייראָן איז באלד באריהמט געוואָרען אין ענגלאנד גופא און אין וועלכע עס איז דאָ די פאַרזוכען פון א גלייכגעוויכט פון דעם דיכ־טער מיט זיין שאַפען.

ניט קיין נייע געדאַנקען אָדער זאָגאר נייע פּאָעטישע מאָטיווען און מאָטיווירונגען ברײנגט ארויס דער דאָזיגער דיכטערישער קאָמ־פּלעקס, נאָר דאָס ראַנגלעניש פון א ברייטער נאַטור מיט זיך זעלבסט, די אימפּולסיווע אומרוהיגקייט און אומצופרידענהייט, דעם גייסטיגען איבערוואוקס, וואָס טרייבט צו זעלבסט־באַשטימונג.

מען קאָן מיט רעכט זאָגען, אורטיילענדיג אפילו לויט דעם ערש־טען פעריאָד פון זיין שאפען, אז קיינער ביז איהם האָט ניט ארוסי־געציינט אין דער וועלט פון פאָעזי אזא ריזיגען פערזענלאכען וואוקס, אזא דיכטערישען שוואונג, וועמען עס זאָל ווערען ווירקלאך ענג און פרעמד זיין אייגען לאנד און פאָלק, ווען ער איז אפשר דער בעסטער רעפּרעזענטאנט פון זיי ביידע.

דערפאַר אויך, אין דער נאַטור טאָקע מיט איהר אומבאַגרעניצ־קייט און פרייהייט, האָט ער געזוכט אן אויסגאַנג פאַר זיין פאַר־דרענגטען פאָעטישען און פערזענלאכען איך. די עלעמענטען פון דער נאַטור, די סובלימע און גראַנדיעזע דערשיינונגען, האָבען מעהר האַרמאַנירט מיט דעם דיכטערס און האָבען איהם געהאָלפען צו רעאַ־ליזירען זיינע טיטאַנישע אייגענשאפטען.

אזוי אויך האָט בייראָן געווענדעט זיינע בליקען צום מזרח, וואָס גיט דעם שליסעל צו דער גאַנצער מענשלאכער געשיכטע, פון וואַנען מען קאָן, ווי פון דעם העכסטען בארג אויף דעם ערד־קוגעל, כאַפּען די אויסזיכטען און פערספעקטיווען, וואָס פאַרשכור׳ען און באַ־צויבערען די אדלער־אויגען פון דעם דיכטער און באַרייכערען זיין שאַפען מיט הערלאכע וויזיאָנען.

דאָס אָריענטאַלישע און עקזאָטישע האָבען איהם פאַרכאַפּט אויף זיינע רייזעס, וואָס ער האָט געמאכט און וועלכע ער האָט פאָעטיש איבערגעגעבען אין „טשיילד־האראלד״, צ. ב., און אין אנדערע פאָע־מען.

די גאנצע אָריענטאַלישע באַקליידונג פון זיין פאָעזי גיט אפשר דעם דיכטער צו דעם אומבאַגרענעצטען הינטערגרונד, וואָס ער קאָן אויספיהלען מיט זיך זעלבסט, וואו ער קאָן אומגעשטערט ווערען דער אָביעקט און דער סוביעקט פון זיינע אייגענע געדאַנקען און גע־פיהלען.

„דער לייב איז איינזאַם; אויך איך״... זינגט דער פאָעט. און ער איז ווירקלאך איינזאַם און אליין מיט זיין גאַנצער גייסטיגער גרויס, מיט דער נשמה־יתירה, וואָס ברייטערט זיך פאַנאַנדער אין איהם.

זיין הויך און גרויסקייט שטייגט, ווען ער קאָן פאַר זיך ניט גע־פינען קיין אָרט אין דער אומגעבונג פון מענשלאכער רוטין אין דער צייט, ווען ער פיהלט אַז

„שקלאַפּען זיינען מיר,
די גרעסטע און שפּלדיגע,
„פון אונזער ווילען היינגט קיין זאַך ניט אָפּ...
„און ווען מיר דענקען די פיהרער צו זיין, זיינען מיר גאר די געפיהרטע”...

אין דעם זוכעניש זיך זעלבסט ווערט ביי איהם געבאָרען זיין פרייערע נאַטור, וואָס פּראָטעסטירט געגען באגרעניצטקייט און רע־וואָלטירט געגען גוואלט און מאכט, איבערשטייגענדיג זיי מיט זיין אייגענער באפרייטער מאַכט.

זיין זעלבסט־באַוואוסטזיין און אינדיווידואַליסטישער וואוקס ווערט אידענטיפיצירט מיט דער תקופה זיינער.

דער שטורמישער טעמפּעראַמענט, די עקספּלאָדירענדע עמפינדונג האָט איהם ארויסגעהאָלפען אין דעם פרייערען אויסדרוק, ווארים אפילו אין די מינדערוויכטיגסטע שורות זיינע קאָן מען הערען דאָס ברויזען און גערודער פון אן אקעאַן. קומענדיג מאָמענטענווייז אין האַרמאָניע מיט זיך זעלבסט, ווערט דער טיטאַן־דיכטער דער מעכ־טיגסטער פאַרשטעהער פון דער פסיכיש און מאָראַליש עמאנציפירטער פערזענלאכקייט, באפרייט אפילו פון זיך זעלבסט.

ווען, אלס דיכטער, האָט ב. אויפגעהערט צו מאכען אָפּקרי־מונגען און פאַרלויפונגען, ווען זיין פּאָעזיע האָט גענומען שטראָמען אין איין מעכטיגען שטראָם מיט דעם גאַנצען אימפּעט פון די אין איהם אָנגעוואקסענע און ארויסגעוואקסענע כחות, איז ערשט געוואָרען קלאָר און דייטלאך דער דואַליסטישער כאַראַקטער פון זיין פּערזאָן און שאַפען.

עס איז ארויסגעטראָטען די גרויסע סתירה פון הויפּטזעכלאך צוויי געגענזאצען, וואָס דער פּאָעט האָט מיט זיך און אין זיך פאַר־אייניגט און וועלכע האָבען צוגעגעבען א מעלאָדראַמאַטישע באדייטונג צו אלעס, וואָס עס איז געווען פאַרבונדען מיט זיין נאָמען.

דער דעמאָניזם און סאַטאַניזם, וואָס געפינט אין איהם אזא אייגענאַרטיגען אויסדרוק, פאַרט זיך צוזאַמען מיט דעם טראַגיש־הערן־אישען און העלדישען.

די פריהעריגע עלעמענטען אין זיין כאַראַקטער ווערען איצט גאַנצע קאָמפּלעקסען פון פאַרוואַנדלונגען און אויסברייטערונגען.

דער רעוואָלט געגען דער געזעלשאַפט און איהרער אָנגענומענער מאָראַל, דער סקעפּטיציזם און איראָנישע פאַרביטערטקייט ברייננגט בייראַנ׳ען צו א געוויסער רעאַקציע. „אַ וואָס פאר א שעהנקייט און מעכטיגקייט, אויסער ביי דעם וואָס האָט איהם באַשאַפען, קאָן זיך פאַרגלייכען מיט דעם שטנ׳ס״, זאָגט אפילו מלאך רפאל אין איינע פון ב. מיסטעריעס און עס שאַפט זיך ביים דיכטער איבערהויפּט א קולט פון דער סטרא אחרא.

די טיפּישע העלדען פון זיינע נאַראַטיווע פּאָעמען, דער בייראָ־נישער העלד, איז איינזאַם־שווייגענד פּאַטאַליסטיש, כמעט שטענדיג א רענעגאַט, אָהן גלויבען; ער שטרייט מיט דער געזעלשאַפט אויס פער־פעטועלער אומרוהיגקייט, איז באַזעסען ממש פון פּראָבלעמען, וואָס ער לעזט נעגאַטיוו און איז צוגעסען דורך מיסטערישע געוויסענסביסע.

אזוי ארום איז בייראָן געוואָרען, אין א געוויסען הינזיכט, דער פאָטער פון דער סאַטאַנישער ריכטונג אין דער פּאָעזי. דאָס איז דער קאָמפּלעקס, וואָס איז אויסגעוואַקסען פון א פאַרביטערטקייט, פון דעם געצוואונגען זיין צו זוכען לייזונג פאר אומלייזבאַרע פּראָבלעמען.

אין „קין״, צ. ב., אין די פּאָעטישע נאָכקלערונגען איבער דעם זינען פון לעבען און שאַפען, קלינגען ארויס צו גרויסע וועה־געשרייען פון אַן איוב, וואָס די טרייסט פון זיינע פריינד רופען ערשט ארויס די ביטערע געפיהלען פון שטאַרקער נקמה, פון א „אשרי שיאחז ונפּל את עולליך אל הסלע״, און אלס פּועל־יוצא דערפון פאָלגט דער רעפלעקס פון פאַרטריבען זיין אינווענדיג אין זיך און מיט זיך, פון א פּריוויליגען גלות, וואָס דער דיכטער ריכט אָפּ, אזא וואָס איז ערגער פון א געצוואונגענעם.

ניט אומזיסט זאָגט געאָרג בראַנדעס, אז בייראַנ׳ס „אידישע מעלאָ־דיען״ צייגען ווי נאַטירלאַך די אידישע באַקליידונג האָט באַפרידיגט און איז נאָכגעקומען, אין א געוויסען הינזיכט, די פאָרמען פון זיין לעבען.

אין אונזער גייסטיגער ענטוויקלונג האָבען מיר שוין לאַנג זיך אָנגעשטויסען אויף דעם דאָזיגען שטן, וואָס שטעלט זיך אוועק ווי א מחיצה פונקט צו דעם מאָמענט, ווען מיר האַלטען דערגרייכען אונזער ציל.

דאָס איז די שטערונג, וואָס פאַרביטערט אונזערע בעסטע מאָ־

מענטען און מאַכט אונז אזוי טראַגיש אין אונזער גאַנצער געשיכט־לאכער עקזיסטענץ.

געטהע, דער גרעסטער פארעהרער פון בייראָן, וועלכער האָט איהם געשטעלט העכער פון זיך זעלבסט, רעכענט איהם צו אלס איינע פון די וואונדערבאַרסטע אייגענשאפטען פון זיין פּאָעטישען געניע, דאָס דראַמאַטיזירען די ביבעל, צו וועלכער ער פארמאָגט א זעעלישע פאַרוואַנדשאַפט.

עס איז נאַר א חידוש, וואָס ביי אונז האָט בייראָן ניט געפונען קיין דירעקטען און וויפיל עס איז ניט באדייטענדען אָפּקלאנג, כאָטש אין דער אמת׳ן האָבען מיר דאָך קיין ליטעראַטור אין דעם אייגענט־לאכען זינען ניט פארמאָגט צו יענער צייט, אָבער די שפּעטערע און פאַרשפּעטיגטע עכאָס האָבען געמעגט צו אונז דערטראָגען זיך.

דער בייראָניזם, וואָס האָט גע׳ירשנ׳ט און ארויסגעטראָגען פילעס פון בייראָן, האָט ניט פאַרמידען צו אָפּשטעלען זיך אויף דעם סאַ־טאנישען עלעמענט און האָט דוקא געטאָן אן אומרעכט דעם גרויסען פּאָעט דערמיט, וואָס האָט איהם ארויסגעשטעלט אין אן אנדער ליכט און האָט פיל פאַרגרעסערט דעם עפעקט פון דעם דעמאָניזם אין זיין פּאָעזי.

צופיל איז באקאנט געוואָרען דאָס אוממאָראַלישע אומעטישע פון זיין סאטאניזם דורך זיינע תלמידים און נאָכפאָלגער, און עס איז ארויסגעבראַכט געווארען אויף דעם חשבון פון זיין פערזענלאכען הע־ראָאישען שוואונג פון דער פאַרפולטער אויפגעבראַכטער אינדיווידוע־לער פערזענלאכקייט, וועלכע האָט ניט געקאָנט געפינען זיין געהע־ריגען אויסדרוק אפילו אין זיין מעכטיגער פּאָעזי.

וואָרים גראדע אין דעם גלות פּעריאָד פון זיין שאפען, וואָס בייראָן האָט פאַרבראַכט אין איטאַליען און גריכענלאנד, ווען זיין קינסטלערישער טעמפעראמענט איז געשטיגען אזוי הויך, האָט זיך געבילדעט א דיסהאַרמאָניע אין זיין אויסדרוק און פּאָעטישער פאָרם, וואו ער ווערט רעטאריש און צעצויגען, צוליב דעם צו גרויסען מאַטעריאל, וועלכער איז ארויסגעוואקסען פון די פריהעריגע פאָרמען.

וואָרים פּאַראַלעל צו דעם דעמאָנישען קאָמפּלעקס איז געוואקסען און זיך אנטוויקעלט אין דעם פּאָעטס האַרץ אן אנדער קאָמפּלעקס פון געפיהלען און עמאָציעס.

זיינע אייגענע ליידען מאכען איהם פאר דעם טריבון פון אלע

ליידענדע, פון דער ליידענדער מענשהייט; זיין אייגענע באפרייאונג ברייננט מיט זיך דעם פאטאס פון מענשלאכער פרייהייט בכלל, פרייהייט פון אלע אונטערדריקטע און באליידיגטע.

די איינזאמע ליידען, וואס האבען איהם פאר א צייט פארשלונגען, ווערען פארוואנדעלט אין סימפאטיע און מיטגעפיהל, אין עמפפינד־לאכקייט צו דעם וועלט־שמערץ.

נאר אין געטהע האט געזעהען ווי ב. דערהויבט זיך אין דער דאזיגער ריכטונג צו דער העכסטער מדרגה און שטעהט ווי א פיעדעסטאל, אלס וועלט־בירגער, צווישען אלע ענגלישע פאעטען פון אלע צייטען, דער העראלד פון וועלט־ליטעראטור און אוניווערסאלען גייסט אין פאעזי.

"The drying up a single tear has more of honest fame than shedding seas of gore. . . ."

אזוי דריקט אויס די הומאנע אויסגעברייטערטע געפיהלען זיינע דער פאעט.

די דאזיגע הומאנישע סימפאטיעס פאר די ליידענדע און גע־פייניגטע צוזאמענגעבונדען מיט דער עמפפינדונג פאר אוניווערסאלער מענשלאכער פרייהייט האבען געבילדעט דעם עקספלאדירענדען שטאף פאר העראאישע טהאטען, וואס האבען זיך אין איהם פארמירט.

די ערהאבענע נאבעלע געפיהלען, וואס האבען אויפגעברויזט אין איהם, זיינען געוועזען צו מעכטיג זיי זאלען זיך אריינפאסען בלויז אין פאעטישען שאפען.

און, כאטש זיין מוזע קלינגט ארויס אזעלכע שטארקע אקארדען פון ראמאנטישע געפיהלען צו פארשיידענע פעלקער, איז ער אבער באהערשט געווארען איצטער פון נייע ערפאהרונגען, וואס זיינען שטארקער געוועזען פון זיין פאעזי און האבען געוועקט צו טהאטען— און ער איז געווארען דער העלד פון פרייהייט.

נאר אין און דאס לעצטע ווערק פון בייראן צייגט ווי זיין פאע־טישער גייסט האט ענדלאך געגומען סינטעזירען די אזוי שארפע אין איהם סתירות און ארויסשיינען מיט הומאר און איראניע, מיט ביי־סענדער סאטירע, וואס פארבלאסט דעם גאנצען פעסטגעשטעלטען בייראניזם און צייגט די באלעבענדע קראפט פון פאעזי, וואס קאן זיך זעלבסט איבערשמעלצען, איבערלויטערען און דורכמאכען נייע אומ־וואנדלונגען.

„דאָן זשואן‟, וואָס איז אָנגעהויבען געוואָרען כמעט אין דער זעלבער צייט ווי „קין‟ און אנדערע ווערק און איז געוואָרען די לעצטע שאפונג פון בייראן, ברייגנט ארויס דעם סינטעטישען רעפּ־לעקס פון זיין פּאָעזי.

ביז איצט האָט ער איגנאָרירט זיין פּאַטערלאַנד מיט דער גאַנצער געזעלשאפט, וואָס ער האָט פרייוויליג פּאַרלאָזען, בכדי צו אויס־שפּרייטען זיינע אדלער־פליגלען אויף די ווייטע שטרעקעס און האָט נאָר געוואנדעט בליקען אהין פון פארביטערטקייט.

איצט איז ער דער אויסגעוואקסענער טיטאן, דער ריעז, וואָס קאָן זיך שוין ערלויבען שיינקען זיין סאַרקאַזם און איראָניע, זיין ראפינירטע סאַטירע, צו דער זעלבער געזעלשאפט, וואָס האָט ארויס־געשטויסען פון זיך אזא געניאלע קראַפט.

אָט דאָ האָט ער אויך געפונען זיין פּאָעטישען תיקון, דעם סינ־טעז, וואָס האָט אים געבראכט צוריק צו דער געזעלשאַפט מיט נייע וויזיאָנען, מיט נייע מיטלען צו באַקעמפען זי און באהערשען.

און ווירקלאך קאָן „דאָן זשואן‟ דינען פאר ב. העכסטע פּאָע־טישע דערגרייכונג, וואָרים ענדלאך האָט בייראָן פאָרענדיגט אָדער האָט געזאָלט פארענדיגען זיין ציקל פון שאַפען. נאָך דעם ווי ער האָט דורכגעמאכט אזאַ שטורמישע קאַריערע פון א פּאָעט־טיטאָן, א ריזען־גייסט פון אינדיווידועלען שאַפען, האָט ער שוין געקאָנט צו־קומען צו דער געזעלשאפט פון זיין אָפּשטאַמונג פון דער פארקערטער ריכטונג און וואָלט ער לענגער געלעבט און געשאַפען, וואָלט ער ערשט צום עכטען קאָנסטרוקטיווען שאפען געקומען.

בייראנ׳ס פּאָעזי, וואָס האָט געפונען אזא אָפּקלאנג און פאר־שפּרייטונג, הויפּטזעכלאך, צוליב דעם כמעט מעלאָדראַמאַטישען כאַ־ראקטער פון זיין פערזאָן, האָט אָנגעהויבען אויף דאָס ניי צו זיך קריסטאליזירען און ווער ווייסט וואָסערע מעגלאכקייטען זיינען אין איהם נאָך פאַרבאָרגען געווען.

דער אינדעפערענטיזם און גלייכגילטיגקייט, וואָס הערשט איצט בנוגע צו בייראָן, איז נאָך אלץ די פאָלגע פון גרויסער רעאַקציע נאָך דעם שטורם, וואָס זיין פּאָעזי און זיין פערזענלאכקייט האָט אויפגערודערט איראפּא.

די מאָדערנע פרוכטבארע מאָטיווען, וואָס זיינען נאָך פארבאָרגען אין זיין דיכטונג, וואַרטען אויף אויפלעבונג, וואָס דאַרף פריהער אָדער שפּעטער קומען.

אלעקסאַנדער סערגעיעוויטש
פושקין

„נאָר מיט פושקינען הויבט זיך אָן די רוסישע ליטעראַטור, זאָגט בעלינסקי, דער קאָריפעי פון די רוסישע קריטיקער, ווייל אין זיין פּאָעזי שלאָגט דער פולס פון רוסישען לעבען. דאָס איז שוין ניט די באַקאַנטשאַפט פון רוסלאַנד מיט אייראָפּא נאָר אייראָפּא׳ס מיט רוסלאַנד.

...אָט וואו (אין „יעווגעני אָניעגין״) מען זעהט דעם אָנהויב פון דער רוסישער ליטעראַטור, אָבער נאָך ניט די רוסישע ליטעראַטור; זי הויבט זיך אקאַרשט אָן, נאָר זי אליין איז נאָך ניטאָ און אָנהויבען הויבט זי זיך אָן פון פושקין און ביז איהם איז קיין רוסישע ליטעראַטור לחלוטין ניט געווען. אנשטאָט איהר איז געווען א רוסישער וואָרט־שאַץ — א זאַמלונג פון דערשיינונגען, וועלכע זיינען ניט געווען אין צוזאמענהאַנג. און ווייטער: „פושקין איז געווען דער ערשטער פּאָעט־קינסטלער אין רוסלאַנד, דער ערשטער צו געבען פּאָעזי ווי א קונסט און ניט ווי א שעהנע שפּראַך פון געפיהלען... אין פושקין דערזעהט מען צום ערשטען מאָל דעם קינסטלער, באַוואָפענט מיט דעם גאַנצען כשוף פון פּאָעזי, באַרופען פאַר קונסט ווי קונסט, אָנגע־פילט מיט אינטערעס צו אלסדינג עסטעטיש שעהנעם, ליבענד אלעס און דערפאַר טאָלעראַנט צו אלעס״...

מערקווירדיג וואָס פאַר א ראָמאַנטישע אטמאָספערע עס וויקעלט ארום די שאַפונג און די פּערזענלאַכקייט פון דעם געניאַלען רוסישען פּאָעט, א מין קולט, וואָס ווערט אונטערגעכאַפּט פון דור צו דור מיט מעהר התלהבות און גרעסערער אנטציקונג און וואָס איז ניט אונטער־געגראָבען אָדער אפילו ניט אונטערגעבראָכען געוואָרען מיט דער פאַרניכטענדער קריטיק פון פּיסאַריעוו און זיין גאַנצען פּאָזיטיוויזם.

„ווען איך האָב געשאַפען מיינע ווערק, שרייבט גאָגאָל, האָב איך געזעהען פאַר זיך נאָר פושקינען... איך האָב ניט אונטערגענומען, ניט געשריבען קיין זאַך, ניט האָבענדיג זיך גע׳עצה׳ט מיט פושקין.

אל דאָס גוטעס, וואָס איז דאָ אין מיין נאַטור, בין איך איהם שולדיג. דער ראָמאַן, וואָס איך האלט אין שרייבען („די טויטע נפשות״) איז זיין שאַפונג; איך האָב איהם געשוואוירען צו שרייבען און פון דעמאָלט אָן האָט מיין האנט ניט אויסגעפילט קיין איינציגע שורה אָן דעם אז ער זאָל ניט האָבען געוועזן דערשיינען פאר מיינע אויגען. איך האָב זיך געפרעהט, האָפענדיג צו באפרידיגען איהם, איך האָב גע־פּרואווט טרעפען, וועלכע אויסצוגען וועלען איהם געפעלען ווערען און דאָס איז געווען מיין העכסטע באלוינונג״.

און אָט וואָס דער לעצטער ריעז פון דער רוסישער ליטעראַטור, מאַקסים גאָרקי, דריקט אויס וועגען פּושקין: „...דאָס זיינען געווען די פּאָעמען פון פּושקין. איך האָב זיי באלד איבערגעלייענט אלע, פאַרכאַפּט פון די דורשטיגע געפיהלען, וועלכע מען קאָן דערשפּירען, ווען מען טרעפט אָן פּלוצים א נאָך ניט געזעהענעם שעהנעם אָרט, ווען מען לאָזט זיך עס ארומלויפען מיט איינמאָל... אזוי טרעפט, ווען נאָכדעם ווי מען געהט זיך אָן לאַנג אויף מאַכיגע פעלדער פון בלאָטיגען וואַלד און אומערוואַרטעט ברייטערט זיך אויס פאר דיר דאָס טרוקענע פעלד אינגאַנצען פאַרטונקען אין בלומען און זון. א מינוט קוקסטו אויף דעם א באַצויבערטער און דערנאָך לויפסטו ארום גליקלאַך איבער דעם פעלד און יעדער באַריהרונג פון די פיס צו די ווייכע גראָזען פון דער פרוכטבארער ערד דערפרעהט דיך״... („צווישען לייט״).

„...פּושקין האָט אזוי פיל מיך איבעראשט מיט דער איינפאַכ־קייט און מוזיק פון פערז, אז א לאַנגע צייט האָט מיר די פּראָזע אויסגעזעהען אומנאַטירלאַך און לעזען פּראָזע איז מיר געווען אומ־באַקוועם. די פאָלקלאַנגיגע שורות פון די פערזען האָבען זיך פאַר־האַלטען אין זכרון וואונדערלאַך גרינג, באַשעהנענדיג אלעס יום־טוב׳דיג, אלעס פון וואָס זיי האָבען גערעדט; דאָס האָט מיך געמאַכט גליקלאַך, מיין לעבען גרינג און אָנגענעם. די פערזען האָבען גע־קלונגען ווי א בשורה פון נייעם לעבען. אָ, וואָס פאר א גליק איז עס צו קאָנען לעזען!״...

צי איז דאָס טורגעניעוו אָדער דאָסטאָיעווסקי אין איין דור, אדער מערעזשקאָווסקי און אָוסיאַניקאָ־קוליקאָווסקי, וו. בריוסאָוו, גאָרקי אָדער גערשענזאָן אין אנדערע דורות אין אנדערע פעריאָדען פון דער רוסישער ליטעראַטור, אבער די פאַרעהרונג און פאַרהערלאַכונג פון

די ווערק און פערזענלאכקייט פון דעם פּאָעט האָבען צו זיך כמעט קיין פאַרגלייך אין קיין שום אנדער ליטעראַטור.

ניט אומזיסט איז יעדער מינדעסטער עפּיזאָד פון זיין לעבען און שאפען כמעט פאַרוואַנדעלט אין סימבאָלען פון נאַציאָנאַלער און וועלטלאכער באדייטונג. אין דער אמת׳ן אָבער זיינען מיט זיגזאַגען געגאנגען די געזעלשאפטלאכע און ליטעראַרישע שטימונגען פון פושקין און ממילא זיין גאנץ פּאָעטישעס שאפען.

אַ באַזונדער צויבער איז אויסגעגאָסען אויף דער „ליציאישער" און פריצייטיגער פּאָעזי פון פושקין, ווען די שטורמישע יוגענטלאכע פּאָעטישע קראַפט לאָזט זיך הערען.

די מוזע זיינע, „די פאַרשייטע באקכאנקא", האָט באַזונגען פרויען שעהנהייטען, זייערע שעהנע פיסעלאך און שלאנקע פיגורען, שמייכלענדיג, שוועבענדיג און פליענדיג פון בלום צו בלוט, ווי בין האָניג קלייבענדיג.

די נעמען פון די שעהנהייטען דערשיינען אין די ערשטע העפטען פון די געדיכטען אזוי ווי די וואונדערבארע פאַרשוואונדענע זעהונגען.

אָבער אין די גרויסע מאָמענטען פון געבורט פון דעם דיכטער, ווען די ליבע און פאַרליבטקייט איז אריבער און זיין שכל האָט אויסגעלייטערט — ווערט פושקינען באַנג פאר זיינע שעהנהייטען־בילדער פון דער מוזע און מיט ביטערקייט פון חרטה קלערט ער איבער: „זיי זיינען ניט ווערט די ליידענשאפטען, ניט די לידער, ניט די אומשולדיגע זיפצען און הארצוועהטאָגען — עס איז מיר א שאַנד פאר מיינע אָפּגעטער"...

פון דעם יוגענדלאכען לייכטזיניגען עפּיקורעאיזם האָט פושקין דורכגעמאכט דעם וועג ביז צו דער טיפער פארנויגונג פאר דעם לעבען און פארהערלאכונג פון לעבען. די לייכטע שפּילעווידיגע מוזע פון דעם „שפּיל פון באקכוס און ווענוס" איז אין איהר רייפקייט דערגאנגען צו פולען און פאַלקאָמען אויפנעמען און אויפפּאַסען פון לעבען, אין דעם ברייטסטען פאַרנעם און פולסטען אויסדרוק פון לעבען, ווען דער ציל פון לעבען איז אין לעבען גופא, אין א פולען וועזען און זיין.

די פולקייט און אינטענסיווּיטעט פון לעבען איז דער גרעסטער סוביעקטיווער ציל פון מענשלאכען לעבען — דאָס ווערט אלץ מעהר און ווייטער די טיפסטע סטיכישע ווייזהייט און דער פּאָעטישער זין

פון זיין אומבאוואוסטזיניגער פילאָזאָפי, אויסגעדריקט אין פולע און העלע איבערלעבונגען און לירישע אויסגוסען.

דער עלעמענטאַרער פּאָעטישער דראַנג און די פּאָעטישע פריי־הייטלאַכקייט און אומאָפּהענגיגקייט האָט פושקינ'ען געמאַכט אין דער „אַלעקסאַנדרישער" עפּאָכע פאַר דער לעבעדיגער אָפּשפּיגלונג פון דער אומרוהיגער צייט און, ווי ער אַליין כאַראַקטעריזירט זיך זעלבסט, איז ער דער פּאָעט, וועלכער „קען נאָר די פרייהייט לויבען".

אין זיינע ערשטע ראָמאַנטישע פּאָעמען, אין באַזונדערע לידער האָט ער געוואָרפען ליידענשאַפטלאַכען אַרויסרוף צו טיראַנײַ און צו אַלע אַלטע טראַדיציעס, האָט פראָקלאַמירט די פרייהייט פון געפיהלען און האָט אַרויסגעצייגט האַס און פאַראַכטונג צו די קאָנוועציאָנעלע פאָרמען פון דער געזעלשאַפט.

זיינע לידער „אָדע צו פרייהייט", „דער קינזשאַל", „דאָס דאָרף", אָדער „גאַווריליאַדא", האָבען דעם גרעסטען רוסישען דיכטער גע־מאַכט פאַר אַ מאַרטירער אין דעם גאַנצען גאַנג פון זיין פּאָעטישער קאַריערע, ווען ער האָט געדאַרפט פילע יאָהרען אָפּריכטען גלות פון פאַרשיקונג אונטער דעם צאַר אַלעקסאַנדער און דערנאָך געשטעלט ווערען אונטער דעם אויפזיכט פון זשאַנדאַרמען־שעף בענקענדאָרף אין דער צייט פון ניקאָלאַיען.

דער גרויסער פּאָעט איז וואָס ווייטער מידער געוואָרען פון דעם רוסישען פאַר רעפאָרמערישען לעבען און האָט זיך געריסען אויף דער פרייהייט, פאַרשטעהענדיג פרייהייט אַלס פּערזענלאַכע אומאָפּהענגיגקייט פון וועלטלאַכע נאָכקומענישען, פון די טרדות פון לעבען, פון די דערדריקענדע איינדריקע פוןווירקלאַכקייט. ער האָט געדורשט נאָך רוהע אין זיין אינערלאַכער וועלט—אין דער דאָזיגער שטרעבונג איז ער דערגאַנגען צו אַ שאַרפען פראָטעסט געגען די קאָנוועציאָנען און „פליכטען", וואָס די געזעלשאַפט לייגט אַרויף אויף דעם מענשען, געגען זיין אומגעבונג, די „הויכע וועלט", אין וועלכער ער האָט זיך געפונען און געגען דער רעגירונג. ער האָט איבערגעלעבט אַ צייט פון שאַרפען אויפגערעגטען קאַפּריזנעם אינדיווידואַליזם.

אַלע ראָמאַנטישע העלדען פון פושקינ'ס פּאָעמעס אונטער דער ווירקונג פון לאָרד בייראָן, ווי „דער געפאַנגער פון קאַווקאַז", „אַלעקאָ", „די גזלנים", „דובראָווסקי", „קינזשאַל" א. ז. וו., האָבען אַן אינטערעס

אין די פרייע" ווילדע פעלקער, די אומאָפּהענגיגע פון ווילקיר און פריי פון שקלאפעריי, ווי די טשערקעסען, ציגיינער, וואלאכען.

מיט זייער גאנצען בייראָניזם זיינען זיי דאָך רעאליסטישע בילדער.

זייער ווירקלאכע קראפט, די הייסע ליבע צו פרייהייט האָבען באגייסטערט די לעזער, גערופען צו קאמף און געוועקט האָס צו דער „קרעפּאָסטניטשעסטווא".

פושקין, וועלכער איז פערזענלאך פארפאָלגט געוואָרען אלע זיינע יאָהרען צוליב זיינע געוואגטע פרייהייטען פון דער מוזע, וועלכער האָט געהאסט אזוי שטארק און איז דאָך אזוי פארקניפּט און פאר־בונדען געוועזן מיט דער היכער געזעלשאפט, האָט דעם בייראָניזם ענטנומען אלס בייפאל צו זיינע אייגענע שטימונגען און איבערלע־בונגען.

די שטורמישע רעבעלירענדע פּאָעזי פון בייראָן, פול מיט פּאטאָס פון קאמף, האָט מעהר ווי עפּעס אנדערש אנטשפּראָכען דעם פּאָעט׳ס אייגענע באטריבען. ביי בייראָנען איז אבער דער קאָנפליקט פון די „איבעריגע מענשען" מיט זייער אומגעבונג אין דער געזעלשאפט פאַרטיפט ביז צו אן איבערייסונג פון דעם מענשען מיט דער וועלט, מיט דעם וועלטאל, מיט גאָט.

עס פאָדערט זיך אומגעהייערע טיטאַנישע כחות צו טראָגען אויף זיך די דאָזיגע צייכענס פון איבערייס; זיינען דערפאר אלע העלדען ביי בייראָן אזעלכע טיטאַנען מיט אומבאגרעניצטער קראַפט פון מענשלאכען גייסט, מורדים און ווידערשפעניגע געגען גאָט און וועלט.

די דאָזיגע כאַראַקטעריסטיק פון בייראָנ׳ס שאפען איז געוועזן פרעמד פאר פושקין, כאָטש ער איז אונטערגעפאלען זיין ווירקונג.

פושקין פּאַסט אויף די גאַנצע וועלט אין איהר געמיינשאפט און דערגעהט ביז צו אן איבערייס נאָר מיט דער געזעלשאפט, אבער ניט מיט דער וועלט.

אין דעם הינזיכט איז פושקין אפשר געוועזן דער גרעסטער רעא־ליסט צווישען די גרויסע דיכטער. ער האָט געליבט די זון און די ערד, די וועלט אין איהרע דריי רימענזיאנען, די דאָזיגע טונקעלע שוואכע נשמה פון רעאַלען מענשען און אפילו אין מינוטען פון פאר־צווייפלונג איז ער צו גענצלאכער האָפנונגסלאָזיגקייט ניט דערגאנגען,

מחמת ער האָט געליבט דאָס לעבען און האָט געגאַרט לעבען בכדי „צו דענקען און ליידען" און אויך צו שאַפען און געניסען.

דער קינסטלער האָט געראַטעוועט דעם מענשען. די קונסט האָט איהם ניט נאָר שלום געמאַכט מיט דעם לעבען, נאָר אויך אנטפלעקט פאַר איהם א טיפען זינען אין לעבען.

אין דער צווייטער העלפט פון די 20גער יאָהרען פון דעם 19טען יאָהרהונדערט האָט זיך איינגעשטעלט די אומרוהיגקייט פון פושקין זעלבסט און ער טרעט אריין, אזוי צו זאָגען, אין אן אָביעקטיווען פע־ריאָד פון זיין שאַפען.

אָבער אויסער דעם, וואָס די דאָזיגע שטרעבונג צו אָביעקטיווען שאַפען איז געווען אן אָפשפּיגלונג פון דער צייט און דעם דור, וואָס איז אויסגעמאַטערט געוואָרען פון די אויפברויזען פון דער אלעקסאנ־דער עפּאָכע (די דעקאַבריסטען) און געדורשט נאָך רוה, אויסער דער דאָזיגער אומדירעקטער דינסט צו דער צייט, איז פושקין קיינמאָל אימשטאַנד ניט געווען צו באהערשען זיין לעבעדיגע נאַטור, צו בליי־בען אויף די אלימפּישע הויכען פון אינדיפערענטער שאַפונג. דער אל־אומפאַסענדער געניע פון פושקין האָט קיינמאָל ניט אָפּגערוהט און אָפּגעשטעלט זיך אויף עפּעס וואָס איינציגעס און קיינער אויסער איהם אליין האָט ניט אזוי פאַלקאָם אויסגעפאָלגט זיין אייגענע פּאָע־טישע צוואה: ... „דורך פרייען וועג, אָ געה, וואו עס ציהט דיך דער פרייער שכל". און אזוי ווי די אָפּרופענדע נאַטור האָט געצויגען אָט אין איין זייט און אָט אין א געגענזייטיגער ריכטונג איז יעדע פון די ליטעראַרישע טעאָריעס — אי די ריכטונג פון ריינער קונסט אי דער אָפּקלאַנג פון געזעלשאַפטלאַכער קונסט — קאָנען באשטעטיגען זייערע פּאָזיציעס מיט באצוגען און אָנווייזונגען אויף דעם פּאָעט.

ניט אומזיסט האָט פושקין זעלבסט פארגליכען דעם פּאָעט צום „ווידערקול", וועלכער רופט זיך אָפּ אויף אלעס, זאָל עס זיין „דער רעש פון שטורם־ווינט אדער פרידלאַכער אויסגעשריי פון דאָרפישע פּאַסטוכער".

יאָ, אין דעם מאָמענט פון פאַלעמישער אויפגעבראַכטקייט האָט ער אויסגעשריען: „מיר, די פּאָעטען, זיינען געבוירען פאַר אינספּי־ראַציע, פאַר טענער זיסע און תפילות צארטע" („המון").

אָבער איז ניט דאָס זעלביגע ליד א צושטערונג און ווידערשפּרוך געגען די, פון איהם אליין פּראָקלאַמירטע, פּרינציפּען? עס איז דאָך

ניטאָ אין דעם ליד קיינע זיסע טענער און קיינע תפילות און עס איז אין אלגעמיין א מוסטער פון טענדענציעזער דיקטאַטאָרישער פאַר־וועהרונג צו געהן מיט דעם פרייען וועג, וואוהין עס ציט דעם פאָעט זיין, פרייער פון וועלכער ס'איז ניט פארוועהרונג, אינטעלעקט.

אָט געפינען מיר ביי איהם: „ניט פאר לעבענס אומרוהיגקייט ניט פאַר אייגעננוץ, ניט פאַר דעם שלאַכט" איז דער פאָעט געבוירען און באלד דערנאָך פאָלגט „צו די לעסטערער פון רוסלאנד" — אַן אָפרוף אויף די פּראָבלעמען פון טאָג אין דעם בושטעבלאכען זינען — אויף די דעבאטען אין פראנצויזישען פארלאמענט אין יענעם מאָמענט.

ווי איראָניזירט עס דער דיכטער, ווען מען לייגט איהם פאַר צו זיין נוצלאך. „דארפען די כהנים פאר דעם בעזים זיך נעמען?" אָבער אין עטלאכע יאָהר ארום נעמט זיך דער דאָזיגער כהן־גדול פון ריינער פּאָעזי פאר דעם בעזים פון זשורנאַליזם און די גרויסע באַ־גאבונג זיינע ווערט פארנוצט צו אויסקערען דעם מיסט, וואָס איז פאַרטראָגען געוואָרען אין דער ליטעראַטור.

„דו קאָנסט, ליבענד דעם נאָענטען, אונז באלערען, און מיר וועלען דיך הערען", בעט זיך ביי איהם דער המון, ד. ה., דאָס פובלי־קום, וועלכע איז צוגעוואוינט מיט דעם גאנצען גאַנג פון דער ליטע־ראַטור צו קריגען באלערענד פון דער ליטעראַטור.

אָבער דער פּאָעט זאָגט זיך אָפּ פון דעם פאַרשלאָג מיט פאַראַכ־טונג און צו דער זעלבער צייט האָט ער דאָך פארענדיגט „יעווגעני אָניעגין", אין וועלכען דאָס לעבען פון „המון" האָט זיך אָפּגעשפּי־געלט מיט אויסערגעוועהנלאכער פולקייט און וואו דאָס צויבער־ביל׳ד פון „טאַטיאַנע" (די העלדין פון דער פּאָעמע) האָט ארויסגערופען איינע פון די בארימטע אויפּברויזענדע לערען און פרעדיגט פון לעבען, וועלכע די רוסישע ליטעראַטור האָט ווען עס איז ארויסגע־בראַכט.

„איך האָב אייך ליב צו וואָס זיך נאַרען, אָבער אַן אנדערען בין איך אָפּגעגעבן און וועל אייביג טריי איהם זיין", איז טאַטיאַנעס ענטפער צו אָניעגין און דער דאָזיגער ענטפער הערט ניט אויף ביז היינטיגען טאָג צו אויפרודערען דעם רוסישען לעזער און אויפ־הויבען אין איהם מאָראַלישע פראגען און פּראָבלעמען.

זעהר א סך אין דעם דאָזיגען ראָמאַן האָט פארלאָרען פון זיין ווערט און איז בכלל אָפּגערוקט געוואָרען געשיכטלאך, אבער דאָס

בילד פון טאַטיאַנע, וועלכע האָט פאַרקערפּערט די פולע פרייהייט פון קאָנווענציאָנען מיט דעם שטרענגען באַוואוסטזיין פון מאָראַלישען חוב האָט זיך איינגעקריצט אין די הערצער פון די לעזער. יעדער דור האָט זיך זיינע אייגענע באַציאונג צום דאָזיגען פּראָבלעם און דעם דאָזיגען ענטפער פון טאַטיאַנע.

דער פּאָעט אליין האָט זיך אָפּזעזאָגט טעאָרעטיש פון זיין אייגענער לערע, וועלכע ער האָט פאַרקערפּערט אין דער פּראַקטיק, ווען ער האָט זיך ניט געקענט אָפּצוימען אינגאַנצען אין דער עסטעטישער ספּערע אָדער אין דער ריינער ליריק.

מיט „יעווגעני אָניעגין" האָט פּושקין פאַרפּאַלנצט אין דער רוסישער ליטעראַטור דעם דערצעהלערישען עלעמענט, כאָטש אין ריין דיכטערשער פאָרם און ניט אין גאַנצען אָביעקטיוו.

אָבער מיט „באָריס גאָדונאָוו" האָט ביי איהם א נייער קוואַל פון שאַפען ארויסגעשטראָמט, א נייער שעפערישער שוואונג האָט זיך אנטדעקט פאר איהם מיט א נייעם מעטאָד פון ארבייט: צו פאַראיי־ניגען דאָס דענקען מיט אינספּיראַציע. דערמיט דערנעהענטערט ער זיך צו א נייעם דרך אין האַרמאָניע און פאָלקאָמענהייט. פּושקין לערענט זיך אויס צו מאָלען אביעקטיוו דאָס לעבען און די מענשען. דער קרייז פון זיינע פאַרשוינען, וועלכער איז ביז איצט געווען באַשרענקט אין זיין קונסט, ווערט איצט אומגעהייער אויסגעברייטערט. ער קומט צו צו היסטאָרישער ווירקלאכקייט, וועלכע באלעבט און רעגט אויף זיין פען.

אין אָנהויב פון די 80ער יאָהרען איז פּושקין אריבער צו פּראָזא און אָביעקטיווען רעאַליזם.

אָנהויבענדיג מיט „פּעטער דעם גרויסענס אראַפּ", האָט פּושקין אין א גאנצער רייע גרעסערע און קלענערע דערצעהלונגען און סקיצען, ווי „די דערצעהלונגען פון בעלקין", „פּיקאָוואַיאַ דאַמאַ", „עגיפּטישע נעכט" און באזונדער „דעם קאַפּיטאַנס טאָכטער",ארויסגעבראכט מוס־טערען פאר די מייסטערווערק פון א טורגעניעוו, דאָסטאָיעווסקי און טאָלסטאָי.

פּושקין האָט אפילו אין זיין בייראָנישען פּעריאָד ארויסגעצייגט רעאליסטישע טענדענצען, אבער הויפּטזעכלאך, ווען די פּערזען האָבען איהם אָנגעהויבען פאַראַטען, איז דער גייסט פון דיכטער אויסגעלייטערט געווארען, דער פּאָעט איז איבער א נייעס ווידערגעבוירען, ווען

ער האָט זיך געקאָנט פאָלקאָם איזאָלירען פון דער העסלאכער פאר איהם סביבה און באפרייען זיך פון דער הבל׳דיגער הויכער געזעל־שאַפט.

אין „קאַפּיטאנס טאָכטער״ איז פושקין אריבערגעגאנגען צו מאָלען אָביעקטיוו דעם לעבענס־שטייגער און דעם גייסט פון דעם 18טען יאָרהונדערט. די פאַרבלענדענדע בילדער, מיט וועלכע ער האָט באַדעקט און באפוצט דעם דאָזיגען פעריאָד פון דער רוסישער נאַציאָ־נאַלער געשיכטע, וועלען פארבלייבען אלס דער איינציגער קינסט־לערישער מאָנומענט פון א פעריאָד, צו וועלכען קיינער האָט נאָך עד היום זיך ניט צוגערירט כמעט, א פשיטא שוין זיכער ניט דער־גרונטעוועט קינסטלעריש.

דאָס דאָזיגע ווערק פארנעמט אין דער ליטעראטור דעם אָרט, וואָס „יעווגעני אניעגין״ פארנעמט אין דער פּאָעזיע. די שפּראַך, דער סטיל און דער קלאַנג איז אומפארגלייכבאר אָריגינעל. נאָר „מלחמה און שלום״ שטייגט עס אריבער אין מייסטערשאפט. אָבער אין דער צייט, ווען פּושקין מאָלט אלע קלאַסען פון דער געזעל־שאַפט, נעמט טאָלסטאָי ארום נאָר די מיליטערישע און אריסטאָ־קראטישע קלאַסען.

„אין פארגלייך מיט „קאפיטאנס טאָכטער״ זיינען אלע אונזערע ראָמאַנען און דערצעהלונגען העסלאכע שרייבערייען. ריינקייט און אומקינסטלאכקייט איז דאָרט דאָ אין אַזאַ מאָס, אז די ווירקלאכקייט אליין שיינט צו זיין געקינסטעלט און קאַריקאַטור. צום ערשטען מאָל זיינען ארויסגעטראָטען אמת׳ע רוסישע כאַראַקטערען. דער פשוטער קאָמענדאנט פון דעם פאָרט מיט זיין איינציגען האַרמאַט, די אומאָרדנונג פון דער צייט און די פשוטע גרויסקייט פון פשוטע מענשען: אין דעם באשטעהט דער באַרוף פון פּאָעט צו נעמען פון אונז און אונז אומקערען אלעס אין א ארויסגעלייטערט פאָרם״. (גאָגאָל).

אָבער די קרוין פון פּושקינ׳ס שאַפען באשטעהט אין דעם, וואָס דער קינסטלער־רעאַליסט און דער געניאַלער פּאָעט האָט זיך ארויס־געצייגט צו זיין דער זעלביגער רעאַליסט אין זיינע באַציהונגען צום פאָלקסטימלאכען שאַפען. אויב עס איז איהם אזוי גלענצענד געלונגען צו ערציהען זיך זעלבסט אויף די פאָלקס עלעמענטען און זיך אָפּ־טרייסלען גיך פון די ליטעראַרישע טראַדיציעס און די פאַרווירונגען

פון זיין צייט, האָט ער צו פאַרדאַנקען הויפּטזעכלאך זיך זעלבסט, דעם רעאַליסטישען צוזאַמענשטעל פון זיין פסיכיק.

אין א צייט, ווען אפילו די אומגאַנגס שפּראַך אין דער העכערער געזעלשאַפט איז געווען פראַנצויזיש, האָט פּושקין אליין נאָך געדענקט פראַנצויזיש און געשריבען רוסיש.

ווענדענדיג זיך צו די פאָלקס־אוצרות האָט ער ארויסגעבראַכט אזעלכע פּערלען, ווי „די שדים״, „דער גאָלדענער קעניג״, „רוסאַלקאַ״, „גוסאַר״ א. אז. וו., אַזאַ, אומצעהליגע פאָלקס־באַלאַדען, אויסער די פאָלקסטימלאכע ביי־פּראָדוקטען, מיט וועלכע עס זיינען אָנגעפיקעוועט אלע אַנדערע באַדייטענדע ווערק זיינע.

נאָך גרעסער איז דער וואונדער, וואָס כמעט אין אן אדאָפּטירטער שפּראַך, האָט דער געניאַלער פּאָעט פאַראייניגט סקולפּטור, מאלעריי און מוזיק אין זיין פּאָעטישען אינסטרומענט אויף אזא מאָס, וואָס עס איז אפשר קיין גלייכען ניטאָ אין דער וועלט־ליטעראַטור.

אין דעם לעצטען פּעריאָד פון זיין שאַפען האָט פּושקין ארויס־געבראַכט, אלס איבעראשונג, א רייע ווערק, דורכגעדרונגען מיט דעם אַנטיקען קלאַסישען גייסט. אין איהם אליין זיינען געווען ניט ווייניג צייכען פון אַ קלאַסישער נאַטור: האַרמאָנישע גלייכגעוויכט, אומ־אויסשעפּלאכע ליבע צו די לעבענס פריידען, דער קולט פון אויסער־לאַכער שעהנקייט און זיין ליבע פאַר דער פּאָעזיע פון שעקספּיר און אנדרע שעניער.

דער גרויסער פּאָעט האָט אריינגעזאַפּט אין זיך די מילדע ווינטען פון רענעסאַנס און האָט געשאַפען אזעלכע שעדעווורען, ווי „מאָצאַרט און סאַליערי״, „דאָן זשואַן״, „דער שטיינערנער גייסט״, „דער קאַ־פּערנער רייטער״ א. אז. וו., אויסגעפירט מיט קלאַסישע קלאָרקייט און אָפּגעמאָסטענקייט.

זיין פאַרהערלאכונג פון פּעטער דעם גרויסען ברענגט ארויס דעם באַזונדערען נאַציאָנאַלען כאַראַקטער פון זיין פּאָעזי, דעם נאַציאָנאלען רוסישען געניוס, וועלכען ער אליין האָט דערמאָנט מיט זיין אייגענער זאָנדערבארער אינטענסיוויטעט.

„פּושקינ׳ען רופט מען מיט רעכט, דער נאַציאָנאלער רוסישער פּאָעט, — שרייבט דער טיפסטער פאָרשער פון דער רוסישער נאַציאָ־נאַלער אידעאָלאָגיע, גערשענזאָן. (ווי פּאַראַדאָקסאל עס זאָל ניט קלינגען זיין אידשע אָפּשטאמונג).

„...אזוי ווי פון די אוראַלער בערג טראָגט זיך שטענדיג דער ווינט אויף די רוסישע פלאַכען, טאָג און נאכט בלאָזט ער אויף די פעלדער און די גאַסען פון די שטעדט, אזוי בושעוועט אומאויפהער־לאך אין דער רוסישער נשמה אן אומאויפהערבאַרע סטיכישע קראַפט און פאַרלאנגט פרייהייט, אז קיין זאך זאָל איהר ניט שטערען און, צו דער זעלבער צייט, בענקט זי נאָך שטילקייט און רוהע. ווי אזוי זשע זאָל מען פאַראייניגען אָט די ווידערשפרוכען?

דער מערב האָט שוין לאַנג געלייזט די פּראָבלעם: מען דאַרף די סטיכיע פאַרנאַרען, איינשפאנען אין די נעצען פון אינטעלעקט מיט נאַרמעס און געזעצען. דאָס רוסיש פאָלק אבער, שיינט מיר, זוכט אן אנדער וועג און פיהלט פאַראויס אן אנדער אויסוועג: ניט מיט גוטען נאָכגעבענדיג דער ערדישער נויטווענדיגקייט, נעמט דאָס רוסישע פאָלק אָן די נאַרמעס פון שכל און דאָך די לעצטע האָפנונג לייגט עס אויף דער גענצלאכער טראנספאָרמירונג פון דער גייסטיגער סטיכיע, וועלכע קומט פאַר דורך פייערדיגע ליידען, אָדער אין דער אַנטפּלעקונג פון דעם העכסטען אמת, אָדער אין דער זעלבסט־פּאַרטי־פונג פון גייסט.

נאָר אזוי, דענקט דאָס פאָלק, איז מעגלאך צו קאָמבינירען די פולע פרייהייט מיט דער האַרמאָניע.

דער מערב איז מקריב די פרייהייט פאַר דער האַרמאָניע, איז ווילּיג צו פאַרזעהען די מאכט פון דער סטיכיע, בכדי גיכער זיך צו דערשלאָגען צו דער אָרדנונג. דאָס רוסיש פאָלק וויל דאָס גאָר ניט, אָבער עס שטרעבט צו פאַראייניגען באַוועגונג מיט רוהע און די יעניגע, אין וועלכע עס פאַרקערפּערט זיך אממערסטען דער רוסישער גייסט, האָבען אומבאוואוסט אדער באַוואוסטזיניג געשטרעבט צו דעם. אין דער דאָזיגער דאָפּעלטקייט פון פאָלקס גייסט האָט פּושקין דער ערשטער מיט אומגעהייערע קראפט אויסגעדריקט דעם ווילען פון זיין לאַנד. ער האָט ניט נאָר פאָרמולירט די צוויי פאָדערונגען, נאָך פרייהייט ווי די דורשט נאָך פאָלקאָמענהייט (מחמת ער איז מעהר אָריענטאַלער ווי רוסלאַנד, אין איהם האָט גערונען אראביש בלוט).

אָבער מיט זיין אנטציקטער, מיט זיין תפילה׳דיגער פאַרנויגונג פאַר דער הייליגקייט און שעהנקייט, האָט ער געלעזט די פּראָבלעם פּראַקטיש און האָט ווירקלאך דערוואָרבען די האַרמאָניע אין שטורם...

דעריבער איז זיין פּאָעזיע ניט קיין שטורמישעס, נאָר „האַרמאָ־

נישעס״ ברענען; זי בריט עלעמענטאר יעדען, וועלכער דערנעהענ־
טערט זיך צו איהר, אזוי צו זאָגען, מיט דער היץ ווידער צוואַרעמט
זי דעם באַהאַלטענעם ברען־שטאָף פון יעדער נשמה.

דאָס איז א טייערע מתנה, מחמת די היץ, דער ברען פון הארצען
איז נויטיג אונז אלעמען און שטענדיג. דאָס איז א „קוואַל פון אמת
און קראַפט״.

אין 1836 האָט דער גרויסער דיכטער נאָכגעדענקט פיל וועגען
טויט. ער האָט דערפיהלט די אייטעלקייט און נישטיגקייט פון אלעם
אַרום און האָט אפשר דערשפירט די פאַטאַלע שווערד וואָס הענגט
אויף איהם און האָט געזעהן די נויטווענדיגקייט צו אונטערפירען זיין
פאָעטישען סך־הכל — און ער דריקט עס אויס אין זיין דיכטערישער
צוואה, אין דעם באַרימטען געדיכט „דאָס דענקמאָל״.

יאָזעף קאָנראַד

דאָס ארויסשווימען פון יאָזעף קאָנראַד אויף דער אויבערפלאַך פון דער ענגלישער ליטעראַטור, די גאַנצע דערשיינונג פון זיין שאַפען, איז ווי א איראָניע פון דער געשיכטע.

דאָס ענגלישע פאָלק איז דאָך אויסגעוואקסען און געשטיגען צו אַזאַ הויך פון אנטוויקלונג, צו אַזאַ דאָמינירענדע ראָלע, וואָס עס שפילט אין דעם היסטאָרישען לויף פון די לעצטע פאַר הונדערט יאָהר אַ דאַנק אפשר הויפּטזעכלאַך דער געאָגראַפישער סיטואַציע, וואָס ענגלאַנד פאַרנעמט, א דאַנק דער אינטימער שייכות מיט די ימים און אָקעאַנען.

פונדעסטוועגען, אין דער שעהנער ליטעראַטור, האָט די שעפע־רישע אידעאָלאָגיע דאָך ניט ארויסגעשטויסען קיין קינסטלערישע פאַקטאָרען פון גאָר גרויסען ווערט און באַדייטונג, וועלכע זאָלען אַנטדעקען און גרינדלאַך אויסשעפען די ים־אוצרות, וואָס זיינען געלעגען טיף פאַרבאָרגען און לאַנג געוואַרט אויף זייער גואל, זייער אויסלייזער.

די דירעקטע נאָענטע פאַרבינדונג מיט דער דאָזיגער סטיכישער נאַטור דערשיינונג, דאָס פאַרקניפּט און פארבונדען זיין מיט איהר, האָט געשטערט און דינט נאָך עד היום אלס שטערונג פאַר דער ריכטיגער פּערספּעקטיוו, בכדי צו קינסטלעריש רעפּראָדוצירען אדער סטימולירען אין א הויכער מאָס די דיכטערישע פאַנטאַזיע מיט אַזעלכע מאָטיוען.

און גראַדע קומט קאָנראַד מיט די סלאַווישע וואָרצלען אין זיין נשמה און געהט צו אזוי נאָענט דירעקט צום דאָזיגען סטיכישען עלעמענט, איז זיך טובל דאָרט און שמעלצט זיך איבער אינגאַנצען אין זיין פייער — און שמידט אויס דעם קינסטלער און דיכטער אין זיך פון דעם דאָזיגען קוואַל.

אַן אימפּולסיווער דראַנג, וואָס איז איהם אליין שוין אין דער צייט פון דער ערשטער פאַנאַנדערבליהונג פון זיין שאַפען אומפאַר־

שטענדלאך און אומבאגרייפלאך, ווי ער דריקט זיך זעלבסט אויס, טרייבט איהם צום ים־לעבען, צו דערפאַרונגען אויף דעם טיפען אָקעאַן, וואָס האַלט איהם צוגעקאָוועט אין זיינע קייטען פאר איבער גאַנצע צוואַנציג יאָהר פון זיין לעבען.

צו די דאָזיגע אימפולסען הערען זיך צו די פארשידענסטע עלעמענטען אין דער קאָסמאָפּאָליטישער משפּחה, וואָס דערפיהלען דעם רוף און ווערען געצוואונגען זיך אונטערוואַרפען דער אלמעכטיגער הערשאַפט פון דער סטיכיע.

קאָנראַד קומט אָבער ארויס פון דאַרטען מיט אזעלכע קינסט־לערישע וויזיאָנען, וואָס שאַפען דעם גאַנצען קאָסמישען גייסט און ברייגגען ארויס די אומענדלאכקייט און אומבאגרעניצטקייט, די אומ־געהייערע מאכט, וואָס פארטרייבט דעם מענשען פון זיך אליין און דערקוויקט און רופט ארויס העראָאישען מוט און זעלישע איבערגע־בענהייט, דעם מיקראָסקאָפּישען שפּיל פון כחות, וואָס פאַרוואַנדלען די סטיכישע נאַטור דערשיינונג אין א העכסט שפּאַנענדעס אוואַנ־טוריסטישעס וועזען.

דער ים, אין מילדקייט און אין צאָרן, ביי א געמיטלאכען גע־וויטער און אין אויפברויזונג — אין די פאַרשידענסטע ניואַנסען און קאָלירען, ווערט מערקווירדיג באַלויכטען פון דעם קאָנטעמפּלירענ־דען סלאַווישען גייסט, פון דעם אריינטראַכטענדיגען און אריינדרינ־גענדען בליק, וואָס פאַלט צוזאַמען מיט דער ענגלישער דערפאַרונג און אָפּפערוויליגקייט, מיט דער מענשלאכער אנטשלאָסענקייט, וואָס נעמט אויף זיך די גאַנצע לאַסט פון שווערקייט און הארטקייט, ווילּיג און פריידיג, שטאָלץ פאר דעם מעכטיגען געגענזייטיגען בונד מיט דער סטיכיע.

עס איז גענוג צו דערמאָנען די קאַפּיטלען פון זיין ווערק „טייפון", וואו עס געהן דורך די דאָזיגע באשרייבונגען און קינסט־לערישע דארשטעלונגען פון עלעמענטאַרען נאַטור־כח, אז מיר זאָלען זעהן די גאנצע געניאַלע פאַרשטעלונג און איינבילדונגס־קראַפט פון דעם פּויליש־ענגלישען נאָוועליסט און גלענצענדען שריפטשטעלער.

ניט מיט אמאָל איז אנטפּלעקט געוואָרען דער קינסטלער און דיכטער אין איהם, כאָטש קאָנראַד'ס ארויסטרעטען אויף זיין שעפע־רישע קאַריערע מאַכט דעם איינדרוק פון דעם זעלבען אימפּולסיווען דראַנג, וואָס האָט איהם בכלל געטריבען צו דער קאָסמישער סטיכיע.

אויך ער האָט אונטער דעם דרוק פון די אוממיטעלבאַרע דער־פאַרונגען און איבערלעבונגען ניט געקענט זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון אַן עכטען קינסטלער, און איז פאַר א לאַנגע פעריאָדע אין זיין לעבען געבליבען דער שטומער זאַמלער פון באַאָבאַכטונגען, דער שווייגענדער אָבער טיף־טראַכטענדער גייסט.

נאָר ווען ער האָט געפונען די פעדים און פאַרבינדונגען, די אייג־זאַמע שטעגען און וועגען צו דעם רעפלעקס אין זיין נשמה, האָט ער דערשפירט דעם אויפגעוואַכטען קינסטלער אין זיך זעלבסט.

נאָר ווען ער האָט אויפגעהערט צו לעבען אין שפּאַנונג און אויפגערעגטקייט פון א טיכטיגען אַנטיילנעמער, ווען די נאָר וואָס אוועקגעשטראָמטע און פאַרפלאָסענע ווירקלאַכקייט איז געוואָרען די נאָענטע פאַרגאַנגענהייט, וועלכע האָט זיך אפּגעטיילט פון איהם מיט א לייכטען שלייער פון נעבעל, האָט קאָנראַד גענומען נאָכטראַכטען און נאָכקלערען איבער אַלץ און אַלעס און קינסטלעריש רעפלעק־טירען, ארויסברייינגען עס.

זיין באַקאַנטשאַפט מיט דער קונסט הויבט זיך אָן מיט דער נויטווענדיגקייט צו אויפשטעלען פאַר זיינע גייסטיגע אויגען די דעראינערונגען און זכרונות, בכדי זיי צו דערזעהן פאַר זיך אָפּגע־טיילט פון איהם זעלבסט, ווי א זעלבסטשטענדיגעס וועזען.

דערפאַר געהט ער, אַזוי צו זאָגען, רעטראָספּעקטיוו אין זיין שאַפען און שטעלט זיך אָפּ צום אַלעם ערשטען אויף דעם מעמוארען־ארט שרייבען אין זיין „אַלמייער׳ס פאַללי״ אדער אין זיין „פּערזענ־לאַכען רעקאָרד״ און דעם „שפּיגעל פון ים״ א. א. וו.

וואָס ווייטער אָבער באַגעגענען מיר א מעהר אריינדרינגלאַכען וויזיאָנערישען בליק אין זיינע דעסקריפּציאָנען, בילדער־רייכע פאַר־שטעלונגען און פאַנטאַסטישע פּערסאָניפיקאַציעס און פיגורען.

אין דעם גאַנג צוריק און אין דעם אויפשטעלען אין זיך דעם קינסטלער אויף א באַוואוסטזיניגען אופן האָט קאָנראַד נאָך אַמאָל אַנטדעקט דעם ים אין זיינע פאַרשידענסטע רעאַקציעס, דעם מענשען מאַטעריאַל און די שיפען, וואָס באַפעלקערען איהם און צירקולירען אויף די גרויסע שטרעקעס פון זיין אויבערפלאַך און האָט ארויס־געבראַכט א רייע פון גלענצענדע און פרוכטבאַרע ווערק ווי: „נאָסטראָמאָ״, „דער ניגער פון נאַרציסוס״, וואָס טראָגען א מאָנו־מענטאַלען גראַנדיעזען כאַראַקטער.

מען קאָן זעהן בחוש, אז די נאַציאָנאַל־פּוילישע שטריכען האָבען זיך צו איהם ניט צוגעקלעפּט פעסט אָדער זיינען גיך אָפּגעפאַלען פאר די טיפערע ראַסען אייגענשאַפטען און גרונט יסודות פון זיין כאַראַקטער, וועלכע האָבען אויפגעלעבט, ווען ער איז געקומען אין דירעקטען קאָנטאַקט מיט דער אנגלאָ־סאַקסישער ראַסע און דער ענגלישער קולטור און האָבען זיך אויפגעלייזט אין א קינסטלערישען סינטעז.

פון ליריק און ראָמאַנטישע געפילען צום ים, ווי עס דריקט זיך אויס אין זיין דערציילונג „יוגענט" און וועלכע גיבען איהם די גע־העריגע שטויסען צו זיין קינסטלערישער אָריענטאַציע, געהט ער איבער צום רעאַליזם און איבערצייגענדע פאַרשטעלונגען און בילדער.

קיינער קאָן ניט אויסזעצען לחלוטין גאָר ניט געגען זיינע פיגורען, ווי דער קאַפּיטאַן מאקווייער אָדער אטנטאָני, צ. ב., קיינער קאָן ניט אָפּלייקענען אז זיי שטעלען מיט זיך פאָר אן אמת'ע פאַר־קערפּערונג פון דעם ענגלישען טיפּ שיף־פירער און אזוי מיט די פאַרשידענסטע אַנדערע נידעריגערע ראַנגען פון דער „מאַנשאַפט".

און דאָך איז אין זיי אלעמען ניט רעפּראָדוצירט דיווירקלאכקייט גופא.

די סלאַווישע און אנגלאָ־סאַקסישע אייגענשאַפטען ווערען פאַר־שמאָלצען צוזאמען, פאַרטיפען און דערגענצען איינע די אנדערע און קאָנראד ברייגנט ארויס אזוי בולט און דייטלאך דעם הערלאָישען קאלאריט, די פעלזען שטייפקייט פון כאַראַקטער פון דעם דאָזיגען מערקווירדיגען מענשען־מאַטעריאל, וואָס שטעלען צוזאמען די „מאַנ־שאַפטען".

אלס רעאַלע פאַקטען גיט ער איבער געטריי און גענוי אלע איינצעלהייטען ניט נאָר פון די פון איהם געשאַפענע פערזאָנען און העלדען, נאָר אויך, און אפשר הויפּטזעכלאך, ווידער פון דער ים דערשיינונג און אפילו די שיפען.

אָבער די רעאַלע פאַקטען אנטהאלטען אין זיך כמעט שטענדיג סימבאָלישע צייכען און סוגזשעסציאָנען.

אין דעם וועטער און צושטאַנד פון אטמאָספערע זאָגאָר געפינט ער זיינע באַצויבערנדע פּערזאָניפיקאציעס און העלע רמזים.

יעדע שיף איז א לעבעדיגעס וועזען מיט אן אויסגעשפּראָכענעם כאַראַקטער מיט א שטרייגנער אינדיווידועלער פיזיאָנאָמיע.

עס גיבען שיפען ברוטאַלע אומבאַרהערציגע, וואָס זייער איינציג אבזיכט איז צו שעדיגען און טעראָריזירען דעם מענשען, פאַרטרייבען איהם מיט שרעק און טויט פאַרפאָלגונגען, אזוי ווי די „ברוט".

אַנדערע זיינען מילד און לאָזען זיך לייכט באַהערשען. זייגען שטענדיג וויליג און גרייט צו דינען דעם מענשען אין דעם קאמף מיט דער נאַטור א. א. וו.

דער גאַנצער סלאַווישער, זיך פארלירענדער אין קאָנטעמפּליא־ציאָן און מעדיטאַציאָן, גייסט, דער הינטערגרונד פון קאָנראַד'ס שאַ־פען, גיט איהם צו דעם איבערפלוס איבער רעאַליזם און מאַכט איהם מעהר ווי א רעאַליסט.

דער פילאָזאָפירענדער גייסט און דער ערנסט, מיט וועלכען ער נעמט די קונסט, טראָגען אויף זיך אויך יענע צייכען פון זיין טיפערען איך.

וואָרים אין זיינע ווערק האָבען געמוזט איבערגעהן און געפינען אן אויסגאַנג די טיפערע אייגענשאַפטען פון זיין נאַטור.

קיין איין ווערק פון פוילישען לעבען זעלבסט האָט דאָך קאָנראַד כמעט ניט געשאַפען. און ווען ער האָט יאָ ארויסגעבראַכט אַזאַ איינציגעס ווערק איז עס געווען א ריינע אָפּשפּיגלונג פון די ראַסען עלעמענטען אין זיין קינסטלערישער נאַטור און געבויט אויף דעם רוסישען לעבען, ווי דאָס איז זיין באַוואוסט ווערק: „אונטער די אויגען פון דער וועסט".

די הויפּט ריכטס־שנור, וואָס געהט דורך זיין גאַנצעס שאַפען אין די פאַרשיידענסטע גייסטרייכע און צאַלרייכע ווערק, וואָס שטעלען צוזאמען זיין גאַנצעס לעבענס־ווערק, איז דער איבערגאַנג און פאַר־וואַנדלונג פון פערזענלאכען ווילקיר און אומגעצוימטע אימפּולסען, פון די ברייטקייטען פון דער סלאַווישער נאַטור צו א פאַרטיפטען און זיך שטריינג קאָנטראָלירענדען קינסטלערישען אינדיווידואַליזם.

די פריערינע ים־העלדען פון קאָנראַד'ס דערציילונגען, די קאַ־פּיטאַנען, די העכערע שיפס־באַאַמטע און אָפיצערען, די אינזשינערען, ביז צו פּשוטע מאַטראָסען און קוילען ווארפער — אלע זיינען אין א געוויסען הינזיכט אָפּגעשטויסענע און ארויסגעשטויסענע פון דער געזעלשאַפט ניט דורך אימעצען, נאָר דורך זייער אייגענעם פרייען ווילען, אין וועלכען עס דריקט זיך אויס א פרייער איבערגעבען זיך זעלבסט צו די אייגענע אימפּולסען און דראַנגען.

קאָנראַד אַליין טראָגט גרויסע סימפּאַטיען צו די פאַרוואָגעלטע און פאַרוואנדערטע, וואָס דערמאָנט איהם זיין אייגענעם שיקזאַל פון זיין פארוואָרפען אין די ווייטסטע ווינקלען פון דעם גלאָב און פאַר דער גאַנצער צייט ניט באַגעגענען אפשר אן איינציגען פון זיינע לאַנדסלייט, ווי מען באַהויפּטעט.

דער רוים און גרויסער מאַסשטאַב אין דעם פאַרנעם, דער אומגעהייערער כח און די סטיכישע קראַפט פון ים, וואָס איז איבערוועלטענד שטארקער פון מענשען, בלייבט פאַר איהם נאָך די איינציגע באַדינגונג פון מענשלאכער פרייהייט און אויסברייטערונג פון דער זעעל, אָבער אויך די איינגעשפאַרטע און פארנישטיגטע מענשלאכע ליידען הויבען אָן ארויסרופען זיין איראָניע און רחמנות געפילען.

ער ווערט אזוי צו זאָגען, מעהר קאָנטינענטאַלער און הומאַנער אין זיין שאַפונג. זיינע ווערק הויבען אָן דעקען אלע פינף קאָנטינענטען און זיינע שילדערונגען נעמען ארום די פאַרשיידענארטיגסטע פאַרשטייער פון מענשלאכען מין.

ער פאַרקלייבט זיך מיט זיינע העלדן קיין דרום אמעריקא, וואו מיט דער געניאלער מאַכט פון פאַנטאַזיע, בויט ער אויס אן אָרטיגע רעפּובליק, א קאָלאָסאַלען בנין, א רעאַלען שטאַט, מיט דער גאַנצער געאָגראפיש־גענויער צוזאַמענשטעלונג פון א באַפעלקערונג, מיט דעם אומרואיגען גייסט פון דעם אינערלאכען לעבען און פאָליטיק פון א זיד־אמעריקאנער מלוכה׳לע פון דער „לאטיינישער ראַסע” — און שאַפט א מין נייע עפּאָכע אין זיין „נאסטראמא”.

אין דעם „ניגער פון נארסיסוס” האָבען מיר די פולסטע באַשרייבונגען פון דעם ים און די דרום־אמעריקאנישע ברעגען און אין דעם „האַרץ פון פינסטערניש” געפינען מיר זיך אין סאַמע געדיכטעניס פון די אפריקאנישע אורשפּרינגלאך אוראלטע וועלדער, צווישען די ווילדסטע נאַטור־כחות און דער פינסטערניס, וואָס מען קאָן אָנטאַפּען, פילען, דערשמעקען, אויף די טייכען און גרויסע פלוסען, וואָס שטראָמען פון טויט צום לעבען.

ער שרייבט וועגען פיל אנדערע עקזאָטישע זאַנדערבארע לענדער, וועגען ארכיפּעלאָגען און פארוואָרפענע אינזלען.

יאָזעף קאָנראַד ווערט איצטער דער באַוואוסטזיניגער קינסטלער, וועלכער קולטיווירט זיין קונסט און גיט איהר צו זיין אייגענארטיגע באַדייטונג.

„איך וואָס האָב קיינמאָל ניט געזוכט אין דעם געשריבענעם קיין אנדער זאַך אויסער די פאָרם און שעהנקייט — איך האָב ארויס־געטראָגען דעם דאָזיגען ארטיקעל פון די דעקס פון שיף אויף א מעהר באַגרענעצטען אָרט אויף מיין שרייב־טיש און מיט דעם דאָזיגען פאַקט, גלויב איך, בין איך געווארען פערמאַנענט און פאַלקאָם אין די אויגען פון דער ניט־אויסגעשפּראָכענער קאָמפּאַני פון עסטעטען", באַקלאָגט זיך קאָנארד, ווארשיינלאך, איבער זיינע קריטיקער.

אָבער גראַדע מיט זיין וואָס ווייטערדיגען זיך אויסליידיגען פון די דירעקטע שפּורען און צייכען פון די ים דערפאַרונגען, גראַדע מיט זיין אַנאַליזירען און מעדיטירען, נאָכקלערען און פאַרטראַכטען זיך דערהויבט ער זיך צו פאַלקאָמער קונסט.

ער באַנוצט נייערע אייגענאַרטיגערע מעטאָדען אין זיינע שילדע־רונגען, באזונדער, די אומדירעקטע מעטאָדע דורך א דערציילונג פון זייטיגען באָאָבאַכטער און מאַכט בולטער די פיגורען און כאַראַק־טאָרען דורך נייערע וואַריאַציעס פון פּערספּעקטיוו.

ניט ער דערציילט איינפאַך, וואָס די שפּרעכענדע פּערזאָנען טוען אָדער ריידען, נאָר ער וויל אונז געבען צו פאַרשטעהן און קלאָר מאַכען אויך פאַר וואָס און פאַר ווען.

דאָס דיינקען אליין באשטייט דאָך פון א באַוואוסטזיניגען אויפ־כאַפּען א מאָמענט אין דעם געמיש פון פאָרשטעלונגען און געפילען, וואָס ברויזען אין אונז, א גאַנצער פּראָצעס וואָס פליסט דורך דעם מח.

דערפאַר האַלט קאָנראַד די קונסט פאַר א קאָמענטירענדע אימי־טאַציאָן פון לעבען און איז אזוי פייערלאך־ערנסט אין איהרע אויפ־גאַבען, וואָס ער שטעלט איהר.

„דער קינסטלער אפּעלירט צום דאָזיגען טייל פון אונזער וועזען, וואָס איז ניט אָפּהייניגיג פון שכל, צום דאָזיגען אין אונז, וואָס איז באַגאַבטקייט און ניט קיין פּשוטע דערווערבונג און איז דערפאַר מעהר דויערהאַפט.

ער שפּרעכט צו אונזער פייאיגקייט פאַר אנטציקונג און באַ־וואונדערונג, צו דעם געפיל פון געהיימניס און מיסטעריע, וואָס רינגעלט ארום אונזער לעבען; צו אונזערע געפילען פון רחמנות, שיינקייט אוןליידען; צו די געפילען פון חבר'שאַפט און פריינד־שאַפט מיט דעם גאַנצען וועלט־באַשאַף — און צו דער לוסטיגער און אומבאַגרענעצטער איבערצייגונג פון סאָלידאַריטעט און טרוים,

אין פריידען אוןליידען, אין שטרעבונגען, אין אילוזיעס, אין האָפנונג און שרעק, וואָס פלעכט צוזאמען די איינזאמקייט פון אומצעהליגע הערצער, צו דער סאָלידאַריטעט, וואָס בינדט צו די מענשען איינער צום אנדערען, וואָס בינדט צונויף אינאיינעם די גאנצע מענשהייט, די טויטע צו די לעבעדיגע און די לעבעדיגע צו די נאָך ניט גע־באָרענע".

אַזוי דערקלערט קאָנאַרד זיין קינסטלער־מאַניפעסט אין א טאָן פון הויכהאלטען די פאָן פון קונסט און צוגעבען איהר א נייעם געוויכט געגען וויסענשאפט און פילאָזאָפיע.

אין א ווייטערען ציקל פון זיינע ווערק געהט ער איבער כמעט איינגאַנצען אויף דעם אייראָפּייאישען באָדען, ווי אין זיין „געהיימען אַגענט", א. א. וו., און זיין זעלבסט־באַוואוסטזיין ברייגט ארויס נאָך מעהר די קינסטלערישע סינטעטישע קראַפט.

ער אנטפלעקט אונז די גאַנצע טראַגעדיע פון מענשלאכען לעבען, וואָס ער געפינט אין איינזאַמקייט, אין דער קייט פון דעם איינצעלנעם צווישען די גרויסע מאַסע מענשען.

ער גראָבט אויס פון די טיפענישען די פאַטאַלע פאַקטאָרען פון פרעמדקייט, וואָס ליגט אין צענטער פון יעדער נשמה, צוליב איהר אומפאַרשטענדלאכקייט און אומאויסדרוקבארקייט, צו אפגעשטוי־סענע דורך זייער אייגענער נאַטור.

זיין איינציגער גרויסער גלויבען איז דער גלויבען אין סאָלי־דאַריטעט און געגענזייטיגען מיטגעפיל פון דער מענשלאכער ראַסע, וואָס, כאָטש מאַסקירט און פאַרשטעלט דורך סאָציאלע דיסקרימי־נאַציעס, פאַרגעסען און פאַרנאַכלעסיגט דורך נאַציאָנאַלע פאראור־טיילע, שרעקלאך צעריסען דורך עגאָאיסטישע מאָטיווען פון זעלבסט־זוכט, איז דאָך אייביג און וועט פאַרבלייבען אומצושטערבאַר.

אַנאַטאָל פראַנס

א זעלטענע ערשיינונג, א וואונדערבארע דורכזעצונג פון מענש־לאכען גייסט און געניוס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער פאַטריאַרך פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור אין זיין גאַנצער לאַנגיאָהריגער שעפערישער טעטיגקייט.

הויפּטזעכלאך אָבער פאַר די פאָר צעהנדלינג יאָהרען פון 1881 ביז צו זיין טויט, דאָס הייסט, מיט זיין ארויסטרעטען אויף דעם וועג פון ראַפינירטען פילאָזאָפיש־פּאָעטישען שאַפען אין זיין ווערק „סיל־וועסטער באָנאַרד" ביז „ל'אפעיר קרענקעביל" אָדער „אויף דעם ווייסען שטיין", איז אַנאַטאָל פראַנס כמעט דער איינציגער און בעס־טער פאָרשטעהער, וועלכער רעפּרעזענטירט און פראָדוצירט דעם „עספרי פראַנסעי" פון דער דאָזיגער עפּאָכע.

אויף וויפיל ער דערגרייכט די פאָלקאָמענהייט פון זיין סטיל און אייגענאַרטיגען אויסדרוק, אויף וויפיל ער לאָזט אומבאגרעניצט, ניט קאָאָרדינירט און אומדיסציפּלינירט די פאַרשיידענסטע עלעמענ־טען אין זיין קינסטלערישען פּאָעטישען קאָמפּלעקס און שפרייט אויס אין א פולער מאָס זיין גאַנצע אינדיווידועלע שעפערישע פּערזענ־לאכקייט, דערהויבט ער זיך, אין דעם פראָדוצירען און קריסטאַליזירען צו דער זעלבער צייט דעם נייעם פראַנצויזישען גייסט, צו די העכערע שטאַפּלען פון דער וועלט־ליטעראַטור.

נאָך דעם לאַנגען פאַרצויגענעם פּעריאָד פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך אייגענטלאך ערשט פאַר־ענדיגט מיט דער גרינדונג פון דער דריטער רעפּובליק, נאָך די כמעט אומאויפהערלאכע וואולקאַנישע אויסברוכען פון דער זודיגער קאָכענדיגקייט פון דעם לעבען פון דעם אזוי פיל געשיכטלאך באַ־גאַבטען פראַנצויזישען פאָלק, האָט זיך פון דאָס ניי גענומען וועבען און שפּינען דער דאָזיגער מערקווירדיגער פאָלקס גייסט און באַ־הערשען די בעסטע מחות און הערצער.

דער עכטער פראַנצויזישער גייסט, וועלכער ציט זיין שורש און אורשפרונג פון דער אַלטער גריכיש־רוימישער וועלט, פראָדו־

צירט שטענדיג אונטער גינסטיגע אומשטענדען די האַרמאָניזירענדע פסיכישע ספערע, אין וועלכער עס קומט צום אויסדרוק און עס לעבט זיך אויס דער שפּילענדער שעפערישער געניוס. די לעבעדיגקייט און רירעוודיגקייט פון אומדערוואַרטעטע לאָגישע סילאָגיזמען און דעדוקציעס, די סורפּריזען פון עמפּינדלאַכקייט, די געשיקטע און ערפינדערישע זשאָנגלירונג, די עלעגאַנץ פון פאַזירען אין נייע און באַנייטע אויסשטאַלטונגען און פאָרמען, דער גאַנצער סענסואַליזם מיט זיינע שפּרודלענדע וואַריאַציעס און רייכסטע פאַרבען, דער לע־בעדיגער צוזאַמענשפּיל און פאַנאַנדערשפּיל פון יעדער לעבענס־פונקציע, וואָס פאַרמאָגט א נאַטירלאַכען שטאַרקערען אימפּולס צו שאַפען ריטם און באַוועגונג — דאָס אַלעס קאָן פאַרשריבען ווערען אויף דעם חשבון פון דעם פראַנצויזישען עספּרי.

און א דאַנק דעם דאָזיגען גייסט און זיינע אייגענשאַפטען, וואָס ער פאַרקערפּערט מיט זיך אין זיין שאַפען, האָט זיך אַנאַטאָל פראַנס גרונטלאַך באַזעצט אין טעמפּעל פון קונסט.

זיין אינגערע פריערדיגע „פאַרנאַסישע" דיכטונג האָט ניט געצויגען אויף זיך קיין באַזונדערע אויפמערקזאמקייט, ווייל דאָרטען איז דער פּאָעט פאַרפליכטעט געווען צו אַרויסטרייבען דעם ליריזם און צו קאָנטראָלירען זיך ביז צו אָביעקטיוויטעט. אַ זאַך, וואָס קאָן זיין די גרעסטע שטערונג אין דער אַנטוויקלונג פון אַזאַ קינסטלער ווי פראַנס.

נאָר ווען ער האָט אַראָפּגענומען יעדע צוים און אָפּהאַלט פון דעם לויפענדען שטראָם פון זיינע געדאַנקען און געפילען, נאָר ווען ער האָט אויסגעברייטעט און אויסגעשפּרייט זיין אינדיווידועלע פּער־זענלאַכקייט איבער דער גאַנצער אָביעקטיווער וועלט, האָט זיין עקספּאַנסיווע שעפערישע נאַטור אַרויסגעבראַכט די גאַנצע קראַפט פון זיין פאַרשטעלונג און פאַנטאַזיע, דעם צויבער פון זיינע שפּילעוו־דיגע אידעען און אינטעלעקט.

ווי יעדער עכטער קינסטלער פון דער דאָזיגער „לאַטיינישער ראַסע" האָט פראַנס אויך, אָדער אפשר ער הויפּטזעכלאַך, געפילט און אַרויסגעבראַכט די דאָזיגע אינטימע פאַרבינדונגען פון זיין פאָלקס גייסט מיט דער קלאַסישער אַנטיקער וועלט, פון וועלכער ער האָט אַזוי פיל גע׳ירש׳ענט.

ווי לעבעדיג און פולבלוטיג עס זיינען זיינע וויזיאָנען פון דער גריכיש־רוימישער קולטור, כאָטש רעפלעקטירט דורך טויטע ביכער, קאָן מען זעהען איבעראל, וואו ער רירט אָן די ווייטע פאַרגאַנגענהייט און לעבט זי אויף פאַר אונז.

„איך האָב געזעהן טהעטיס, ארויסשווימענדיג ווי אַ ווייסער וואָלקען פון דעם ים, איך האָב געזעהן נאַוסיקאַ און איהרע באַגלייטער, דעם פייגענבוים פון דעלאס און דעם ים, די ערד און הימעל און דעם וויינענדיגען שמייכעל פון אַנדראָמאַך... און איך האָב עס פאַרשטאַנען, עס געפילט.

פאַר זעקס מאַנאַטען האָב איך זיך ניט געקאָנט אָפרייסען פון אָדיסעע... איך בין געווען מיט אוליסען צוזאַמען אויף דעם ווייןטונקעלען ים. דערנאָך האָב איך אנטדעקט די טראַגיקער־פּאָעטען. סופולעקס און עריפידוס האָבען געעפענט פאַר מיר די צויבער־וועלט פון העראָען און אריינגעפירט אין דער פּאָעזיע פון צער און ליידען.

מיט יעדער טראַגעדיע, וואָס איך האָב געלעזען, זיינען געקומען נייע מיר אומבאַקאַנטע ביז דאַן פרייד, טרערען און עקסטאַז.

אַלצעסט און אַנטיגאַן האָבען מיר געגעבען די נאָבעלסטע טרוימען, וואָס איך האָב ווען גע׳חלומ׳ט.

איבערגעבויגען איבער מיין ווערטער־בוך אויף דעם מיט טינט באַפלעקטען טיש האָב איך געקאָנט זעהען געטלאכע פיגורען, הענט פון עלפאַנט־ביין, הענגענדיג איבער ווייסע טוניקס און הערען קולות זיסער ווי די זיסטע טענער פון מוזיק״.

אַזוי האָט פראַנס געפונען די גריכישע שעהנקייט אין דער יעזואיטישער שולע, וואו ער האָט זיך דערצויגען און אזוי איז ער פאַרבליבען איהר טרעגער אין דער מאָדערנער פראַנצויזישער ליטעראַטור.

דער קינסטלערישער הומאַניטאַריער, ציענדיג די טראַדיציע פון קאָרנעיל און ראסין און ווידער אויפלעבענדיג זי, האָט אָבער געזוכט שטענדיג זעלבסט אויסדרוק און זעלבסט באַהויפּטונג. וואָרים ער איז געווען צופיל זעלבסט באַוואוסטזיניג רעפלעקטיוו און אינטעלעקטועל מיט איין עקספּאַנסיווען דראַנג ניט צו לאָזען זיך פאַרדרענגען אפילו פאַר קונסט.

אין זיינע סימפּאַטיען און גייסטיגער פאַרוואַנדשאַפט צום העלעניזם האָט ער אנטדעקט די האַרמאָניע צווישען די רעאַלע עלעמענ־

טען פון דער קאָנקרעטער וועלט און די אידעאַליסטישע אַבסטראַקטע טענדענצען פון מח, צווישען דער ניט פאַרדעקטער סענסואַליטעט און דעם ראַציאָנאַליזם, צווישען די שוועבענדע באַוועגונגען פון א רירעוודיגער און לעבעדיגער איבערפלאַך פון פאָרמען און די פער־מאַנענטע געזעצען פון זייער אינערלאכער סטרוקטור.

אין די קינסטלערישע געשאַפענע פיגורען, אזוי ווי אין זיינע אומאויפהערלאכע רעפלעקסיאָנען וועגען דער רעאַליטעט פון אונזערע אידעען, דערשפירען מיר די געשפרעכען, וואָס ער פירט מיט סאָקראַ־טעס און די סאָפיסטען אָדער די דיסקוסיעס איבער גריכישער פילאָ־זאָפיע מיט ציצעראָנען, דאָס אונטערהאַלטען זיך מיט האָראַץ און ווירגיל.

אַזוי, צום ביישפיל, איז דער אַלטער סילוועסטער באָנאַרד, פונקט ווי זיין באַשאַפער, א העלעניסט און, כאָטש פאַרטיפט אין מיטעלאַל־טערישע ארכעאָלאָגישע שטודיען, איז ער דאָך ארומגערינגעלט מיט די פאָעטען און דיכטער פון אַלטערטום און פאַרשטעהט די קלאַסישע וועלט.

אין דער גאַנצער רייע פון זיינע ווערק פאַר דעם דאָזיגען פרוכט־באַרען פעריאָד, ווי „דער בוך פון מיין פריינט", „טהאַיס", „די שטרע־בונגען פון זשאַן סערוויען", „בלשצר", „פערלמוטער", „די רויטע ליליע", „די מיינונגען פון אַבבע קואָנאר", און זיין צווילינג, די סעריע פון די 4 גרויסע נאָוועלען אונטער דעם נאָמען „אונזער צייטיגע געשיכטע" ציגט זיך פראַנס אַרויס אלס דער אַלט־יונגער פילאָזאָף און פאָעט, וועמענס מאָדעל און וויזיאָן ער האָט געזוכט אויך דורך די אַלע יאָהר־הונדערטער פון קריסטענטום.

ער פאַסט אויף אויף אַלע זיינע ווערטער און זיין סטיל, אַז זיי זאָלען אויסזעהן, ווי אמת׳ע פאָרטזעצונגען פון די לערער פון אַלטערטום און לעבט אליין אין זייער אומגעבונג, ווי אין דער געזעלשאָפט פון זיינע גרויסע מאָדערנע פריינט.

קיינער פון די פראנצויזישע שריפטשטעלער און קינסטלער זייט דעם 17טען יאָהרהונדערט האָט ניט געהאָט אַזאַ רעספעקט און ליבע צום אַלטערטום, קיינער האָט ניט געפילט אַזוי שטאַרק, אַז דאָס אַלטע דענקען איז אזוי וויטאַל און לעבהאפטיג, נאָך דעם גאַנצען דורכקרייצען, איינפונדעווען אין דער דאָמינירענדער ראָלע, וואָס דאָס

קריסטענטום און די קריסטלאכע קולטור האָט פאַרנומען אין דער וועלט.

אָנפאַנגענדיג מיט זיין באַרימטען און קונסטפולען ווערק „טהאיס“, וואָס איז פּראָדוצירט געוואָרען אויך אַלס אָפּערא, הערט ניט אויף פראַנס צו מאַכען גרעסערע אָדער קלענערע עקסקורסיעס אין דער אורשפּרינגלאך אַלטער אָדער מיטעלאַלטערישער פאַרגאַנגענהייט פון קריסטענטום מיט טיפען וויסען און ערודיציע פון א געלערטען און היסטאָריקער און, דער עיקר, מיט געניאַלער קיסטלערישער איינ־בילדונגס קראַפט און רעפּראָדוצירענדער אַרטיסטישער קראַפט.

ער ברענגט אָבער שטענדיג כמעט אַרויס די היידאַנישע עלע־מענטען אין דעם רעליגיעזען פּאַטאָס, שטעלט פאַר די סענסועלע עראָטישע קאָנטראַסטען און פאַראורטיילט דאָס קריסטענטום.

אין „טהאיס“ ווערט דער פרוש פּאַפנוציוס, דער קריסטלאכער אַסקעט, וועלכער באַקעמפט דעם גוף מיט סגופים און זעלבסט־פייניגונג, באַזיגט פון דעם אָביעקט פון זיין האַס, נאָכדעם ווי ער ראַטעוועט די נשמה פון דער אַלעקסאַנדריער אויסגעלאַסענער קור־טיזאַנקע.

דער הייליגער ווערט פאַרוואַנדעלט אין א פושע און די פריער זינדיגע און פאַרזינדיגטע נשמה ווערט דערהויבען צו הייליגקייט און ריינקייט.

אין איינער פון די קלענערע דערצעהלונגען, אין „דעם פּראָקו־ראַטאָר פון יהודה“, ווייזט פראַנס די גאַנצע פאַלשקייט און איבער־געטריבענקייט פון דער היסטאָריש געוואָרענער קריסטלאכער לעגענדע אַזוי אימפּראָוויזאָריש ספּאָנטאַן מיט עכטער קינסטלערישער אינטו־איציע.

אין די צוויי שפּעטערע גרעסערע נאָוועלען, וואו אבבא קואנאר פאַרנעמט די הויפּט ראָלע, ווערט דער גאַנצער קלעריקאַליזם פאַר־אורטיילט מיט דעם פּראַכטפולען וואָלטעריאַנישען שאַרפזין און איי־גענטימלאכער גוטמוטיגער איראָניע, פאַרדעקט דורך נאַאיוויטעט, וואָס איז אַזוי אינטים און קינסטלעריש פּראָדוצירט צוליב דער באַזונדער גייסטיגער פאַרוואַנדשאַפט און פאַרשטענדעניס צום 18טען יאָהרהונדערט, וואָס פראַנס צייגט אימער אַרויס אין זיין אויפפאַסען.

אין דעם פרידלאַכסטען שטילשטאַנד, אונטער גינסטיגע אומשטענ־דען, ווען די געמיטער האָבען זיך באַרואיגט נאָך די געשעהענישען

פון 1870, האָט אַזאַ גייסט ווי פראַנס געקאָנט ערשט זיך איבער־געבען זיין אומבאַצוימטער און אומבאַשרענקטער פאַרשטעלונג און פאַנטאַזיע, ניט קאָנטראָלירען זיין רעפּראָדוציאָנס קראַפט צו אַ באַ־שטימטען צוועק און ענד אויסער צו באַהויפּטען זיך זעלבסט און באַ־פרידיגען זיינע עסטעטישע דראַנגען, סינטעזירען און מאָדעלירען דעם פראַנצויזישען גייסט.

צוליב די הומאַניטאַרישע גרונד יסודות פון זיין קינסטלערישער נאַטור איז איהם געלונגען פאַר אַ שטיק צייט צו אָנהאַלטען די אָלימפּישע רוהיגקייט פון א געטהע בכדי צו אַרויסברענגען זיינע מייסטערווערק.

דער עיקר אָבער האָט איהם אַרויסגעהאָלפען זיין הויכער אינ־טעלעקט און זיין כאַראַקטעריסטישע גוטמוטיגע איראָניע פון א פילאָזאָפישען סקעפּטיקער אין דעם הכל הבל גייסט.

אַלס פּאָעט פאַרמאָגט ער דעם דאָזיגען דראַנג פון טעמפּעראַמענט צו רעאַגירען קינסטלעריש אויף אַלעס, ווייל יעדע זאַך איז פאַר איהם א סורפּריז און אין די מינדסטע און פשוט׳סטע זאַכען זעהט ער די רעגונג פון א מיסטעריע, ווי ער דריקט זיך זעלבסט אויס.

מיט דעם אויסוואַקסען און פאַרשטאַרקען זיך פון דעם קינסטלער און פּאָעט אין פראַנס איז ער אַליין אַלץ מעהר און מעהר סקעפּ־טיקער געוואָרען צו דער אַרומיגער וועלט, פון וועלכער ער שאַפט זיינע וויזיאָנען.

„איך בין שטענדיג געווען געניינגט אויפנעמען דאָס לעבען ווי אַ ספּעקטאַקעל און ניט ווי אַן אָביעקט פון באַאָבאַכטונג”, אזוי רעדט אין פראַנס דער פיינשמעקער פון קונסט.

„דאָס פאָרטרעפלאכסטע לעבען איז נאָר דאָס לעבען פון א קינסטלער, וועלכער טוט קיין שום בייז, אינגאנצען זיך אָפּזאָגענדיג פון יעדער אַקציאָן; ער שאַפט נאָר פרייד, צונויפזאמלענדיג אויס־דערוועהלטע בילדער, פיגורען און וויזיאָנען.”

אַזוי דערקלאָרירט ער זיינע עסטעטישע אָבזיכטען און באַרעכ־טיגט זיין אינדעפערענטיזם און נייטראַליטעט צום לעבען און דער רעאַלערווירקלאכקייט.

ער שאַפט וואונדערבארע שעהנע, מיראקוליעזע צויבער גע־שיכטען, ווי „בלשצר” און אַנדערע, און גיט איבער די וועלט לויט זיין אייגענער אַרט און ווייזע, גיט אַ מעגלאכקייט די קלענערע

מענשען, די קינדער, צו מאַכען די פרוכט פון זיין שאַפען פאַר זייער אייגענס, העלפט פאַנטאַזירען, פילען, ליבען.

פון דער אַנדער זייט גיט ער אַן אַנדערע, און אפשר נאָך מעהר גרינדלאכערע, דעפיניציע פון זיין גייסט און שטרעבונג צו שאַפען. „וואָס מעהר איך קלער וועגען מענשלאכען לעבען אַלץ מעהר דענק איך, אַז מען דאַרף איהם געבען אַלס עדות און ריכטער די איראָניע, וואָס מאַכט לעבענסווירדיג און רחמנות, וואָס פאַרוואַנדעלט אין היי־ליגקייט.״

די נעץ פון ביכער און די געלערזאַמקייט, וואָס א. פראַנס האָט פריצייטיג געקראָגען, האָבען געשטערט זיין גייסט צו קומען אין דירעקטען קאָנטאקט מיט דעם לעבען און צו שעפען אונמיטעלבאר פון דער רעאַלער ווירקלאכקייט פאַר א לענגערער צייט. דערפאַר איז ער אַזוי אינדיפערענט און אָפּגעריסען פון דעם געגענווערטיגען לעבען אין זיין שאַפען, כאָטש דאָס לעצטע פאַרמאָגט אַזאַ גרויסע צוציאונגס קראַפט, פאַר איהם.

אַן עפיקורעער, קלייבט ער די בלומען אין „דעם גאָרטען פון עפיקור״, וואָס וואַקסען ארויס פון דעם צוזאַמענשפיל פון די גייס־טיגע און סענסועלע כחות פון מענשען, אין דעם ראַפינירטען דענקען און פילאָזאָפירען וועגען דער ווירקלאכקייט און פאַנטאַזיע, טרוים און לעבען, אמת און שעהנקייט, היסטאָריע און פאַבעל, וויסענשאפט און איגנאָראַנץ.

מיט דער איראָניע פון א נייטראַלען אינטעלעקט באַהויפּטעט ער, אַז די וויסענשאַפט האָט א זעהר גוטען איינפלוס אויף מענשען, ווארום זי פאַרהינדערט צו דענקען, די רעליגיאָן פאַרשטאַרקט די ליידענשאַפטען דערמיט וואָס זי פאַרבאָט זיי, די געשיכטע איז בלויז קונסט אָדער לכל הפחות אַ פאַלשע וויסענשאפט, די פילאָזאָפישע סיסטעמען זיינען ניט מעהר ווי געשיכטען אויסגעטראַכט, בכדי צו אַמוזירען און אונטערהאַלטען די אייביגע קינדהייט פון דער מענש־הייט...

אויס בלויזער אינטימער באַציאונג צו קונסט און עסטעטישער אינטעלעקטועלער שעהנקייט קומט ער אזוי נאָהענט צו דעם קלאַ־סישען נעגאַטיווען סקעפּטיציזם און גייסטיגען העדאניזם.

אַפילו אין זיין קריטיק, וואָס ער אנטוויקעלט צו דער דאָזיגער צייט, צייגט ער בולט ארויס די זעלבע נייגונגען און טענדענץ אין

זיין קינסטלערישער נאַטור מיט א איבערוועגענדער מאָס פון זעלבסט באַהויפּטונג דורך סינטעזירונג און מאָדעלירונג פון פראַנצויזישען גייסט בכלל.

דורך דער פּאַלשטענדיגער פרייהייט, וואָס ער נעמט זיך זעלבסט, פאַרמירט זיך ערשט איצט די אויסעראָרדענטלאכע איינהייט און גאַנצ־קייט פון זיין סטיל, לויט וועלכען עס איז ניט באַמערקבאַר קיין מוקדם ומאוחר אין זיינע ווערק, קיינע זיג־זאַגען אָדער שאַרפע אָפּגעהאַקטקייט.

יעדעס ווערק פון פראַנס'ען איז פּאָלשטענדיג אויפגעפּאַסט אין דער אידעע און אומבאגרעניצט אומבאשרענקט אין פאָרם.

און בנוגע שפּראַך און אויסדרוקס מיטלען איז ער זיכער דער איינציגער מאָדערנער ליטעראַרישער קינסטלער, וועלכער האָט גע־בראַכט די קאָמפּליצירטקייט און רעטאָרישע אויפגעבלאָזענקייט צו סינטעטישער סטיליסטישער איינפאַכקייט.

ער באַזיצט די מאַגישע קראַפט פון וואָרט, וואָס פאַרוואַנדעלט זיין שפּראַכען סטיל אין א ווייסער דורכזיכטיגער קלאָרקייט, די פּשוטקייט, וואָס פאַרשלינגט די פאַרשידענסטע קאָלירען, שאַפענדיג אַ נייע שפּראַכען פאַרב מיט דעם אַראָמאַט פון דעם קלאַסישען־מאָדערנסטען סטיל.

אַזוי האָט געווירקט און געשאַפען דער געניאַלער אַנאַטאָל פראַנס ביז די קאַפּריזנע געשיכטע פון דעם פראַנצויזישען פאָלק מיט די שטענדיג פאַרבאָרגענע פּאָטענציאַלע מעגלאַכקייטען פאַר אומוואַנד־לונגען אין זיין גייסט האָט געוואָלט זיך נוקם זיין אין דעם יונג־אַלטען פּאָעט־פילאָזאָף און האָט צוגעגרייט אַן איבערברוך אין זיין שאַפען.

אין דעם פרידלאכען צושטאַנד פון דער נייער פראַנצויזישער געזעלשאפט, אין דער סאַמע פאַרגליווערטקייט און זעלבסט־צופרידע־נער פאַרגעסענהייט האָט זיך אָנגעקליבען די נייע אומרוהיגקייט פון פראַנצויזישען גייסט. דער רעלאַקס האָט מיט אַמאָל באַקומען א טויט־שלאַג און, ווי מיט אַן עקספּלאָזיווען כח, איז ארויסגעשוואומען די דרייפוס אַפערע, וועלכע האָט אָנגענומען אַ נאַציאָנאַלען און כמעט אלגעמיין אייראָפּעאישען כאַראַקטער.

די דאָזיגע אָפּערע איז געוואָרען א פּרוביר־שטיין און ווענדונגס־פּונקט פאַר פילע גייסטער און, ווי נאָך א סטיכישען שטורם, האָט זיך די גאַנצע געזעלשאַפט אַ וואַקעל געטאָן.

און איינער פון די אומערוואַרטעטע סורפּריזען איז געוואָרען אויך די שאַרפע ווענדונג אין א נייער ריכטונג, וואָס דאָס שאַפען פון פראַנס האָט אָנגענומען.

דער קלוגער סקעפּטישער און קינסטלעריש אויסגעקלוגטער ביטול־היש פון דעם לעבען און רעאַלער ווירקלאַכקייט אין די ערשטע צוויי ווערק פון דער סעריע L'histoire Contemporaine ווערט מטושטש, פאַרטושירט.

די אַנדערע צוויי ווערק האָבען שוין דיסקוסיעס וועגען דער דרייפוס אָפּערע און האָבען שוין דיספּוטען פון בערזשערע איבער סאָציאַליזם.

פראַנס, דער גרויסער קינסטלער, האָט נאָך דערווייל געקאָנט אויספירען זיינע מייסטער פּלענער און פאַראויס באַשטימטע ווערק.

אָבער די אַקטועלע ווירקלאַכקייט האָט זיך ארייַנגעריסען און זיך באַפעסטיגט אין זיין שאַפען.

פאַר דער פראַנצויזישער קריטיק, ווי פאַר דער וועלט־קריטיק, איז די דאָזיגע ווענדונג געוועזן און איז ביז אַ געוויסען זין פאַר־בליבען רעטזעלהאפט, אומפאַרשטענדלאך, ניט אַנאַליזירבאַר און זעהר אַ סך האָבען זיך געגראָבען אין דעם פּסיכאָלאָגישען הינטערגרונד פון דער דערשיינונג, ניט געפינענדיג קיין ענטפער.

מיט זיינע ווייטערדיגע ווערק, ווי „ל'אַפּעיר קרענקעביל", און אזוי ווייטער, אין זיינע נייערע געשיכטען, איז קלאָר געוואָרען, וואָס פאַר איבערברוך עס איז פאָרגעקומען אין א. פראַנס'עס פּערזאָן און שאַפען.

דער פאַריגער ראַפינירטער סקעפּטיקער מיט דעם גוטמוטיגען שמייכעל און איראָניע איז אריינגעצויגען געוואָרען אין סאָציאַלע געזעלשאַפטלאכע אינטערעסען.

נאָך דעם ווי ער האָט אונטערגעשריבען דעם פּראָטעסט פון די אינטעלעקטואלען געגען דעם פאַראורטיילען פון דרייפוס, האָט ער געמאכט נאָך אַ שריט ווייטער אין פּאָליטיק, וואָס האָט איהם דער־נעהערט צום סאָציאַליזם און צוזאַמען מיט זשאָרעס האָט מען איהם

אָפּט געקאָנט טרעפן אויף עפּענטלאַכע ארויסטרעטונגען אלס פּאָלקס־טריבון.

אויף זיין שאַפן האָט אָבער דער נייער טעמפּאָ פון זיין קינסט־לערישען טעמפּעראַמענט געמאַכט ניט קיין גינסטיגען איינדרוק.

זיין קלוגע און רואיגע איראָניע הויבט זיך אָן פאַרוואַנדלען אין סאַטירע, זיין הומאָר נעמט אָן פאָרמען פון פּאַראָדיען און קאַרי־קאַטורען. די טיפקייט און ראַפינירטקייט פון גייסט האָט אָנגעהויבען ליידען דורך דעם, וואָס ער פּאַגט אָן באַשרענקען זיין קינסט־לערישע קראַפט פאַר ריין פּאָזיטיווע אָדער סאָציאַל־קריטישע ווערק.

יעדעס ווערק זיינס איז נאָך איצט א נייער פאַנטאַן, וואָס שטראָמט פון אָן אומאויסשעפּלאַכען גייסטיגען קוואַל, וועלכער רודערט אויף מחות און הערצער.

עס איז אָבער אָפּגענומען געוואָרען יענער נאַטירלאַכער שטייגער, יענע פרייע שפּילעוודיגקייט פון אידעען און פאַנטאַזיע, פון וועלכע ער אליין האָט געשעפּט עסטעטישען געניס און האָט אויך אונז באַשאָנקען און באַשאָטען מיט די בלומען פון זיין גייסט.

א אידעען קינסטלער, א פּאָעט־פילאָזאָף, ווערט ער איצט טענ־דענציעז און אידעען פּרעדיגער, אַ מאָדערנער הומאַניטאַריער, ניט נאָר אין איבערגעבען און פּראָדוצירען אין בוכשטאַב, אין פאָרם דאָס אַנטיק קלאַסישעס, נאָר אויך אין לעבען און גייסט, ווערט ער הומאַ־ניסטיש און ריין אַלטרואיסטיש, פון שפּילעוודיגען לייכטען און רעגענדען פּעסימיזם געהט ער איבער צום אומרואיגען אָפּטימיזם, וואָס פאַרזעהט די געגענוואַרט צוליב דער ליכטיגער צוקונפט.

זיינע סאָציאַליסטישע סימפּטאָמען דריקט ער אויך אויס אין א נייע סאָציאַלער אוטאָפּיע. צוליב דעם גרעסערען שוואונג פון זיין שאַפן און אָריגינאַליטעט איז זיין אוטאָפּיע אין „אויף דעם ווייסען שטיין" אוניווערסאַל און אינטערנאַציאָנאַל אין געגענזאַץ צו די אוטאָ־פּיעס פון בעלאַמי און מאָריס.

אָבער דאָך האָט ער ניט געשאַפן די סאָציאַלע אוטאָפּיע, וואָס זאָל זיך, אלס קלאַסיש ווערק, פאַרמעסטען מיט עכטע שעדעווערען פון קונסט און פאַנטאַזיע.

דער אומדיסטלירטער גייסט פון דער רויער ווירקלאַכקייט גע־פינט ניט ביי איהם דעם קינסטלערישען אָפּזאַץ, כאָטש עס רויבט נאָך ניט אָוועק די גאַנצע גראַציעזע ראַפינירטקייט פון זיין קונסט.

פאַר כמעט א צעהנדליג יאָהרען האָט דער וועלט־באַרימטער א. פראַנס מיט אַ יוגענטלאכער פרישקייט זיך געזעטיגט מיט דעם הויך פון רעאַלען לעבען און געזעלשאַפטלאַכער אַקטיוויטעט. דעם אומ־רוהיגען גייסט פון א שעפערישען קינסטלער און ראַפינירטען דענקער האָט אָבער פּאָליטיק און געזעלשאפטלאַכע אקטיוויטעט געבראַכט נאָר ענטוישונג.

און ווידער פאַרקלייבט ער זיך צווישען ביכער, ווי צווישען לעבעדיגע וועזענס, אין דער וועלט פון אבסטראקטע געדאַנקען, אין דער דאַזיגער, זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער צייט, אָפּגעזונדערט־קייט צווישען מענשען, אליין מיט זיין עמפינדלאכקייט און אָפענער נאַטור, מיט דעם טיפען און קלאָרען שכל פאַרשפּאַרט און אומרואיג. פראַנס ווענדעט זיך ווידער צו דער פאַרגאַנגענהייט, ווי א געלעהרטער און דענקער, מיט גרויס ערודיציע און נאָך גרעסערער קינסטלערישער רעפּראָדוצירענדער מאַכט אין זיין ווערק „דאָס לעבען פון זשאַן ד׳ארק״.

אין רעאַקציע נאָך צו זיין קלאַסישען גייסט גיט ער אלע פיגורען פון דער געשיכטע און לעגענדע זייער רעאלע כאַראַקטעריסטיק. ארויסוואַרפענדיג די מיסטישע און פילאָזאָפישע מאַנטלען, וואָס האָ־בען אזוי באַצירט און באַ׳חנ׳ט זיין פריערדיגעס שאַפען אין דעם פּאַנאַנדערבליען זיינעם.

אָבער אָט קערט ער זיך אום צו דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אין דעם טעגלאַכען לעבען פון 1793 אין זיין ווערק „די געטער זיינען דורשטיג״, און מיר דערזעהען פּאָלקאָם די פולע רעאַק־ציע פון זיין נייעם אַקטיוויזם, וואו ער געהט ווידער אריבער צו פילאָזאָפישען ניהיליזם און סקעפּטיציזם פון דעם פריערדיגען בער־שזערע.

בראטא, איינער פון די פיגורען, וועלכע פאַרקערפּערען מיט זיך און דריקען אויס די נייע ענטוישונגען פון פראַנס, האָט ניט קיין גלויבען אין דער רעוואָלוציע. „ווען איהר ווילט מאכען די מענשען גוט און קלוג, פריי און אויסגעהאַלטען גרויסמוטיג, זייט איהר נויט־ווענדיגערהייט געבראכט דערצו, אַז איהר זאָלט ווינשען זיי אויס־קוילענען אַלע. ראָבעספּיער האָט געגלויבט אין טוגענד, האָט ער געבראכט דעם טעראָר; מאראט האָט געגלויבט אין גערעכטיגקייט

האָט ער געפּאַדערט צווי הונדערט טויזענט קעפּ״, אזוי רעדט פראַנס דורך בראטא.

אויסערדעם זעהען מיר אין דער דאָזיגער דערצעהלונג ארויס־טרעטען די גאַנצע גראַציע און שעהנקייט פון געפאַלענער אַריסטאָ־קראַטיע, אַ געזעלשאַפט אָנגערעגט דורך דעם העדאניזם, וואו עס צייגען זיך ארויס ווידער די עפּיקורעאישע סימפאַטיעס פון פראַנס און דער הײדאנישער פּראָטעסט געגען דער רעגאַרישער עטיק פון קארנעיל, געגען דעם דאָזיגען אידעאליזם, וואָס מאכט פון מענשען אזעלכע מאָנסטערס ווי גאמעלין.

אָנווערענדיג דעם קלאַסישען גלייכגעוויכט און האַרמאָנישע גע־שטעלטקייט פון פון א קולטיווירטער קונסט און דיסטילירטען גייסט האָט ער געמוזט פאַרדרענגען זיין פּאַרשטעלונג און פאַנטאַזיע און אָפּטרעטען פאַר דעם אינטעלעקט.

דער פילאָזאָף איז געוואָרען לויטערער און קלאָרער מיט די יאָהרען און באַקלאָגט זיך שוין ניט מעהר אויף בערשזוערע׳ס „טרוים־ווילא״, נאָר איז צופרידען צוזיפּקלייבען די ברעקלאך שעהנקייט, וואָס דאָס לעבען שלאָגט פאַר אליין. אין „דעם רעוואָלט פון די מלאכים״ האָבען מיר שוין כמעט דעם לעצטען רעזולטאַט פון די דאָזיגע שפּע־טערע ראַנגלענישען און אינערליכע שטרייטען פון דעם גרויאַלטען קינסטלער און דער יונגער עקספּאַנסיווער נאַטור, דעם טראַגישען אויסטויש פון ראַלען, נאָך דעם זיג, כאָטש דאָס ווערק באַצייכענט, הויפּטזעכלאך, ניט נאָר קיין אידעען קאַמף, נאָר די אַקטועלע מענשען קאָנפליקטען און קאַטאַסטראָפעס.

און אויב פראַנס איז שוין ניט געקומען צו זיך, האָט ניט גע־פונען נאָך אמאָל די יוגענד כחות, בכדי אין דער טיפער עלטער ווידער אויפלעבען און נאָך אַמאָל באַהערשען און דיריזשירען, אויפ־לעזען אין זיך און ארויסברייגען מיט נייער קראַפט און טיפקייט דעם גייסט פון זיין פאָלק, האָבען אָבער די דאָזיגע פאַזען פון שאַפען בולטער און דייטליכער דעם גאַנצען ווערט און באַדייטונג פון זיין קלאַסישען בליענדען שאַפען ארויסגעבראַכט. זיינע מייסטערווערק וועלען זיכער בלייבען אַ מאָנומענט פון סינטעטישען שאַפען און מאָדעלירען דעם מענשלאכען גייסט.

מאַרק טוויין

די אמעריקאַנער ליטעראַטור און געזעלשאַפט, די שול און דער שטאַאט, האָט ערשט געפייערט דעם הונדערטסטען געבורטסטאָג פון דעם פאָלקס־קינסטלער און הומאָריסט.

אויף א גראַנדיעזען אופן ווערט פאַרהערלאַכט די לעגענדאַרישע פיגור פון איינעם פון די עכטע און ערשטע פאַרשטעהער און בויער פון דער ליטעראַטור, וועלכע האָבען ניט נאָר געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דעם גרויסאַרטיגען בנין, נאָר האָבען אויך די ליטעראַטור גרויס און באַוואוסט געמאַכט אין דער אלוועלטלאַכער ליטעראַרישער משפחה.

איז ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט כדאי צו דערמאָנען אונזער אייגענער אידישער ליטעראַטור, אז מיר וואָלטען ניט געדאַרפט זיך האַלטען פון דערוויטענס און פראַוען קיין באַזונדערע „געטהא טישען" כאָטש מיר שפּרינגען אזוי אָפּט קדוש פאַר דעם אולטרא־מאָדערנעם וואָרט און פאַר דער לעצטער קיקיון־דיונה'דיגע דערשיינונג.

און אָט לעבען מיר אזוי נאָהענט בשכנות מיט א פאָלק און ליטעראַטור, אמת, ניט מיט קיין הונדערט יאָהריגע טראַדיציאָנעלע קולטיווירטע באַציהונגען.

אָבער, אפשר גראָדע ווילביידע, פאַרהעלטניסמעסיג, יונגע ליטעראַטורען, מיט ניט קיין פאַרעלטערטע און פאַשימעלטע טראַדיציעס, וואָלטען מיר געדאַרפט און געזאָלט זיך פיהלען היימיש און אויסגעקאָכט צוזאַמען.

שטעהען מיר אָבער פון דער וויטענס און געפינען ניט קיין געגענזייטיגע סימפּאַטיען, קיין אָפּקלאַנג אפילו פאַר אזא פייערונג, וואָס וואָלט געדאַרפט דערוועקען ביי אונז פיל אויפזעהען.

אומאָבזיכטלאַך, ניט ווילענדיגערהייט, קומט ארויף דער נאָמען פון איינעם פון די זיילען פון אונזער יונגער ליטעראַטור, די פּערזענלאַכקייט, אויך פון א פאָלקס און קלאַסיש געוואָרענעם גרויסען קינסטלער אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דעראינערונג וועגען דעם ריזיגען אמעריקאַנישען מארק טווין.

איך מיין אונזער אייגענעם שלום־עליכם, וועמען מען האָט מיט רעכט געמעגט רופען דעם אידישען מארק טווין.

איינער פון דער טריאָ קלאַסיקער און גרינדער פון דער אמעריקאַנער ליטעראַטור, צוזאמען מיט עדגאר אללען פאָע און וואַלט וויטמאַן, פונקט אזוי ווי שלום עליכם, צוזאַמען מיט מענדעלי און פּרץ, אויך איינער פון די דריי קלאַסיקער און אבות פון דער אידישער ליטעראַטור —ביידע פון דעם זעלטענעם מין אויסדערוועהלטע פאָלקס־קינסטלער, פּאָפּולערסטע און פּראָדוקטיווסטע שעפער, ביידע הומאָריסטען.

איז א גרויסער חדוש, וואָס אונזערע קריטיקער און ליטעראַרישע וווילקענער האָבען ניט געפונען פאר נויטיג צו אָפּשטעלען זיך אויף דער דאָזיגער דערשיינונג פון צוויי הומאָריסטען אין זייער פּארשיידענאַרטיגקייט אדער עהנליכקייט, א פּשיטא שוין, אינגאַנצען איגנאָרירען דעם בעל־היובל דעם גרויסער אמעריקאַנישען שריפטשטעלער.

אין דעם משך פון זיין גאַנץ לאַנגער און שטורמישער ליטעראַרישער קאַריערע האָט מארק טוויין דורכגעמאכט אלע שטופען פון קינסטלערישען שאַפען, שטייגענדיג פון די גאָר נידעריגסטע און אומבאדייטענדע ווערק צו דעם העכסטען אויסדרוק פון עפּיק און באַלאַנסירטער קינסטלערישער דערצעהלונג.

געבאָרען מיט הונדערט יאָהר צוריק אין פלאָרידא, איז סעמועל לאנגהאָרן קלעמענס (מארק טוויין) צו 4 יאָהר אריבערגעבראכט געוואָרען פון זיינע עלטערען אין קליין שטעדטעל האניבאל, מיזורי, אין דער מיטעל־וועסט.

אָט דאָ האָט דער צוקונפטיגער גרויסער הומאָריסט נאָך פארכאַפּט צו אָנזעטיגען זיך און אריינזאַפּען אין זיך די אורשפּרינגלאכע פּיאָנערען באַוועגלאכקייט און אומרוהיגקייט פון די פריהערע עראָבערער און „סעטלערס״ אין אן עפּאָכע, אין וועלכער עס האָט געלעבט די עכטע שפורען און עס האָט זיך געהערט דער טעמפּא פון דער דאָזיגער צייט.

דאָ האָט ער אריינגעזאפּט אין זיך דעם גאַנצען פאָלקלאָר און די לעגענדעס פון דעם טייך מיסיסיפּי, וואָס האָט אין די שפּעטערע יאָהרען געשפּילט אַזאַ געוואַלדיגע און אנטשידענדע ראָלע אין דעם רייפערען גאַנג פון זיין שאַפונג. פון דאַנען האָט ער געשעפּט די רייכע אוצרות פון שפּרודעלדיגען הומאָר און דעם גאַנצען שוואונג פון זיין גרויסען קינסטלערישען טאַלאַנט.

ארויסוואקסענדיג פון דער דאָזיגער ווילדער און הארטער „וועסט״, פון די טיפענישען און אָפּגרונטען פון פאָלק, האָט מאַרק טווין זיך קיינמאָל ניט אָפּגעטיילט און ארויסגעטיילט פון פאָלק גופא, אפילו, ווען ער האָט זיך אויפגעהויבען צו די העכסטע שטאַפּלען פון זיין ליטעראַרישער קאַריערע. „איך האָב קיינמאָל אפילו אין קיין איינ־ציגען פאַל ניט געפּרואווט צו העלפען קוולטיווירען דעם קולטיווירטען קלאַס. איך בין ניט געווען קוואליפיצירט דערפאַר, ניט דורך מיין דערציהונג און האָב גאָר קיינמאָל ניט געהאט קיין אמביציע פאַר דעם.

מיין שפּיל איז געווען א גרעסערער — פאַר די מאַסען.

איך האָב זעהר זעלטען זיך באַמיהט צו באַלעהרען זיי, די מאַסען, נאָר אימער געטאָן דאָס בעסטע צו אונטערהאלטען זיי. צו פּשוט זיי אמוזירען וואָלט באַפרידיגט מיינע בעסטע אמביציעס. אמוזירונג איז א גוטע פאַרבאַרייטונג פאַר דעם לערנען און אַן ערהאָלונג נאָך דעם לערנען״...

ווען מיר זאָלען דערמאָנען אונזער שלום־עליכמ׳ס ווערטעל, אז לאַכען איז געזונט; דער דאָקטאָר האָט געהייסען לאַכען, האָבען מיר אַן אויבענאויפיגע פאַרוואַנדשאַפט, א קרובה׳שע שייכות צווישען צוויי גרויסע קינסטלער.

נאַטירלאַך קאָן מען אין אַזאַ מין ארטיקעל ווייט ניט ציהען דעם פאַרגלייך פוןביידע קינסטלער און אויסברייטערען די אַנאַלאָגיע צווישען זייער ביידענס שאַפונגען, אָבער עס וואָלט זעהר אינטערע־סאַנט געווען צו מאַכען אַ געניערען און ספּעציעלען שטודיום און אויסגעפינען די באַרירונגס־פּונקטען אָדער די אנטגעגענגעזעצטע ריכ־טונגען זייערע.

מאַרק טווינס זייער רייכע לעבענס־דערפאַרונגען, זיין גאַנצע פאַרבענרייכע און קאָלירפולע פּערזענלאַכקייט, שפּיגעלט זיך אָפּ אויף דעם גאַנצען פּראָצעס פון זיין שאַפען און האָט ארויסגערופען אימער גרויס באַוואונדערונג און אנטציקונג.

א שריפטזעצער, א דרוקער, א שיפס־פירער, (פּיילאָט) א סאָלדאַט, א רייזענדער, א לעקטשורער, איז ער דער ערשטער אמעריקאַנער פאָלקס־קינסטלער, לויט די אייגענשאַפטלאַכקייטען פון זיין פּערזענ־לאַכקייט אין דעם עצם כאַראַקטער פון זיין שאַפען.

אין ערשטען ווערק, וואָס האָט איהם באַלד באַרימט געמאכט,

אין „דער שפּרינגענדיגער זשאַבע", האָט טוויין באַצאָלט אַ ירושה־חוב מיט ריין קאָמישע מעטאָדען פון באַשרייבען, מיט חכמה׳דיגען שפּאַס און הלצה, מיט ווערטער־שפּיל און נאַר אויסערלאַכע פאָרמען פון שפּאַס און געלעכטער, שאַרזשען און קאַריקאַטורען.

שוין אין די אָנהויב 50־גער יאָהרען האָט ער אַלס שריפטזעצער געמאַכט ווייטע נסיעות אין דעם מזרח פון דעם קאָנטינענט, באַזוכענדיג ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע. אָבער מיט׳ן אָנפאַנג פון ליטעראַרישע דערפאָלגען, האָט ער געהאַט די געלעגענהייט צו מאַכען אַ רייזע קיין אייראָפּאַ און אין אַנדערע מקומות און האָט בייגעשטייערט אַ נייע אייגענאַרטיגע רייזע־באַשרייבונגס ווערק פון אַן עכטען אַמעריקאַנישען שניט און כאַראַקטער, מיט אייגענטימלאַכקייט זעלבסט. „דער אומשולדיגער אין דער פרעמד" איז שוין גאָר ניט קיין גראָטעסקקאָמיש ווערק, פול מיט שפּאַס און געלעכטער, נאָר סאַטיריש־רייזעבאַריכטען און רעבעלירענדע אויסברוכען געגען קעניגען און געגען דער אַריסטאָקראַטיע, געגען מיטעלאַלטער מיט איהרע פאַרהייליגטע לעגענדען, געגען דעם גאַנצען ראָמאַנטיזם פון איהרע שעהנקייטען. ער, דער פּראָטעסטאַנט, איז אויפגעבראַכט געגען דער געצענדינערישער באַוואונדערונג פון צעבראָכענע מאַרמאָר סטאַטועןן און ער לייקענט, אַז עס האָט געהערשט אַ פּאָעטישער גייסט אין דעם מיטעלאַלטער.

פונדעסטוועגען, האָט דער דאָזיגער ערנסט איהם ניט געשטערט צו אַריינגעצויגען ווערען אין דעם פיבערהאַפטען „גאָלד שפּינען" אין קאַליפאָרניאַ און קאָלאָראַדאָ.

אין דעם „גאָלדענעם צייט־אַלטער", אין „30־טויזענטגעשאַנק" און אַנדערע ווערק ברייגנט מ. טוויין אַרויס דידאָזיגע נייע אויפגעקומענע פּלוטאָקראַטיע, דעם נייעם כאַראַקטעריסטישען אַמעריקאַנישען טעמפּאַ און דעם „בום", דעם שנעלען וואוקס און אויפקומען פון שטעדט, דאָס יאָגעניש נאָך לייכטע און שנעלע פאַרמעגענס מיט די איבלען פון אַן אויפקומענדער געלער סענסאַציאָנעלער פּרעסע.

אין אַ געוויסען זינען איז דאָ מ. טוויין דער פאָטער פון סינקלעיר לואיס מיט זיין „מיין סטריט", „באַביט", אזא., דער קריטיקער פון לאַנד פון מאַטעריאַליזם.

אָבער, נאָך די אַלע דערפאַרונגען, נאָך דעם גרויסען ריהם און פּרסום, נאָך די דערפאָלגען און מיסערפאָלגען, האָט טוויין ווידער

אַמאָל זיך אומגעקערט צום אורקוואַל פון זיין שאַפען. באַזעצענדיג זיך אין האַרטפאָרד קאָנעקטיקוט, אָט דאָ אין דער איסט, האָבען פאַר איהם אויפגעלעבט און אויפגעבליט די רייכע אומאויסשעפּלאַכע אוצרות פון פאָלקלאָר, וואָס גרופּירען זיך אַרום דעם לעגענדאַרישען טייך מיסיסיפּי. די שטויביגע דערפער, די טשיקאַווע מענשען, די „דעספּעראַדאָס", זייער גלויבען און אָבערגלויבען, וואָס געהערט צו אַן עפּאָכע, וועלכע וועט זיך שוין צוריק ניט אומקערען.

אין דעם ציקל פון זיינע באַדייטענדסטע ווערק, ווי „מיין לעבען אויף דער מיסיסיפּי", „טאָם סויער", „האָקעלבערי פינן", „פּאָד'העד ווילסאָן", אזא., אזא., האָט מאַרק טווין געשאַפען דעם עפּאָס פון דעם פּרימיטיווען אמעריקאַנישען פאָלקס־מענש פון דער מיטעל־וועסט און — די לעבעדיגע כאַראַקטערען פאַראייביגט און דערהויבען צו קונסט־ווערק.

אָפּשטאַמענדיג פון די טיפע פאָלקס־שיכטען און אבסאָבירענדיג אין זיך אַלץ, וואָס דאָס פאָלק פאַרמאָגט, איז טווין געווען און פאַר־בליבען דער דאָזיגער, וועמען דאָס פאָלק קאָן פאַרשטעהן גיכער פון אַלעמען, מחמת ער איז פון זייער בלוט און פלייש. ער באַזיצט אַליין זייער מאָראַל און זייערע מאַנירען, זייער גייסט און זייער שפּראַך, אַלעס דאָס, וואָס האָט זיך אַזוי וויניג געביטען ביי איהם פון דער פריהסטער יוגענד.

ער ווערט, ווי די פּראַצייטיגע באַלאַדיסטען, א קאָלעקטיווער אויסדרוק פון און פאַר דעם פאָלק.

אַלס פאָלקס־קינסטלער אָבער שטרעבט ער צו א פרייערען און שעהנערען לעבען און אויף זיין שטייגער, ניט שטראָפענדיג און ניט מאָראַליזירענדיג, איז ער דאָך א שאַרפער קריטיקער פון פאַלש־קייטען, נאַרישקייטען, אבערגלויבען און איינרעדענישען, אָנשטעל און פאַרשטעלונג פון דעם פאָלק גופא.

איהם האָט עס דאָס אמעריקאַנער פאָלק אויסדערוועהלט אַלס זיין גרויסען פאַרטרעטער אין דער ליטעראַטור, איהם האָט דאָס פאָלק געמאַכט פאַר זיין אייגענעם ליטעראַרישען העלד.

פּונקט אַזוי ווי אונזער שלום עליכם האָט ער געוואונען די ליבע און אַכטונג פון פאָלק ניט צוליב עצות געבען, פאַרענטפערען לעבענס־פּראָבלעמען, באַלערען אדער מאָראַליזירען. די גאַנצע פּאָפּולאַריטעט פוןביידען פון שלום עליכם און פון מ. טווין נעמט זיך פון דעם, וואָס זייער לעבען און זייער שאַפען איז איינס.

זייער קוואַל פון שאַפען האָט געשטראָמט פון פאָלק און דער אָביעקט פון זייער שאַפען איז דאָס לעבעדיג פאָלק אליין — ניט קיין רעפלעקסען און ניט קיין אבסטראקציעס, וואָס ווערען אויסגעחקירה׳ט און אויסגע׳דרשנ׳ט.

אויב אין די ערשטע פאַזען פון מארק טווינס שאַפען איז זיין הומאָר געווען א זאָרגלאָזער לאַכען, שפּאָט און שפּאַס מאַכען, האָט אָבער די אויסברייטערונג פון זיינע האָריזאָנטען דורך וועלט־רייזעס און לעבענס־דערפארונגען און וויטערע רייפקייט אריינגעבראכט טיפען ערנסט און אייגענארטיגען קינסטלערישען אויסדרוק.

מ. טווין בייט אליין זיין מיינונג און פאלט אריין אין אַנדערע שטימונגען בנוגע צום הומאָר.

„יעדע זאַך, וואָס אמבאלאנגט דעם מענשען, איז פּאַטעטיש, דער געהיימער קוואַל פון הומאָר אליין איז ניט פרייד נאָר אומעט. עס איז גאָר ניטאָ קיין הומאָר אין הימעל אויבען״...

אָט דאָ וואָלטען מיר געקאָנט זיך ווענדען, למשל, צו די פּאַטעטישע פיגורען פון א טביה דעם מילכיגען אָדער מנחם מענדעל, מאָטעל פייסי דעם חזנ׳ס א. א. וו., צו זעהען צי דער הומאָר פון שלום עליכם געהט אונטער אונטער דער זעלביגער אידעע. וועגען הומאָר, הגם ער קוועלט ארויס פון פארשיידענע און גאַנץ אנדערע קוואַלען און דריקט זיך אפשר אויס אין פארשיידענע פאָרמען.

דאָך איז שלום עליכם אליין, דער געוועזענער בירזשע סוחר און פאָלקס־קינסטלער, מאָמענטענוויז אזוי נאָהענט צום עצם כאַראַקטער פון מארק טווין, אז עס איז אוממעגלאך פארבייגעהן און דורכלאָזען דעם פאַרגלייך.

דאָס עכטע און רייפסטע הומאָריסטיש שאפען בייביידע גרויסע קינסטלער רופט ארויס א הארציגען געלעכטער, אָבער דאָס דאָזיגע לאַכען איז גאנץ אָפט לאכען דורך טרערען און דער וויץ איז מיט דעם וועלט־שמערץ פארבונדען.

דער דאָזיגער הומאָר איז אן עדות פון העכערע געדאנקען און העכערע געפיהלען און זיין אויפגאבע איז צו אויפדעקען דאָס שלעכטע און אויסבעסערען דאָס געמיינע און דאָס נידריגע פון דעם פאָלק, פון דער מענשהייט.

עס איז כאַראַקטעריסטיש אפילו די אַנאַלאָגיע פון די אויסערליכע פאָרמען און אויסדרוקען ביי זייביידע.

אין א היבשער מאָס באַנוצען זיך ביידע זעהר געלונגען און דערפאָלגרייך מיט מאָנאַלאָגען און דערצעהלונגען, אָפט פון ערשטער פּערזאָן, שוין אָפּגערעדט, וואָס דער שפּראַכלאַכער אינסטרומענט איז ביי שלום עליכם אזוי אָריגינאַל קערענדיג און וואָרצלדיג אידיש, ווי עכט אידיאַמאַטיש אַמעריקאַניש עס איז ביי דעם גרויסען מאַרק טווייִן.

דער איינציגער אונטערשיד צווישען די צוויי קינסטלער, וואָס עס איז ווערט דאָ אויסצוצייכענען, איז אין קלימאַקס פון זייער קינסטלערישען שאַפען.

מיט דער צייט האָט שלום עליכם זיך וואָס ווייטער מעהר אידענטיפיצירט מיט דעם פאָלק, מיט זיין סימפּאַטיש שמייכלען און האַרציגען געלעכטער. זיין באַדויערען און זיינע סימפּאַטיען פאַר'ן פאָלק, זיין אומזיכטבאַרע קריטיק האָט איהם ניט פאַרוואַנדעלט אין קיין פעסימיסט און זיין גלויבען אין דעם פאָלק, ווי אין דעם מענשען בכלל, איז ניט אונטער געגראָבען, ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרען.

מאַרק טווייִן אין זיין לעצטען פעריאָד פון שאַפען, זאָט מיט רוהם און כבוד, אָבער נידערגעשלאָגען און פאַרצווייפעלט, האָט גענומען זעהן די טונקעלע מענשלאַכע פּראָבלעמען און האָט ניט געהאַט מיט וואָס זיך אקעגען שטעלען און ווידערשטעהן די שפּעטערע טראַגישע אויפפאַסונג פון לעבען.

און, צו ענדע פון זיין גלענצענדע ליטעראַריש-שעפערישער קאַ־ריערע, איז ער אריינגעפאַלען אין א פילאָזאָפישען פעסימיזם און מרה־שחורה און האָט אָנגעשריבען זיין בוך „וואָס איז דער מענש?“, וועלכער איז ארויסגעגעבען געוואָרען שוין נאָך זיין טויט.

דאָך צו קיין נאַציאָנאַלער סאַטירע האָט זיין הומאָר פאַרט ניט דערגרייכט. כאָטש זיין איראָניע איז געוואָרען שאַרפער און ביטערער, האָט ער זיך ניט געקאָנט העלפען ניט צו זיין הומאָריסטיש און פאָלקיש.

מאַרק טווייִנ'ס פאָלקסטימלאַכקייט, זיין פּאָעטישע יוגענדלאַכקייט און פאַרטגעשריטענקייט, זיין פרייהייטלאַכער שוואונג, זיין פּראָטעס־טאַנטישער שעפערישער גייסט, וואָלט געדאַרפט ערשט איצט איהם נאָהענט מאַכען צו אונזער אידישער ליטעראַטור.

ראָמען ראָלאַן

ליטעראַטור און קונסט זיינען פּראָדוקטען פון פרייען מענשלאכען גייסט — פון אויסגעלייטערטע דערפאַרונגען און איבערלעבונגען.

א טיפערע באַליכטונג פון דער מענשלאכער נשמה ברייטערט אויס דעם מענשענס באַוואוסטזיין און געפינט אַן אויסדרוק אין ווערטער פון רעאַלער קראַפט און שעהנקייט.

דאָס קינסטלערישע שאַפען ווערט אָן אָבער זיין וויטאַליטעט, ווען עס הויבט אָן צו פאַרלירען די נעהענטערע שייכות צום לעבען, ווערענדיג אַן ענד־ציל אַן און פאַר זיך, דערגרייכענדיג די מדרגה פון זעלבסטשטענדיקייט.

אַזאַ מין סאָרט פאַרענדיגונג און אָפּשליסונג, פאַרפּאַלקאָמונג און השלמה פון ליטעראַרישע פאָרמען און עסטעטישען שאַפען מערקט זיך באַזונדערס אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור פון ענדע 19טען און אָנהויב 20טען יאָהרהונדערט.

עס איז גענוג צו דערמאָנען די ווערק פון דעם גענִיאַלען אַנאַטאָל פראַנס, אז עס זאָל ארויסטרעטען בולט יענע העכסטע ראַפינירטקייט און די דערגרייכונגען פון פאָלקאָמען עסטעטישען שאַפען, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר א גענצלאכע אויסשעפּונג און אויס־ליידיגונג — די העכסטע שטופע פון דערגרייכונג און דער אָנהויב פון דעקאַדענץ, וואָרים ווייטער קאָן דאָס שאַפען ניט אָנגעהן אויף דער זעלביגער הויך — און פאַלט.

דאָס קינסטלערישע שאַפען נויטיגט זיך דעריבער אין אָפּפרישען דעם בונד און צוזאַמענהאַנג מיט דעם לעבען צו געפינען די געהעריגע אחיזה אין לעבען, בכדי ווייטער צו וואקסען און אנטוויקלען זיך.

די ליטעראַטור געשיכטע ווייסט פון אזעלכע דערשיינונגען פון דעקאַדענץ, נאָך וועלכע עס פאָלגט תמיד א נייער אימפּעט פון פרישע עלעמענטען פון לעבען.

זיי, די דאזיגע עלעמענטען, רעפּרעזענטירען כמעט שטענדיג די טענדענצען פון דער נייער צייט צו רעוואָלוציאָניזירען די קונסט און

ליטעראַטור, בכדי שפּעטער ווידער זיך אָנשליסען און אנגלידערען אין דער קולטורעלער ירושה פון דער פאַרגאַנגענהייט.

און אזוי טראָגען זיי אריין א נייע פאַזע פון אנטוויקלונג און ברייגגען אריין אויפלעבונג און אויפבליהונג אין דעם מענשלאכען גייסט.

אַזאַ רעוואָלוציאָנערען שעפער, אַזאַ מין רעוואָלוציאָנערע קינסט־לערישע פּערזענלאכקייט, שטעלט מיט זיך פאָר דער גרויסער פראַנ־צויזישער גייסט פון אונזער צייט, ראָמען ראָלאַן.

„אייראָפּא פון היינט האָט מעהר ניט קיין אלגעמיינעם בוך, קיין פּאָעמע, קיין געבעט, קיין אַקט פון גלויבען, וועלכע איז אן אל־געמיינע ירושה פון אלעמען; אָט דער מאַנגעל איז פאַטאַל פאר דער קונסט פון אונזער צייט.

עס איז ניטאָ קיין איינער, וואָס זאָל האָבען געשריבען פאר אלעמען, קיינער, וועלכער האָט געקעמפט פאר אלע.״

אזוי האָט ראָלאַן פאָראויסגעזעהען און דורכגעוויטאָגט די גרויסע געפאַהר פון דעקאַדענץ, האָט אליין דורכגעלעבט די גרויסע טראגישע פּראָבלעם אין אלע איהרע פאַזען און דורך זיין אייגענעם שאפען געזוכט אן ענטפער און א תיקון אי פאר דער ליטעראַטור אי פאר די גרויסע סאָציאַלע און אינדיווידועלע פראגען פון פאר און נאָך דער וועלט בראַנד.

„די פריידען און ליידען, די וואונשען און חלומות פון מאָצאַרט און בעטהאָווען זיינען געוואָרען א טייל פון מיין לייב און לעבען... אָ! וויפיל בין איך עס זיי שולדיג! ווען איך בין קראַנק געווען קינדווייז און דער טויט האָט געשוועבט איבער מיר, האָט א מעלאָ־דיע פון מאָצאַרט געהיט מיין קאָפּ־קישען ווי א געליבטע... שפּעטער, אין צייטען פון גייסטיגען קריזיס, אין מאָמענטען פון ספקות און מרה שחורה, האָט די מוזיק פון בעטהאָווען דערוועקט אין מיר די פונקען פון אייביגען לעבען. ווען נאָר מיין גייסט איז מיד און מיין הארץ איז קראַנק, ווענדע איך זיך צו דער פיאַנא און בין זיך טובל אין דער ׳מוזיק״.

זייער פריהצייטיג האָט ראָלאַן זיך אינטים פארקניפּט מיט און פארליבט זיך אין דער קונסט פון דער מוזיק און ליטעראַטור. דער מוזיקאַלישער טעמפּעראַמענט האָט זייער פריה אויפגעדעקט פאר ראָלאַן דאָס לעבען און, פאָלגליך, די קונסט אין איהר גאַנצער דראַמאַ־

טישקייט, אלס אומאויפהערלאכען קאַמף געגען אינדעפערנטיזם און אינערציע.

פון אזעלכע העראָאישע געשטאַלטען און אקטיווע שעפערישע מייסטער־טיטאַנען, וועלכע האָבען געגעבען נייעם אימפעט און באַ־וועגונג דער מענשהייט און געצוואונגען די קונסט און ליטעראַטור צו באפרייען זיך פון די פארגליווערטע פאָרמען, — פון זיי האָט ראָלאן זיך אָנגענומען ענדלאך מיט גלויבען אין די אייגענע כחות אלס קינסטלער און פּאָעט.

„ווען איך האָב זיך בּאראָטען מיט אייך מיט א צייט צוריק, שרייבט ראָמען ראָלאן צו טאָלסטאָי, בין איך געווען צוריסען דורך דעם אנטאגאָניזם, וועלכען איהר האָט אוועקגעשטעלט, ווי עס האָט אויסגעזעהען, צווישען קונסט און מאָראַל.

די קונסט איז געווען מיין רעליגיאָן: איך בין איהר שולדיג געווען מיינע פריידען, די ריינסטע און אומשולדיגסטע; אין איהר האָב איך געשעפּט מיינע בעסטע כחות צו שטרייטען געגען אלדאָס בייז און רשעות. איז עס מעגלאך, אַז עס איז געווען אין געגענזאַץ צו דער אלטרואיסטישער ליבע? האָב איך אייך געפרעגט. און איהר האָט מיר געענטפערט, אז איהר באַקעמפט ניט די קונסט נאָר די קינסטלער פון היינט און איהר פארבאָט ניט צו שפילען מוזיק צו די, וועלכע טראָגען זי אין זייער הארצען, נאָר איהר ווילט אז מען זאָל עס ניט מאכען פאר קיין מלאכה און פאר קיין סחורה". אזוי דעקט ראָלאן פאר אונז אויף דעם פאָרהאנג פון יענע אינערלאכע ספקות און שטרייטען זיינע, וועלכע האָבען געדראָהעט דער צאַרטער איידעלער נשמה פון דעם גרויסען קינסטלער און דעם גרויסען אלטרואיסט און מענשען־ליבהאָבער, דער גרויסער עטישער פּערזענ־לאכקייט, אויף וועלכען עס איז אויסגעפאלען צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון זיין גרויסען לערער און וועגווייזער לעוו טאָלסטאָי.

פאר צעהנדליגע יאָהרען איז ביי ראָלאן די וויזיאָן פון א נייער קונסט, פון נייע און באנייטע עלעמענטען צו אויפלעבען די קונסט, אויסברייטערען איהרע האָריזאָנטען און מאכען זי נאָך אמאָל פאר א ווירקענדען פאקטאָר אין לעבען — אויסגעשטאַלטעט און רייף געווארען. פאר צעהנדליגע יאָהרען זיינען די שעפערישע זוימען אויס־געוואקסען צו יענעם שוואונג און פארנעם, וואָס דער ראָמאן „זשאן

קריסטאָף" שטעלט מיט זיך פאָר, דאָס מאָנומענטאלע און קאָלאָסאלע ווערק פון אונזער עפּאָכע.

דאָס איז די וויזיאָן פון ווייטע און אויסגעברייטערטע האָריזאָנ־טען. די קינסטלערישע פאַרווירקלאכונג פון דעם „באחרית הימים" אידעאל, ווען נאַציאָנען און שפּראכען גיסען זיך צונויף צוזאמען אין איינעם, אין דער אוניווערסאלער שפּראך פון קונסט.

בכדי אויפצוכאַפּען דאָס לעבען אין זיין גאנצקייט האָט ראָמעין ראָלאן אויסגעקליבען צו אריינדרינגען אין דער טיפסטער מיסטעריע פון לעבען, אין דעם אייגענטלאכען שאַפען, וואָס איז דער אורשפּרונג פון אלץ און אלעמען — די אנטשטעהונג און אנטוויקלונג פון קינסט־לערישען שאפען און די דערפארונג פון דעם קינסטלער אין דעם קינסטלערישען פּראָצעס פון שאַפען.

אין מוזיקאלישע אקאָרדען, אין גאנצע סימפאָניעס שפּילט דער גרויסער קינסטלער און פּאָעט אויס זיינע אייגענע קינסטלערישע אידעען און דעם גאַנצען געדאנקענגאנג און געפילס־קאָמפּלעקס פון דער קינסטלערישער נאַטור אין זיין „זשאן קריסטאָף".

דער לייט־מאָטיוו פון דעם דאָזיגען קאָלאָסאלען ווערק — איז ליידען דורך שאפען און שאפען דורך ליידען.

איבערשמעלצענדיג זיך אין די ליידען פון שאַפען, דערגרייכט זשאן קריסטאָף, דער העלד פון ראָמאן, אם ענדע פון זיינע יאָהרען — נאָך א שטורמיש פולבלוטיג לעבען, פול מיט קינסטלערישער דינאַמיק, דערפאָלגען און נידערלאגעס און וועלט־רייזעס — די מדרגה פון א וועלט־בירגער, ביי וועמען אלע פעלקער און נאַציאָנען באַ־קומען א גלייכען ווערט אין א באלאנסירטען הארמאָנישען צוזאמענ־לעבען.

דער דאָזיגער אידעאל פון „באחרית הימים", די דאָזיגע צו־קונפטס־סימפאָניע, וואו עס הארמאָניזירען אלע פארשידענסטע און פארשידענערליי מענשלאכע אקאָרדען, איז אין איינקלאנג מיט דער העלער פּאָעטישער וויזיאָן פון ראָלאן זעלבסט און שטראָמט ארויס פון די טיפסטע טיפענישען פון זיין נשמה, וועלכע איז אנגעהויכט מיט אזוי פיל מוזיק.

„נאָר א מוזיקער, איינער וואָס איז אינטים באקאנט מיט די גרויסע סימפאָניעס, קאָן נאָכפאָלגען אין דעטאלען און זעהען, ווי די עפּישע פּאָעמע „קריסטאָף" איז געבויט ווי א סימפאָניע, ווי א

הערזאיקא, נאָר א מוזיקער קאָן באנעמען, ווי דאָס דאָזיגע ווערק, אלס אומפאסענדע מוזיקאלישע קאָמפּאָזיציע, איז איבערגעטראָגען געווארען אין דער וועלט פון דער שפּראכען אַרט", זאָגט סטעפאן צווייג אין זיין אויספירלאכען ווערק איבער ראָלאן.

אין א צייט ווי אונזערע, ווען ראסען־האַס און נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט, מיט וועלכע עס זיינען פאר׳סמ׳ט אפילו די בעסערע מחות פון דער געזעלשאפט, ווערט גרעסער און בולטער די באדייטונג פון א ווערק און א קינסטלער, וועלכער ציינט ווי אזוי דערפּארונגען, אויסער נאַציאָנאַלע, פון דער פרעמדער און אויסערער וועלט, ווערען פאַרוואַנדעלט אין אונזערע אייגענע דערפאַרונגען, א ווערק, וואָס לערענט ווי אזוי עס ווערט מעגלאך איבעראנדערשען די וועלט אזוי, אז זי זאָל אויפהערען זיין אן אויסערלאכע דערשיינונג און זאָל ווערען אן אינערלאכע ווירקלאכקייט — אין אַזאַ צייט איז „זשאן קריסטאָף", אין אמת׳ען, א פענאָמענאַלעס ווערק. ראָלאן צייגט זיך ארויס צו זיין אן אינטעלעקטועלער קינסטלער פון זעלטענעם מין. ער בויט זיין לעבענס־פילאָזאָפיע אויף זיינע דערפארונגען און זיינע גרויסע גייסטיגע איבערלעבונגען, אויף דעם גאַנצען הערזאָאיזם, וואָס ער האָט נאָכגעפאָלגט און מיטגעמאכט מיט די גרעסטע מענשלאַכע גייסטער פון אלע דורות און אלע צייטען, ווי שעקספּיר און טאָלסטאָי, בעטהאָווען און מאָצארט אזא., אזא.

לויט ראָלאן „זוכען מיר אימער אין שאפען צו באפרייען זיך פון געפענגעניש פון גוף, צו וואַרפען זיך אין שטורעמס פון לעבען, צו זיין ווי אמת׳ע געטער... צו שאפען איז צו פאַרניכטען טויט, וואָרים יעדעס לעבען, אויב נאָר ניט ריין זאָאָלאָגיש אָהן באַוואוסטזיין, איז א שטענדיגעס שאפען און דאָס נידעריגסטע אַרט שאפען, און דאָס קלענסטע ווערק באהערשט די וועלט... עס איז א טריאומף איבער די כחות פון אינערציע און טויט"...

און ווידער: „דאָס לעבען איז א שטענדיגער שלאַכט אָהן איבעררייס, אָהן שטילשטאנד און אָהן רחמנות, וואו איטלאַכער, וואָס וויל זיין ווערט דעם נאָמען מענש, דארף קעמפען שטענדיג געגען די ארעמס פון אומזיכטבארע פיינד, די טויטענדע כחות פון דער נאַטור, די אומרוהיגע פאַרלאַנגען, די טונקעלע געדאנקען, וועלכע שטויסען פאררעטעריש צו דערנידערונג און פארניכטונג".

ווי וואונדערלאך איז די הערלאכע וויזיאָן פון מענשען און מענשהייט, אין וועלכער ראָלאן האָט געלעבט, די וויזיאָן, וועלכע מאכט איהם אזוי פּאָעטיש אין זיין דענקען און אזוי דענקעריש אין זיין שאַפען.

באאיינפלוסט פריהצייטיג פון ל. טאָלסטאָי, באַזיצט ראָלאן יענעם טאָלסטאָיאַנישען ערנסט און עהרפורכט פאר ליטעראטור און קונסט, וועלכער איז פארקערפּערט אין יעדען ווערק זיינעם, פול מיט מאָ־ראלישע פּרינציפּען, מעדיטאַציעס און פאַרטראַכטונגען, וואָס באַ־גלייטען יעדע זיינע באשרייבונג, יעדען פּאָעטישען אויסדרוק.

א גרויסע עטישע נאַטור, וואָס ער איז געווען, איז ראָלאן, ווי פילע אנדערע גרויסע גייסטער פון זיין צייט, דורכגעלייטערט געוואָ־רען דורך דעם פּרובירשטיין פון זיין צייט דורך דער „דרייפוסיאדא“, וועלכע האָט איהם, דעם אידעלען גייסט, אזוי דערשיטערט, אז עס איז ניטאָ כמעט קיין איין ווערק זיינס, אויף וועלכען עס זאָל ניט זיין קיין שפּור פון דער שרעקלאכער גייסטיגער און מאָראָלישער קאַטאַסטראָפע, וועלכע האָט געטראָפען פראנקרייך.

אין „זשאן קריסטאָף“ געפינען מיר אָנדייטונגען וועגען אידען און זייערע טרעפענדע באַמערקונגען, וועלכע צייגען דעם אוניווער־סאלען גייסט פון ראָלאן, דעם פרייען אלץ־אומפאסענדען העל־שעפע־רישען בליק זיינעם.

„אין פראנקרייך זיינען די אידען כמעט די איינציגע, מיט וועמען א פרייער מענש קאָן דיסקוטירען וועגען עטוואָס נייעס, עטוואָס וואָס לעבט ווירקלאך. די אנדערע האלטען זיך אָן דער פארגאנגענהייט און זיינען פעסט איינגעוואָרצעלט אין טויטע זאכען.

פון גרויס וויכטיגקייט איז דאָס, וואָס די טראַדיציאָנעלע פאר־גאנגענהייט עקזיסטירט ניט פאר די אידען אדער, אזוי פיל ווי זי עקזיסטירט, איז עס אן אנדערע פאַרגאַנגענהייט ווי אונזערע. דער פּועל־יוצא איז, אז מיר קאָנען ריידען צו די אידען וועגען היינט, ווייל די פון אונזער ראסע צו זיי קאָנען מיר נאָר ריידען פון דעם נעכטען... איך וויל ניט זאָגען דערמיט אז איך געפין אימערצו זייערע טאַטען אָנגענעם. זייער אָפט רעכען איך זייער אויפטועכץ ווירקלאך אָפּשטויסענד. אָבער מינדעסטען לעבען זיי און זיי ווייסען ווי צו שעצען אלעס, וואָס עס לעבט...

אין דער מאָדערנער אייראָפּא זיינען די אידען דערהויפּט די אָגענטען פון גוטס אזוי גוט ווי פון שלעכטס".

„האָסטו דען ניט צווישען זיי (די אידען) געפונען דיינע ערגסטע שונאים און בעסטע פריינד?" פרעגט אליוער ביי קריסטאָף. קריס־טאָף איז מסכים און זאָגט: „עס איז גאנץ אמת, אז זיי האָבען מיר געגעבען קוראזש און געהאָלפען אין מיין קאמף, אזוי וויזענדיג מיר פאַרשטענדעניש. פונדעסטוועגען זיינען די דאָזיגע פריינד מעהר ניט מיינע פריינד! זייער פריינדשאַפט איז געווען א פייער פון שטרוי. עס מאכט אבער ניט אויס! א פאַרבייגעהענדיג אויפשיין אין דער נאַכט איז ווערקאָמען. דו ביזט געדעכט מיר דאַרפען ניט זיין אומדאַנקבאַר".

אין עטישען זינען אנטלויפט ראָלאַן ניט אוועק פון דער ווירק־לאַכקייט, נאָר פאַרקערט, ער זוכט צו באַווירקען מיט זיין קינסט־לערישען וואָרט און מיט דער מאכט פון זיין העלדישער און שעפּע־רישער מאָראל, מיט זיינע סימפּאַטיען און פארשטענדניס פאַר די געפּלאָגטע און ליידענדע, פרעמדע און ווייטע — ער ווערט דאָס געוויסען פון אייראָפּא.

זיין גאנץ אָריגינאַליטעט באַשטעהט אפשר אין דעם, וואָס ער האָט אבסאָלוט אידענטיפיצירט זיין אינערלאַך שעפּעריש לעבען מיט דעם גורל פון דער וועלט, אריינדרינגענדיג אין אלע גרויסע און אַנגעוועהטאָגטע פּראָבלעמען פון זיין און אונזער צייט און האָבענדיג געמאַכט פון זייער לעזונג דעם raison d'etre פון זיין עקזיסטענץ און דעם ציל פון אלע זיינע קאַמפען.

ער בלייבט דער אומערמידלאַכער קעמפער טראָץ אלע אנטוי־שונגען — דער גרויסער עטישער גייסט טראָץ די כוואַליעס פון רעאַקציע און ווילדקייט, וואָס פארשווענקען אונזער קולטור, ווי עס צייגט זיין „דעקלאַראַציע פון אומאָבהענגיקייט פון גייסט" ביז דעם לעצטען אָפּרוף זיינעם און ווענדונג צו די פּוילישע פריינד וועגען אידען.

אין דעם צווייטען גרויסען ציקל פון זיינע ווערק, אין דער „באַצויבערטער נשמה", שטרעבט ראָלאַן צו אריינברייננגען געזעצ־לאַכקייט פון א נייער וועלט, די פאַרקערפּערונג פון א נייער מאָראל אויף די רואינעס פון דער געזעלשאַפט נאָך דער וועלט־מלחמה.

דאָס דאָזיגע ווערק זעצט פאָרט דעם ריטם פון „רעוואָלט״, מאָראַליש און סאָציאַל אנצינדענדיג די פרויען נשמה מיט מעלאָדיען פון שטאָלץ און שעהנקייט. דאָס איז די געבורט פון דער נייער פרוי, וועלכע זאָל פארנעמען דאָס אָרט פון דער דאָזיגער, וועלכע העלפט נאָך דערווייל ארויס צו פארניכטען די וועלט. די נייע פרוי איז פארקערפערט אין דער הויפט העלדין פון דעם צווייטען גרויסען לעבענס־ווערק ראָלאנ׳ס, אין אנעט ריוויער, וועלכע האָט פאר־שטאַנען איהר ראָל אלס אינספיראַטאָרין פון קולטור, וועלכע וויל אריינטרעטען אין דער וועלט באַפעלעריש מיט אויטאָריטעט און באַוואוסטזיין אלס די מעטרעסע און די מוטער פון מענשען, דורך איהר געשאפענע און צו איהר פאראנטוואָרטלאכע פאר זייערע אקטען און טוען.

די פרוי בכלל און די פראנצויזישע פרוי בפרט איז נאָך עד היום אזוי פארשפעטיגט אין איהר אנטוויקלונג, איז אין איהר פסיכיק אזוי פארגליווערט געווארען, אז זי האָט געקאָנט אָנגענומען ווערען פאר אן ענדגילטיג פאָרמירטען מענשלאכען טיפ, וועלכער איז אומ־פארענדערלאך און אומפארענדבאר.

האָט ראָלאן א נייעם טעסטאמענט געשריבען פאר דער פרוי, וואָס איז ביז איצט א העלפט מענש געווען.

ער האָט געלאָזט אנעט ריוויער, די הויפט־העלדין פון דעם לעצטען ציקל ראָמאנען, זיך אויסלעבען אין דער אטמאָספערע אויסער דער הייראט און האָט פון נייע שפורען און צייכען, אנדייטונגען און סוגזשעסטיאָנען געשאפען און רעפראָדוצירט די נייע פרוי אין איהר אידעאלער גרויס, אלס אינטעגראלען מענשען מיט א גרויסען שוואונג און מיט א גאנצער טיפער אייגענער אינערלאכער וועלט.

ראָלאן האָט זיך אויפגעהויבען איבער טראַדיציאָנעלע געגענ־זאַצען און ווידערשפרוכען בנוגע צו דער פרוי און מיט זיין גאנצער פאָעטישער נאַטור האָט ער רעוואָלטירט געגען דער קאָנצעפציע פון אן אויסגעשטאָלטעטען פרויען כאַראַקטער, סטאַטיש פארגליווערטען.

מיט דעם העלזעהען פון א גרויסען קינסטלער אנטפלעקט ער די ראַנגלענישען און אינערלאכע קאמפען פון דער פרוי צו איבער־רייסען און פאָרטרייבען דעם פארווירענדען צויבער, וואָס הענגט איבער איהר פאר יאָהרהונדערטע.

אנעט ריוויער שטרעבט עס מיט אזוי פיל באַוואוסטזיין און קראפט צו דערקענען זיך זעלבסט און זיך צו באפרייען — און ווערט דער סימבאָל פון דער נייער פרוי.

„די באצויבערטע נשמה" שטעלט מיט זיך פאַר דאָס אויפדעקען דורך דער העלדין פון איהר אייגענער נשמה דורך אלע איהרע דער־פארונגען און נסיונות, וואָס א מענשלאך קאָמפּליצירטעס וועזען קאָן נאָר אויסשטעהן.

די פּאָעטישע נאַטור, וואָס ר. ראלאן איז, מאכט מעגלאך אז ער זאָל באזיצען כמעט א פיזישען געפיהל פאר די קרעאטיווע צענטרען אין דעם מענשלאכען איך און דעם אוניווערזום, ארום וועלכען עס קאָנצענטרירט זיך אלעס, פאר דעם עלעמענטארען כח, וואָס הערשט אין קונסט, אין אקציאָן, אין וויסענשאפט, אין רעליגיע — די לעבעדיגע איינהייט.

באהעפטענדיג זיך מיט די ריזען גייסטער, ווי מייקעל אנדזשעלא, בעטהאָווען, מאָצארט, טאָלסטאָי, גאנדי אזא., האָט ראָלאן געשעפּט פון דער דאָזיגער באהעפטיגונג דעם העלדישען מוט זיינעם צו זיין דער אָנזאָגער פון די צייטען, וואָס דארפען קומען, וועלען קומען, אויב נאָר די אויסדערוועהלטע פון הארץ און שכל, וועלען זיך אָנ־שליסען ווי דער פּאָעט אליין, ווי זיין אינגסטער העלד מארק ריוויער, פאר הערָאאישער און שעפערישער אָקציאָן.

מאַקסים גאָרקי

1

אין דער רוסישער ליטעראַטור, וועלכע האָט ערשט פאַר די לעצטע עטלאכע צעהנדליגע יאָהרען אָנגעהויבען צו ווערען צוגענג־לאכער און פאַרשטענדלאכער און איז אריינגעדרונגען אין דער ברייטער וועלט, פאַרנעמט גאָרקי א באַזונדערע קינסטלערישע, סאָציאלע פּאָזיציע, אַן אייגענאַרטיגען פונדאַמענטאַלען פּלאַץ.

אין דער איצטיגער עפּאָכע, ווען א דאַנק דער דערפּאָלגרייכער רעוואָלוציע און איהרע פאַרשידענאַרטיגע און פילפאַכע פאָלגען און רעזולטאַטען, האָלט זיך אין פאָרמירען אין רוסלאַנד א נייע, אזוי צו זאָגען, אינטעלעקטועלע אמאלגאמע פון די נייערע ברויזענדע און ארויסשוימענדע כחות פון פאָלק — קאָן גאָרקי׳ס גאַנצעס שאַפען און ווירקען באַטראַכט ווערען אלס איין גאַנצע אנטשיידענדע ליניע און ריכטס־שנור, מיט וועלכער עס פאַרענדיגט זיך אזוי בולט און שאַרף דער גלאַנץ פּעריאָד פון דער רייכער רוסישער ליטעראַטור און איהר גלאַררייכער גאָלדענער פאַרגאַנגענהייט, — און עס הויבט זיך אָן די נאָך ניט פּאָלקאָם אויסגעשפּראָכענע און קינסטלעריש־באַפעסטיגטע נייערע און באַנייטע ליטעראטור און קונסט.

אין גאָרקי׳ס קינסטלערישער פּערזענלאכקייט און זיין פרוכט־באַרען שאַפען איז די רוסישע ליטעראַטור דערגאַנגען ביז איהר העכסטען קינסטלערישען קלימאקס, ניט אין דער פאָלקאָמענהייט און השלמה פון עסטעטישע פאָרמען, ראַפינירטקייט און אינדיווידועלען גייסט, נאָר אין דער ווייט־גרייכענדער שטופּע פון אנטוויקלונג, אין דער פולסטער פאַרקערפּערונג און אלזייטיגען אויסדרוק פון די קינסט־לערישע שטרעבונגען פון דעם קאָלעקטיווען רוסישען גייסט.

מיט א פרימיטיווען כח און עלעמענטארען דראַנג האָט ער אָנגע־הויבען זיין גלענצענדע קאַריערע אלס דער נייער אויפגעהענדער שטערען און אָריגינעלער קינסטלער.

אן אומגעהייערע קראַפט פון לעבען, דאָס גאַנצע אויפוואַכען פון דער רוסישער אומרוהיגקייט, דאָס בלאַנדזשעניש און זוכעניש פון דער סלאַווישער נשמה, די גייסטיגע און פיזישע וואַנדערונג פון די געמיטער, דער עמפערטער פייערדיגער פראָטעסט און אויפרעגונג, וואָס האָט זיך אַנגעקליבען פאר גאַנצע יאָהרהונדערטע אין די פאַר־גליווערטע ליידען און דעם פאַרטעמפּטען געדולד — שפּאַרט ארויס שוין פון די ערשטע ליטערארישע פּרוּוון ביז צו די פאָלקאָמסטע ווערק גאָרקי׳ס.

אויף זיין אייגענעם אופן צייגט ער ארויס די גאַנצע אייגענ־טימליכע אייגענאַרט פון דעם רוסישען פאָלק, זייענדיג אליין א פאַרקערפּערונג און פאַרטזעצונג פון פאָלק, פונקט ווי דאָס פאָלק גופא איז אין א געוויסען הינזיכט געוואָרען דער המשך פון גאָרקי׳ן זעלבסט.

און כאָטש די רוסישע ליטעראַטור איז אויפגעוואַקסען און האָט אויפגעבליט אויף אַזאַ רייכקייט פון פאָלקסטימלאכע און פאָלקיסטישע מאָטיוען, האָט אָבער קיינער פון די נייערע און איינגסטע קינסטלער און דיכטער אין דער רוסישער ליטעראַטור פון דעם אָנהויב 20טען יאָהרהונדערט קיין רעכט צו זיך אָנרופען פאָלקס־שריפטשטעלער און דיכטער ווי מ. גאָרקי.

דאָס איז ניט דערפאר, וואָס דאָס פאָלק איז אויסשליסלאך דער איינציגער אָביעקט פון זיינע קונסט־ווערק, וואָרים זייער פיל אנדערע רוסישע קינסטלער אויסער איהם האָבען דוקא אויך באהאנדעלט דעם זעלביגען אָביעקט.

דאָס איז גיכער דערפאר, וואָס זיינע שריפטען שטעלען פאָר און פּראָדוצירען, ניט נאָר בילדער און פּאָרטרעטען פון דעם רוסישען פאָלק, פון זיין לעבען און וועזען, נאָר דאָס גאַנצע שאפען זיינס איז אויך, אויב ניט הויפּטזעכלאך, די זעלבסט־אנטפּלעקונג און דער זעלבסט־אויסדרוק פון דער רוסישער נשמה, איהר שוועבען און וועבען, דערהויבונג און דערנידערונג, פריידען און ליידען.

ווייל ער שעפּט פון אוממיטעלבארע איבערלעבונגען און דער־פאַרונגען דעם גאנצען מאַטעריאל פאר זיין קינסטלערישען שאפען און איז אזוי אינטים פאַרבונדען מיט זיינע ווערק, האָט ער ארויס־געצייגט אזוי פיל ליריזם און פּאַטאָס באַזונדערס אין דעם ערשטען

פעריאָד, וועלכען ער האָט צו פאַרדאַנקען אויך מיט זיין וועלטלאכען רוהם.

די קינסטלערישע דערגרייכונג, דער הויך פון שעפערישען שוואונג שפיגעלט זיך ניט אָפּ הויפטזעכלאך אין דעם אויסדרוק פון נאַציאָנאַלען אָדער ראַסען־כאַראַקטער, וואָס שטייגט צו מיסטיק, ווערט פאַרטיפט רעליגיעז און געהט אריבער די גרעניצען פון פילאָזאָפי, ווי ביי דאָסטאָיעווסקי און טאָלסטאָי, כאָטש אויף זיין אייגענעם שטייגער קומט אפשר גאָרקי קינסטלעריש־סינטעטיש צו די זעלבע רעזולטאַטען.

אָבער דערפאר האָט זיך רעפלעקטירט דער גאַנצער פּראָצעס פון זיין פערזענלאכער שעפערישער אנטפלעקונג און טעמפעראמענט־פולעס העלזועהען, דאָס גאַנצע רייכטום פון אן אויסערגעוועהנלאך אויסגעפּרובירטעס לעבען.

אזוי פיל לעבנס כחות אין איין אָרגאַניזם, אזא וויטאַליטעט, קראַפט און ענערגיע, וואָס שטראָמט אומאויסשעפלאך פון די פאַר־באָרגענסטע קוואַלען, ווי עס שיינט צו זיין פון גאָרקי׳ס נאַטור, האָבען געמוזט ארויסברייגען די וויזיאָן פון א לעבענס־פּראָצעס, ווי א פּראָצעס פון שאפען אידעען, אויפקלייבען און אָנזאַמלען דער־פאַרונגען אין דער גאַנצער מיסטעריע און געהיימניס פון לעבען זעלבסט.

פון דאַנען פליסט דער מעכטיגער שטראָם פון גאָרקי׳ס ריין מענשלאכע פּאָעטישע מאָטיוען.

דער איבערפלוס פון איבערלעבענישען, וואָס אַנטדעקט און אנט־פלעקט און ניט דער מאַנגעל אין ערייגענישען, וואָס טרייבט צו רעפלעקטירען און מעדיטירען, האָט ארויסגערופען זיין זעלבסט־באַוואוסטזיין, אלס שעפערישער קינסטלער.

און געטריבען דורך אקטיווען און אקטועלען אנטייל אין דיי־רעקטער פאַרבינדונג מיט די עלעמענטען פון לעבען איז זיין פּאַטאָס פאַר דעם מענשען געשטיגען.

זיינע לירישע הימנען און דער אפּאטעאָז פון דעם מענשען שאַ־פען איינעם פון די אָריגינעלסטע שטריכען פון דער גאַנצער רוסישער ליטעראַטור, אויב ניט אין דער וועלט־ליטעראַטור.

גאָרקי האָט אָפּגעפּרישט דעם גלויבען און די האָפנונג אויף דעם מענשען, דעם „בחיר היצירים״, אין דער צייט, ווען אין איראָפּא

איז עס אָפּגעשוואַכט און אויסגעלאָשען געוואָרען און אויף דעם גייס־טיגען האָריזאָנט האָבען זיך באוויזען די שאָטענס פון דעם „סופּער מענש".

ער האָט נאָך אַמאָל פּראָקלאַמירט די מענשלאַכע רעכט, באַנייט דעם זעלבסט־באַוואוסטזיין און אויפגעהויבען די זעלבסט־ווירדע און שטאָלץ.

אָבער און ווידער אַמאָל הערט זיך דער פּאַטעטישער אויסרוף און שלאַגוואָרט: „אַלץ — אין דעם מענשען, אַלץ — פאַר דעם מענשען!", קלאַנגען, אין וועלכע עס הילכט אָב דער ווידערקול פון זיינע אייגענע שריט צו זעלבסט־אַנטפּלעקונג און זעלבסט־באַפעס־טיגונג אַלס גרויסער מענש און גרויסער קינסטלער.

אַזוי ריידען און באַוועגען זיך די פאַרשידענסטע טיפּען פון „געוועזענע מענשען" אין דער קאָלירפולער און פאַרבענרייכער גאַ־לעריע פון „באַרפוסע" אין דער ערשטער תקופה פון זיין שאַפען.

אַזוי באַהויפּטעט גאָרקי אַליין אין „פאָמאַ גאָרדיעעוו": „וואָס איז דער אמת? — דער מענש איז דער אמת" און אַזוי דריקט זיך אויס סאַטין צו לוקאַ׳ן אין „אויף דעם אָפּגרונט": „דער מענש, דאָס איז גרויסאַרטיג! מען דאַרף רעספּעקטירען דעם מענשען! ניט רחמנות האָבען... ניט דערנידעריגען איהם מיט מיטלייד... עהרען דאַרף מען איהם" א. ז. וו. א. ז. וו.

דערביי פאַרמירט זיך אין דעם דאָזיגען שאַפען יענע איינפאַכקייט און אוממיטעלבאַרע אייגענטימלאַכקייט פון סטיל, וואָס ציינט אויף די דירעקטע שפּורען און צייכען פון פּערזענלאַכער דערפאַרונג, פון וועלכער גאָרקי האָט אַרויסגעבראַכט און אויסגעשמידט דעם „הינטער־גרונט" מענשען, דעם „געוועזענעם" און אויף דאָס ניי דורך דעם קינסטלער געוואָרענעם, דעם פּשוט׳ן אָדער פאַראיינפאַכטען עלעמענ־טאַרען טרעגער פון מענשלאַכען געדאַנק, דעם סטיכישען אויסדרוק פון פּרימיטיווע אינסטינקטען און געפיהלען.

אין דער גאַנצער רייהע פון טיפּען און פיגורען פון דעם „באָ־סיאַק", וואָס ער האָט געשאַפען אין דעם ערשטען פּעריאָד, קאָן מען אויסצייכענען און אָנדייטען די באַזונדערע פאַרשטעהער, וועלכע פאַר־טרעטען און רעפּרעזענטירען די פאַרשידענסטע ריכטונגען אין דער דאָזיגער, כאָטש גאַנץ עלעמענטאַרער, דערשיינונג.

צווישען אַנדערע קאָן מען אָנווייזען אויף א טיפּ פון גייסטיגען

פירער אין דעם דאָזיגען מענשלאַכען אַפּפּאַל, פירער און אויך גע־פירטע, וואנדערער אויס ספּעציעלער נייגונג און דראנג, זוכער און נישטערער, פּרעדיגער פון פּרינציפּען, וועלכע טראָגען דעם פרייען אמת אין זיך, און די וואָס וואַרפען זיך אונטער זייער ווירקונג און ווערען באַהערשט פון זיי.

אָבער אומעטום, מעג גאָרקי באַקליידען זיינע העלדען מיט זיין אייגענער שפּראַך, פיגורירען זיי אליין אין זייער איינפאַכסטער, אָפט זייער רויער און ברוטאַלער מענשלאַכער געשטאַלט און שלעפּען מיט זיך נאָך די אוראַלטע און אייביג נייע מענשלאַכע פּראָבלעמען מיט דעם גאַנצען זעעלישען הינטערגרונט.

„מען דאַרף געבאָרען ווערען אין דער קולטורעלער געזעלשאַפט, בכדי צו געפינען אין זיך געדולד אויף צו דורכלעבען דאָס גאנצע לעבען דאָרטען און קיין איינציגען מאָל ניט פאַרלאַנגען צו אוועק־געהן פון דער ספערע פון די אלע ליגענס, שווערע קאָנווענציאָנען, פון מנהגים, קליינע גיפטיגע ליגענס, קרענקלאַכען עגאָאיזם, אידע־אישע צושפּליטערטקייט און יעדע אומאויפריכטיגקייט"...

אזוי זעהט גאָרקי צו יענער צייט די גאַנצע געזעלשאַפט און שאַפט א ספערע פון פּראָטעסט און זעעלישער אויפרעגונג און עכטער רעוואָלוציאָנערער עמפּערונג, וועלכע דראָהט צו עקספּלאָ־דירען און צושטערען די סאַמע גרונד־יסודות פון דער איינגעוואָר־צעלטער טראַדיציע, פון די איינגעשטעלטע און פארגליווערטע פאָר־מען פון לעבען.

גאָרקי האָט ניט נאָר פערזענלאַך באַאָבאַכטעט, נאָר אויך קינסט־לעריש אנטדעקט דעם פרייען רעוואָלטירענדען מענשלאַכען געמיט אין דעם סאַמע אויסוואורף און אָפּוואורף פון דער געזעלשאַפט, אין דעם אָפּזאַץ פון די נידעריגסטע שיכטען און האָט זיך אליין געשטעלט אין זייער אוואַנגאַרד.

דאָס אליין האָט געגעבען גענוג גרונט פאַר זיין פענאָמענאַלען רוהם, וואָס ער האָט באַקומען.

מיט זיין ערשטען פּעריאָד שאַפען, וועלכער נעמט ארום אלע זיינע ווערק ביז כמעט „דאָס שטעדטעל אָקוראָוו" און זיינע מעמוּ־אַרען און עראינערונגס ווערק, איז גאָרקי געוואָרען דער גייסטיגער פירער און וועג־ווייזער פון דער רוסישער פרייהייטס־באַוועגונג אין דער פאָר־רעוואָלוציאָנערער צייט און נאָך 1905 ביז דעם וועלט־שטורם און אויסברוך.

2

אָבער מיט דער רייע דראַמאַטישע ווערק ווי „קליינבירגער" (מעשצאַנע) „אויף דעם אָפּגרונט" (נאַ דנע) „די קינדער פון דער זון" א. ז. וו., וועלכע האָבען פאַרטגעזעצט די גרויסע פּאָפּולאַריטעט פון גאָרקי׳ן און כמעט פארענדיגט דעם ערשטען פעריאָד פון זיין שאַפען — איז דאָך אָנגעקומען אַ מין צייטווייליגע אויסשעפּונג, ווען ער האָט אָנגעהויבען צו ווערען שטאַרק פּובליציסטיש.

אנשטאָט דעם שעהנעם ראָמאַנטישען שוואונג, אָנגעהויכט מיט שטאָלץ און קראַפט און פייער און ליידענשאפט און אויפגעלעבטקייט, זיינען געקומען טרוקענע פארמולעס און דאָקטרינעס („באַרבאַרען", „שונאים", „אין אמעריקא", „מיינע אינטערוויוס").

אין יענעם מאָמענט (ארום 1906) האָבען קריטיקער גענומען פּאַראויסזאָגען „די ענדע פון גארקי׳ן"; זיינען זייערע נביאות אָבער צום גליק פון דער רוסישער ליטעראַטור, ניט מקוים געוואָרען.

פון די טיפענישען פון דער לעגענדארישער פּאָעטישער פּערזענ־לאַכקייט, נאָך אַ פּאָר יאָהר הפסקה, האָט גענומען שטראָמען נייע קוואַלען פון עכטען אָריגינעלען און אייגענאַרטיגען קינסטלערישען שאַפען און עס האָט אַ שפּאַר געטאָן אַ כוואַליע פון שעפערישע געדאַנקען און לעבעדיגע בילדער.

גאָרקי קערט זיך אום צו זיינע באַליבטע מאָטיווען און שטימונגען און צו יענער אומגעבונג, וועלכע האָט איהם אויפגעצויגען און ארויס־געבראכט אלס גרויסען קינסטלער און פּאָעט און האָט איהם געגעבען דעם נאָמען פון איינעם פון די באַליבטע רוסישע שרייבער.

צום אָנהויב ניט מיט זיכערע טריט צוריקקערענדיג צום קינסט־לערישען שאַפען מיט זיין ווערק „די מוטער" און „וודוי", איז ער ביסלאַכווייז צוריק ארויף אויף דעם ברייטען וועג פון זיין אייגענטלאַך אָריגינעלען עכטען שאַפען. אין דעם „שטעדטעל אקוראוו" און „די געשיכטע פון מאַטווי קאַשזעמיאַקין" האָט אויפסניי אַ שפּיל געטאָן דער גרויסער טאַלאַנט אין זיין נייער אנטוויקלונג אין דעם עפּישען רוהיגען טאָן אקעגען דעם שטורם און פּראָטעסט, אומרוהיגקייט און אימפּעט פון ערשטען פעריאָד. דער מעלאָדראַמאַטישער פּאַטאָס איז פאַרשוואונדען און עס קלינגען טענער אומעטיגע, אָבער גלייכע און בארוהיגענדע.

די אידעאָלאָגיע פון גאָרקי, די אלגעמיינע קאָנצעפּציע פון זיין אומרוהיגער און פּראָטעסטירענדער וועלט־אנשויאונג איז געבליבען. באַשרייבענדיג דאָס „אקוראווישע" לעבען האָט גאָרקי פּאַקטיש אויס־געברייטערט די ספערע פון זיינע באָאָבאַכטונגען און באַטראַכטונגען ביז צו די געדאנקען וועגען דעם, „וואָס איז אזוינס רוסלאנד און פאַר וואָס איז אין איהר אזוי שווער די מענשען צו לעבען, פאַר־וואָס זיינען זיי אלץ אזעלכע אומגליקלאכע און צושראָקענע, אדער אומגליקלאכע און אומבאוועגלאכע און ווי פארשטיינערטע", ווי מאַנ־סוראָוו זאָגט אין בריף צו קאזשעמיאקין.

גאָרקי באשרייבט דאָ די גאנצע ווילדקייט, אוממענשלאכקייט, שכרות און הולטייסטוואָ, פּאַרטעמפּטקייט און זאָרגלאָזיגקייט, אָרימקייט און נידעריגקייט פון די פּאָלקס־מאַסען.

ער באַשרייבט די אלגעמיינע צעפאַלונג, וואָס עס הערשט און דראָהט אויף אלע געביטען פון לעבען אין אלע שיכטען, דעם ים פון שלעכטס און בייז, מיט וועלכען עס איז אָנגעפילט דאָס לעבען.

און דאָך שווימט ארויס א נייע באַרוהיגונג, א נייער אָפּטימיזם. „עס איז איצט דאָ מענשען, וועלכע האָבען אָנגעהויבען ריידען, אז אונזער צייט — איז ניט די צייט פון גרויסע אויפגאַבען, נאָר מ'יר דאַרפען זיך נעמען פאַר פשוטער, שוואַרצער, טאָג־טעגלאכער ארבייט, אז עס קאָן זיין די פשוטע ארבייט איז די גרעסטע אויפגאבע, דער אמת'ער הערא‏איזם", דאָס איז די נייע אויפגעוואַכטע שטימונג.

אין די מעמואַרען און עראינערונגס־ווערק, ווי „די קינדהייט", „צווישען מענשען" און „מיינע אוניווערזיטעטען", האָבען מיר פאַר זיך ענדלאך די עפּאָכע פון „דעם מענשען", וועלכען גאָרקי אידעאַ־ליזירט אזוי שטארק און פארהערלאכט אין זיין פּאָעטישער וויזיאָן פון איהם, וועלכע ער האָט אויסגעטראָגען אין זיין אייגענעם הארצען, די העלדישע ראָמאַנטישע פיגור, וועלכע גאָרקי אליין שטעלט מיט זיך פאַר מיט זיין גאנצען לעבען, פול און רייך מיט אויסערגעוועהנ־לאכע דערפארונגען און אנטוישונגען.

דאָס איז דאָך די הערא‏אישע פּערזאָן פון אלעקסעי פּעשקאָוו, וועלכער איז דורכגעגאנגען אזוי פיל פּורעניות און אָנשיקענישען אין לעבען, דער מענש, וועלכער איז פון סאָמער מילדער צייט־אַלטער אונטערגעוואָרפען געזוען אויף זיין לעבענס־גאַנג אונטער אזוי פיל הארטקייט און אכזריות, אזוי פיל שטערונגען און דערדריקונג, אזוי

פיל באליידיגונג און דערנידערונג און איז דאָך ארויס דער שטאָלצער און זיגער איבער דעם לעבען מיט אזא מעכטיגען שעפערישען דראנג, וועלכער דער שפּעטערדיגער פּעשקאָוו־גאָרקי וויקעלט פאנאַנדער.

„דער זיידע האָט מיך געשמיסען ביז איך האָב פארלאָרען דעם באַוואוסטזיין און עטלאכע טעג האָב איך געקרענקט, וואלגערענדיג זיך מיט׳ן רוקען ארויף אויף דעם ברייטען הייסען געלעגער אין דעם קליינינקען חדר מיט איין פענסטער און מיט א רויטע ניט אויסגע־לאָשענע לאמפּאדע אין ווינקעל פאר דעם הייליגען בילד מיט א סך איקאָנעס. די טעג פון ניט געזונט זיין זיינען פאר מיר געווען גרויסע טעג און אין משך פון די דאָזיגע טעג, ווייזט אויס, בין איך שטארק אויסגעוואקסען און האָב עפּעס געפיהלט זאָנדערבאר. פון יענע טעג האָט ביי מיר זיך באַוויזען אַן אומרוהיגע אויפמערקזאמקייט צו מענ־שען און אזוי, ווי מען זאָל פון מיין הארצען אָפּשינדען די הויט, איז עס (דאָס הארץ) געוואָרען אומדערטרעגלאך פיהלבאַר, עמפּינדלאך צו יעדער באליידיגונג און צו יעדען ווייטאָג, מיין אייגענעם און פרעמדען״.

אָט אזוי ווירקט אויף גאָרקי׳ן די גרויזאַמע אומעגבונג אַון די האַרטסטע אומשטענדען, וועלכע פארפיינערען די צאַרטסטע שעפערישע נייגונגען און עמפּינדלאכקייט פון יוגענט אָן.

שפּעטער באמערקען מיר יענע גייסטיגע דורשט און אומזע־טיגקייט, מיט וועלכע עס צייכענט זיך אויס דער גאַנצער שעפע־רישער דראַנג פון גאָרקי אויף זיין גאַנצער פּרוכטבאַרער און גלענ־צענדער קאַריערע.

„שבת, דערצעהלט דאָס אינגעל אלעקסעי, ארויסהענגענדיג די וועש אויפ׳ן בוידעם, פלעג איך זיך דערמאָנען וועגען דעם בוך. האָב דערטאפּט דאָס בוך אויפגעעפענט און איבערגעלעזען די ערשטע שורה: „הייזער ווי מענשען האָבען זייער פיזיאָנאָמיע״ און אָנגעהויבען צו לעזען, שטעהענדיג ביים צוהער־פענסטער, און געלעזען ביז איך בין ניט פאַרפרוירען געוואָרען און ביינאכט, ווען די בעל־הבתים זיינען אוועק אין קירכע, האָב איך דעם בוך אין קיך אראָפּגעטראָגען און פאַרזונקען געוואָרען אין די אויסגענוצטע בלעטער, עהנלאך צו די בוימער בלעטער אין הערבסט״.

לעזענדיג באזונדער „מיינע אוניווערזיטעטען״ זעהט מען וואָס פאר א גרויסען גייסטיגען כח, וואָס פאר ריזיגען רעזערוואר פון

ענערגיע און אומגעהייערען ווידערשטאנס־קראַפט אלעקסעי פּעשקאוו האָט געדארפט פארמאָגען, בכדי אויסצושטעהן די קלעפּ פון לעבען און ניט נאָר ניט פארלירען דעם „צלם אלהים״, נאָר נאָך אויפ־פלאַקערען יענע פונקען, וועלכע ער האָט פארמאָגט צו א העלישען פייער פון שעפערישער וויזיאָן און קינסטלערישער פארקערפערונג.

זעהענדיג פאר זיך און דורכמאכענדיג אליין דעם גאנצען גיהנום פון לעבען, די גאַנצע רשעות און בייז פון דער גרויזאַמער רוסישער ווירקלאכקייט, די וועהטאָגען, שרעקען און פּיין, זוכענדיג פארצווייפעלט „די באריהמטע באַזונגענע, ברייטע, שעהנע רוסישע נשמה״, האָט גאָרקי, מיט דעם נייעם וואוקס פון זיין טאַלאַנט, מיט דער עכטער קינסטלערישער דערגרייכונג, אין א נייעם און באנייטען שע־פערישען אויסדרוק, — ערשט איצט געפונען די וויזיאָן פון דעם מענשען, דעם עכטען מענשען, זיין אייגענטלאכע וויזיאָן, וועלכע ער האָט פאַרקערפערט אין זיין אייגענער שעפערישער פערזענלאכקייט, און וועלכע ער ווערט ניט מיד צו וואַריאירירען, בכדי פעסטער צו איבערצייגען אונז און ארויסרופען דאָס העלדישע אין דעם מענשען, אין יעדען מענשען.

„ביז דער צייט, ווען מיר וועלען זיך אויסלערנען צו ליבען דעם מענשען, ווי די שעהנסטע און וואונדערבארסטע דערשיינונג אויף אונזער פּלאַנעט — ביז דאַן וועלען מיר זיך ניט באפרייען פון די ליגענס און נידעריגקייטען אין אתזער לעבען. מיט דער דאָזיגער אי־בערצייגונג בין איך אריינגעטראָטען אין דער וועלט און מיט איהר וועל איך אוועק פון דער וועלט און, אוועקגעהענדיג, וועל איך גלויבען, אַז, ווען עס איז, וועט די וועלט אַנערקענען, אַז דער קדשי־קדשים איז דער מענש!״

אָט דאָס איז דער הויפּט־גרונד און אַנציהונג קראַפט פון גאָרקיס קינסטלערישער פערזענלאכקייט און שעפערישער מענשלאכקייט.